STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01489

DER EMES VEGN PALESTINA

Yaakov Levin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַרבײטער ביבליאָטעק — נומער 2—3

דער אמת

וועגען

פּאַלעסטינא

פון יעקב לעווין.

מיט א פאָררעדע פון א. ליטוואק.

פערלאג פון דער
אידישער סאָציאליסטישער פעדעראציאָן פון אמעריקא.
ניו יאָרק, 1917.

49

Copyright, 1916
by
Jewish Socialist Federation of America

אינהאלט:

זייט

פאָרוואָרט פון א. ליטוואק — — — — — — — — — — — — — — III.

פאָררעדע פון פערפאסער — — — — — — — — — — — — — 9

I. די יודישע קאָלאָניזאציע אין פאַ־לעסטינע.

1). דער צושטאנד פון דער קאָלאָניזאציע — — — — 12

2.) די אויסווייניגסטע פאקטאָרען; — — — — — — 27

3.) די איניווייניגסטע פאקטאָרען — — — — — — — 46

II. די ארבייטער פראגע אין פאַלעס־טינע.

1.) די לאנדווירטשאפטליכע ארבייטער — — — — — — 81

2.) די אראבישע ארבייטער — — — — — — — — — 83

3.) די עקאָנאָמישע סבות — — — — — — — — — — 85

4.) עקספלואטאציע און סעזאָן־ארבייט — — — — — — 88

5.) די מורא פאר די אראבער און די שנאה צום אידישען ארבייטער — — — — — — — — — — — — 92

6.) די מיטלען געגען די איבלען — — — — — — — 94

7.) די פערמעס — — — — — — — — — — — — — 98

8.) דאָס לעבען פון דעם יודישען לאנדווירטשאפטליכען ארבייטער — — — — — — — — — — — — 102

9.) די תימנ׳ער — — — — — — — — — — — — 107

III. די לאַנדווירטשאַפטליכע קאָפּעראַ־ציע אין פּאַלעסטינע. — — — 110

IV. דער קולטורעלער צושטאנד פון די יודען אין פאַלעסטינע.

1.) די אראבישע יודען — — — — — — — — — — 116

2.) די ספרדים — — — — — — — — — — — — 121

3.) די אשכנז׳ישע יודען; די חלוקה יודען — — — 125

4.) דער נייער ישוב — — — — — — — — — — 133

5.) דער נייעסטער ישוב — — — — — — — — — 139

ערקלערונגען — — — — — — — — — — — 158

פאָרוואָרט.

דאָס בוך, וואָס ליגט פאר אייך, רופט זיך: „דער אמת וועגען פאלעסטינע“. און עס פערדינט זיין נאָמען. דער פערפאסער, יעקב לעווין, איז געקומען מיט פאקטען. וועגען סברות קאָן מען דעבאטירען. לאָגישע אויספירונגען קאָן מען אָפּפרעגען. פאקטען זענען אייזען־פעסט. אין זיי רעדט די לאָגיק פון לעבען, וועלכע לאָזט זיך ניט אָפּפרעגען. זיי זענען דאָס לעבען אליין, וועלכע ברעכט אילוזיעס, מאכט א סוף צו פוסטע חלומות.

„דער אמת וועגען פאלעסטינע“. שוין לאנג צייט געווען, אזא בוך זאָל ערשיינען אין אידיש. אלץ, וואָס די ציוניסטען שרייבען וועגען פאלעסטינע, איז צוגעפוצט, צוגעשניטען, איינגעוויקעלט אין א געדיכטען שלייער פון מליצה, הכלל — ווייט פון אמת. א ציוניסט, ווען ער קומט אין פאלעסטינע אויף א קורצע ווײלע, קוקט ער אויף אלץ דורך ראָזאָווע ראמאנטישע ברילען. זעהט ער נור דעם אויסערליכען פוץ, ניט דעם אינעווענינסטען אינהאלט. די ציוניסטישע חברות, און די קאָלאָניסטען גופא, וועלכע קוקען אוים אויף שטיצע, האָבען זיך גוט אויסגעלערענט צו בעווייזען פאר געסט נור דעם יום־טוב'דיגען זייט. זיי זיינען גרויסע בריות צו מאכען פאראד, צו פערבאָרגען דעם אָרעמען שפּל'ן לעבען אונטער שעהן־געפארבטע דעקאָראציעס. בפרט אז די געסט אליין ווילען זיך לאָזען נארען: זיי זענען דאָך לכתחילה געקומען אין דאָס הייליגע לאנד צו חאפּען התפעלות. אנצוקווועלען פאר נחת.

די פערשידענע בעריכטען, וואָס די ציוניסטישע אינסטיטוציעס פערשפּרייטען צווישען עולם, זענען געשריבען, ווי ביליגע רעקלאָמעס, שרייעדיג, פול מיט גוזמאות. אין די ציוניסטישע דרשות פערבייט מען פאקטען אויף מליצות, דעם לעבעדיגען לעבען אויף מיילען־לאנגע אויסגעשריי־צייכענס. שרייבען ציוניסטען, וואָס וואָהנען לענגער אין לאנד און זענען בעקאנט מיט דער לאגע, האָבען זיי מורא זי צו שילדערען, ווי זי איז — עס זאָל חלילה ניט שאדען דער בעוועגונג. ניט זעלטען האָבען זיי מורא, עס זאָל טאקי זיי אליין ניט שאדען, זיי זאָלען ניט פערשריען ווערען פאר שונאי ציון, פאר פעררעטער. בעהאלטען זיי דעם אמת, שניידען זיי איהם ארום, דעקען זיי אָפּ א טפח און פערדעקען צוויי טפחים. אנדערע ווידער האלטען,

אז דער ציעל היילינגט די מיטלען, ערלויבען זיי זיך צו שילדערען די לאגע אין פאלעסטינע, ניט ווי זי איז, נור ווי זיי וואָלטען וועלען, זי זאָל זיין; לאָזען זיי די פאנטאַזיע אין דער ארבייט. אויף אַזאַ'ן אופן איז בעשאפען געוואָרען א לעגענדע, אז דאָס לעבען אין די קאָלאָניעס איז א גן עדן, זאט, געזונד, צופרידען, פול מיט אידעאליזם און בעגייסטערונג; אז אין פאלעסטינע בליהט די אידישע צוקונפט, וואקסט א נייער איד, א גאנצער, אלזייטיגער, מיט א געזונטער נשמה אין אַ געזונטען גוף; אז פאלעסטינע ווערט א צענטר פאר אן אלט־נייער אידישער קולטור.

אין העברעאיש קאנט איהר נאָך אמאָל געפינען אן אמת וואָרט וועגען פאלעסטינע. קומט אַזאַ אונאפהענגיגער מענש, ווי אחד העם, און זאָגט ארויס דעם ריינעם אמת. פאראַנען אין פאלעסטינע אַן אַרבייטער־צייטונג „הפועל הצעיר“ (ניט קיין פועל־ציוניסטישע). דער „הפועל הצעיר“ איז ניט קיין רעקלאמע פאר לעזער פון גלות; דאָס איז אן אָרגאַן, וועלכער וויל דינען די אינטערעסען פון די אַרבייטער אין פאלעסטינע גופא. זיינע מיטאַרבייטער קאנען זיך ניט שפילען אין מליצות. זיי מוזען נעהמען די לאגע, ווי זי איז, בעטראַכטען די פראגען פון לעבען אָהן דעקאָראציעס און אָהן הענדשקעס. אַיין יאהרגאנג „הפועל הצעיר“ איז דערום גענוג צו צעשטערען לעגענדעס, וועלכע די ציוניסטען האָבען געשפונען יאהרען לאנג. און די מיטגלידער פון „הפועל הצעיר“ זענען ניט קיין שונאי ציון; דאָס זענען אלץ כשר'ע ציוניסטען, וואָס ווילען קיין בלבולים ניט מאכען.

דאָס איז אָבער אלץ אין העברעאיש, אין אידיש איז זעהר שווער בעקאנט צו ווערען מיט דער פאקטישער ניט־געפארבטער לאגע אין פאלעסטינע. פאר דער מאסע טאָר מען דאָך דעם אמת ניט אויסזאגען... און אין ארץ ישראל גופא זענען קיין אידישע צייטשריפטען ניטאָ. דאָס אידישע געדרוקטע ווארט איז דאָרטען בכלל אין חרם. די פאָר ביכלאך „דאָס לאנד“, וואָס די פועלי־ציון האָבען ארויסגעגעבען, זענען אפילו געדרוקט אין פאלעסטינע, אבער געשריבען זענען זיי פאר די ארבייטער אין חוץ־לארץ, און קיין אמת וועט איהר דאָרטען ניט געפינען. איז קיין חדוש ניט, וואָס דער לעזער געפינט זיך אין גאנצען אין נעץ פון אילוזיעס, און ניט נור געגנער, אפילו ציוניסטען גופא ווייסען אָפט אויך ניט, וואָס עס טוט זיך אין ציון.

די לעצטע צייט האָבען זיך אין אידיש יא בעוויזען איינצעלנע

ארטיקלען וועגען דער פּאַקטישער לאַגע אין פּאַלעסטינע. די וויכ־טיגסטע פון זיי זענען אפשר די ארטיקלען פון היערי (פּאַליעסקין). זיי דעקען אבער אויף נור איינצעלנע טיילען פון דער לאַגע, ניט די לאַגע אין גאַנצען. יעקב לעווין איז דער ערשטער, וועלכער גיט א פולשטענדיג בילד פון אלץ, וואָס עס טוט זיך אין פּאַלעסטינע.

עס טרעפט, אז א געגנער הויבט אויף א ווינקעל פון'ם גע־פאַרבטען פאָרהאַנג און ווייזט אייך די ניט געפאַרבטע ווירקליכ־קייט, טוט ער עס צו פּאָלעמיש, מיט צופיל שאַרפקייט, און אמאָל בויגט ער איבער דעם שטעקען אין צווייטען זייט אזוי, אז די אונ־פּאַרטייאישע לעזער האָבען וועניג צוטרויען צו דעם, וואָס ער בע־ווייזט זיי, און ציוניסטען הויבען ניט אָן צו גלויבען. יעקב לעווינס־טאָן איז אביעקטיוו, אָהן פּאָלעמיק, אָהן קולות. ער גיט צו דאָס וואָס מען מוז צוגעבען; אנערקענט דאָס, וואָס פערדינט אנערקע־נונג. זיינע ווערטער אפּעלירען דערום צום לעזער. איהר גלויבט איהם, איהר מוזט איהם גלויבען, ווייל ניט ער רעדט, די פאַקטען רעדען. איהר מעגט זיין ניט איינשטימיג מיט דער אָדער יענער מיינונג זיינער; איהר קאַנט האָבען וואָס אויסצוזעצען געגען די אָדער יענע ערקלעהרונג. די פאַקטען, וואָס ער ברענגט, מוזט איהר אננעה־מען. אויף זיי ליגט די חתימה פון אמת.

עס מאַכט זיך, ווען די פאַקטען זענען אזוי שאַרף, אזוי בולט, אז אפּלייקענען זיי קאַן מען ניט, שרייען די ציוניסטען, אז דאָס זענען נור צופעליגע פאַקטען, פון וועלכע מען קאַן גאַרנישט ניט דרינגען. די פאַקטען, וואָס יעקב לעווין ברענגט, זענען אזוי פיל, אזוי אַלזייטיג, אזוי סיסטעמאַטיש צוזאַמענגעשטעלט, אז ווען דער מחבר וואָלט אפילו ניט געקומען צו קיין שום שלוס, וואָלטען די לע־זער אליין ניט ווילענדיג געדרונגען, אז „דאָס לאַנד פון אונזערע אבות איז ניט קיין לאַנד פאַר אונז און פאַר אונזערע קינדער".

איך האָב געלייענט אינ'ם בוך, וואָס ליגט פאַר מיר, וועגען דער נידעריגער קולטורעלער מדרגה פון די אידען, וועלכע האָבען די לאַנ־גע הונדערטער יאהרען פון אונזער גלות פערבראַכט אין אזיען, נאָ־הענט צו דער וויגעלע פון אונזער געשיכטע. די אראַבישע אידען, האַלב־ווילדע, פערגרעבטע, וועלכע דערמאָהנען אָפט אָן מענשען פון פאַר'ן מבול. די פּאַלעסטינער ספרדים, וועלכע זענען שוין אויף שעה־נע עטליכע הונדערט יאָהר פערוואָגעלט פון אייראָפּע, די קאַווקאַזער און בוכאַרער אידען — זיי האָבען כמעט קיין סימן ניט פון קולטור, ניט פון אלגעמיינע, ניט פון אידישע. געלייענט די בעשרייבונג פון די חלוקה־אידען, וועלכע שטעהען איצטער אויף אזאַ מדרגה, אויף

וועלכע אונזערע אידען אין פוילען זענען געשטאנען אפשר מיט 150 יאהר צוריק. וועגען דער קולטור־לאזיגקייט פון׳ם נייעם ישוב און דעם טרויריגען סך הכל, וואס יעקב לעווין מאכט: „אין פא־לעסטינע איז אין דער אמת׳ן פאראן איצט ניט קיין גייסטיגער צענטר, נור קולטורעלע און גייסטיגע ארעמקייט. די גרעסטע מער־הייט, 85% פון דער אידישער בעפעלקערונג אין פאלעסטינע איז די ערגסטע, די פסלת וואס דאס אידישע פאלק פערמאגט, און פון די איבעריגע האבען א קולטורעלען אויסזעהען נור די, וואס זענען ניט לאנג אין לאנד, וועלכע האבען זיך אזוי צו זאגען נאך ניט פאלעס־טיניזירט. אלץ, וואס עס איז אפ א געוויסע צייט אין פאלעסטינע, ווערט גייסטיג ארעמער, פערגרעבטער, איינגזיכטיגער... די ערשטע קאלאניסטען זענען נאך געווען אידעאליסטען, מענשען פון העכע־רען ראנג; זייערע זיהן זענען שוין פשוט׳ע פויערים, און דער איצטי־גער דור פון די קליינע קינדער זענען שוין גאר פערטעמפטע און פערגרעבטע. די געבארענע פאלעסטינער לעהרער — זענען די ערגס־טע; די פאלעסטינער פרעסע, וואס ווערט ארויסגעגעבען פון פא־לעסטינער געבארענע, איז מאקולאטור. איירפא און אמעריקע שיקען אין פאלעסטינע קולטורעלע מענשען, און די פאלעסטינער בע־דינגונגען מאכען פון זיי מיט דער צייט קולטורלאזע אריענטאלער".

איך לייען דאס אלץ און דערמאהן זיך אן די אריענטאלער בכלל, אן די ניט אידישע אריענטאלער, אונזערע אמאליגע שכנים, די אראבער, די פערסער און אלע אנדערע פעלקער, וועלכע האבען געהאט דעם שלים מזל צו וואהנען אין די פערוואָרפענע ווינקלאך, ווייט פון דעם ברייטען וועג פון דער געשיכטע. און עס שווימען ביי מיר ארויף געדאנקען איבער מזרח און מערב; וועגען, איבער וועלכע די געשיכטע איז געגאנגען אמאל אין די גאר אלטע צייטען, און וועגען, איבער וועלכע זי געהט די לעצטע טויזענד יאהר; פעלקער, וועלכע וואהנען ביים היסטארישען וועג און מאכען־מיט דעם גאנג פון דער געשיכטע, און פעלקער פראווינציאלען, פעלקער ישוב׳ני־קעס. און קלעהר איך וועגען דעם, דוכט זיך מיר, אז מיר דארפען זיין דאנקבאר אונזער מזל, וואס האט אונז נאכ׳ן חורבן ארויסגע־ריסען פון אזיען און פערפלאנצט אין איירפא און אין אמעריקע, אין קעסעל גרוב פון די היסטארישע וועלטגעשעהנישען, וואו מיר האַ־בען אנטייל גענומען אין אלע בעוועגונגען פון דער נייער צייט, גע־שאפען און געהאט די השפעה פון שאפען, וואו מיר זענען געווארען מערב־מענשען און ניט קיין מזרח־מענשען. ווען מיר וואלטען געבלי־בען היניען אין אזיען, וואלטען מיר איצט געווען אזעלכע פערשימעל־

טע, ווי די טאַטערען, ווי די אראבער. ווען מיר וואָלטען געבליבען אין די ווינקעלאך, וואָס די שכינה פון ענטוויקלונג האָט זיך פון זיי אָפּגעטהאָן, וואָלטען מיר איצט געהאט אזא פּנים, ווי די תימנים, ווי די אראבישע אידען. אונזער היסטאָרישער וועג איז געווען פער־בונדען מיט לײדען, געוויס, און דאָך וואָלטען מיר זיך ניט בייטען מיט די אראַבישע אידען און מיט די אראבער גופא אויך ניט. אונז האָט די געשיכטע אָנגעטהאָן די דערנער־קרוין. זיי האָבען געהאט דערנער אָהן א קרוין.

איך זאָג דאָס געגען די אידעאַליסטען פון ווינקעלע, די ראָ־מאַנטיקער פונ׳ם פערשלאָפענעם מזרח, וועלכע האָבען פיינד דעם היינטיגען אידען פון אייראָפּע און אמעריקע און בענקען אזוי שטארק נאָך דעם אזיאַטישען אידען; וועלכע ווילען נעהמען אונזער לאַנגע געשיכטע פון מערב און דערטרינקען אין די שווערע וואַ־סערן פון ים המלח, אריינשפּארען אין די ענגע ברעגעס פונ׳ם מזרח־דיגען ירדן.

פאררעדע:

פאַר וואָס און מיט וואָס פאַר אַ ציעל בין איך געפאָהרען קיין פאַלעסטינע?

דאָס איז געוועזן אין 1911. איך בין דאַמאָלסט געוועזן אַ סטודענט אין אַן אַגראָנאָם־שולע אין פעטערבורג. און די ארומיגע בעדינגונגען זענען געוועזן אזוינע, אז זיי האָבען מיך כמעט געטריבען אָבצופאָהרען פון רוסלאַנד. מען האָט מיך געהאַט ארויסגעשיקט פון פעטערבורג. ביים דערזעהען אַ פאָליציימאַן אָדער אַ זשאַנדאַרם פלעג איך זיך פיהלען אמת שלעכט. ביים געדאַנק אז יעדער קנעפעל קען צו יעדער צייט מיך ארעסטירען; אז איך בין קיינמאָל ניט זיכער מיט מאָרגענדיגען טאָג, מיט דער נעכסטער שעה אפילו; אַז יעדע מינוט קאָנען מיינע שריפטען, מיינע ביכער, אפילו מיינע בריף און די בילדער פון מיינע פריינד אריינפאַלען אין די הענד פון אָכראַנע — פלעגט ביי מיר אוועק יעדער ווילען צו ארבייטען, צו טהון וואָס עס איז. איך האָב מיך דאַמאָלסט אזוי געפיהלט, ווי אויף מיינע הענד און פיס וואָלטען שווערע קייטען געווען, און איך האָב בעשטימט אָבצופאָהרען פון רוסלאַנד.

נאָך מיט אַ געוויסער צייט פריהער האָב איך געוואָלט זיך בעקאָנען מיט די קולטורען פון די ווארימערע געגענדען. איך האָב גראַדע געהאַט ניט קיין שלעכטע אַגראָנאָמישע פראַקטיק אין דער צפון־מערב׳דיגער געגענד פון רוסלאַנד. איך האָב אָבער געוואָלט זיך נעהענטער צוקוקען אויך צו די ווארימערע קולטורען. דערצו האָב איך אין רוסלאַנד געדארפט פאָהרען אין קרים אָדער אויף קאַווקאַז. אַלס יוד אָבער האָב איך אהין קיין צוטריט ניט געהאַט. איך האָב דערפאַר איצט בעשטימט אויב שוין פאָהרען — איז אין אַן׳אָרט מיט אַ ווארימערען קלימאַט, וואו איך זאָל קאָנען בעפרידיגען מיין וואונש — נעהענטער בעקאָנען זיך מיט די קולטורען פון די דאָזיגע געגענדען. און איך האָב זיך אָבגעשטעלט אויף פאַלעסטינע.

נאָר עס איז געווען נאָך איין אורזאַכע איבער וועלכער איך האָב בעשטימט אַלס אָרט פון מיין רייזע — פאַלעסטינע. די שטאָדט מיט איהר רעש און איינגעלאָף, מיט איהר פערשטיקטער לופט און גרויעם פונ׳ם רויך הימעל, מיט איהר אָרימקייט און לוקסוס און מיט איהר שרעקליכער עקספּלואַטאַציע האָבען מיך שוין גאַנץ לאַנג אָבגעשטויסען פון זיך. איך האָב געוואָלט איינאָרדנען זיך ערגעץ נעהענטער צו דער נאַטור, אויף דער פרייער לופט, וואו דער הימעל און די שטערען זאָלען ניט זיין פערשטעלט פון מיר דורך די הויכע שטיינערנע מויערן. כדי איך זאָל זיך קאָנען איינ־

אָרדנען ביי דער ערד, האָב איך אויך אָנגעהויבען צו שטודירען אַגראָנאָמיע. נאָר איינאָרדנען זיך ערגעץ איינער אַליין, ווייט פון דער סביבה, אין וועלכער איך בין אויפגעוואַקסען, מיט וועלכער איך בין צוזאמענגעוואַקסען און וועלכע איז מיר טייער — איך מיין פון דער אידישער סביבה — דאָס האָב איך ניט געקאָנט און ניט געוואָלט. איך האָב געוואָלט — אויב שוין איינאָרדנען זיך ביי ערד — איז אין אַזאַ אָרט, וואו עס קען זיך אויסבילדען אַ בעדייטענדער יודישער קאָלאָניזאַציאָנס־ישוב, וועלכער זאָל שטעהן לויט זיין קולטורעלען אויסזעהן אויף דער הויך וועניגסטענס פון דער היינטיגער ציוויליזירטער וועלט, און וואו איך זאָל קאָנען פאָרטזעצען אַ קולטורעל לעבען; אין אַזאַ אָרט, וואו עס קאָן ווען עס איז ווערען דער הויפּט צענטער פון דעם יודענטום.

וואו איז אָבער דער אָרט פאַר אַזאַ ישוב?

און דאָ איז ביי מיר אויפגעקומען די פראַגע: און אפשר פאָרט פּאַלעסטינע? אמת, די ס. ט. האָבען זיך אלע מאָל בעצויגען נעגאַטיוו צו פּאַלעסטינע, אַלס צו אַנ׳אָרט פון יודישער קאָלאָניזאַציע. אָבער צו האָבען זיי ווען עס איז געפּרובט אויספאָרשען דאָס דאָזיגע לאַנד, איידער זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט פון איהם? אפשר איז דאָך מעגליך, אַז אין פּאַלעסטינע זאָל זיך אויסבילדען אַ בעדייטענדער יודישער קאָלאָניזאַציאָנס־ישוב, אַ בעדייטענדער יודישער עקאָנאָמישער און גייסטיגער צענטער? די ידיעות וועגען פּאַלעסטינע, וועלכע איך האָב ביז דאַמאָלס געהאַט פון דער ציוניסטישער פּרעסע און פון די וועניגע ביכלעך, האָבען מיר ניט געקאָנט געבען קיין קלאָרען ענטפער אויף דער פראַגע. צו אויבערפלעכליך און ווידערשפּרעכענד זענען זיי געווען.

און איך האָב בעשטימט צו פאָהרען אין פּאַלעסטינע, כדי צו גלייך שוין בעקאָנען זיך מיט די בעדינגונגען פון דער דאָרטיגער יודישער קאָלאָניזאַציע, און מיט די אויסזיכטען, וועלכע זי האָט אויף להבא. און מיט דער האָפענונג, אַז אפשר וועל איך אין גיכען זיך שוין אָנמערקען אַנ׳אָרט, וואָס וועט ווערען מיין נייע שטענדיגע היים און מיין נייער שטענדיגער ארבייטס־פּלאַץ, בין איך אוועקגעפאָהרען קיין פּאַלעסטינע.

איך האָב אויסגעארבייט פאַר זיך אַ געגויעם פּלאַן, לויט וועלכען איך האָב געוואָלט צוקוקען זיך און ערלערנען די דאָרטיגע נאַטורבעדינגונגען, קאָלאָניזאַציאָנס־בעדינגונגען און דאָס יודישע לעבען דאָרט. און אין משך פונ׳ם האלב יאָהר אַנ׳ערך וואָס איך בין אָבגעווען אין פּאַלעסטינע, האָט זיך מיר איינגעגעבען צו דערוויסען וועגען איהר מעהר, איידער איך האָב אַליין געקאָנט ערוואַרטען. פון איין זייט די ידיעות, וועלכע זענען נויטיג אום צו בעקאָנען זיך מיט יעדער קאָלאָניזאַציע — און וועלכע איך האָב אין אַ געוויסען גראַד פערמאָגט — און דער ווילען צו בעקאָנען זיך מיט איהר נעהענטער — וואָס איך האָב געהאַט אין אַ גרויסער מאָס — און פון דער אַנדער

זייט די אפענהערציגקייט און די גרייטקייט כמעט פון יעדען יודען דארט צו דערצעהלען אייך מעהר נאך איידער איהר פרעגט, האבען מיר זעהר פיעל מיטגעהאלפען אין מיין ארבייט. איך האב אומעטום און אלע מאל געזוכט צו קריגען די נויטיגע ידיעות אזוי צוזאגען פון דער ערשטער האנד, פון מקור, און מיר האט זיך דאס כמעט אלע מאל איינגעגעבען.

צו האט פאלעסטינע פערשטארקט די האפנונגען, וועלכע איך האב אויף איהר געלעגט — זי זאל ווערען מיין נייע פעסטע שטענדיגע היים, אלס אנ'ארט פאר א גרויסער יודישער קאלאניזאציע?

איך בין געוועזען אין פאלעסטינע אין די אלע ערטער, וואו עס זענען נאר פאראן וויפיעל עס איז יודען; דעם גרעסטען טייל פאלעסטינע: פון עקרון ביז פתח־תקוה, פון הדרה ביז אטליט, פון מרחביה ביז מעטולע און פון יפו ביז ירושלים—בין איך דורכגעגאנגען צופוס, אפט צו עטליכע מאל. אומעטום האב איך זיך צוגעקוקט, פונאנדער געפרעגט, צונויפגעקליבען די פערשיעדענע סטאטיסטישע ידיעות און בכלל אנגעזאמעלט א גרויסען מאטעריאל וועגען די פערשיעדענסטע זייטען פונ'ם יודישען לעבען און דער אידישער קאלאניזאציע אין פאלעסטינע. דאס ביכעל, וואס ליגט דא פאר'ן לעזער שטעלט פאר די בעארבייטונג פון דעם דאזיגען מאטעריאל און דארף געבען אנ'ענטפער אויף דער פראגע, וואס איך האב געשטעלט.

צוערשט האט פאלעסטינע מיט איהר שעהנער נאטור, מיט איהרע נייע פאר מיר בעדינגונגען און פארמען פון לעבען געמאכט אויף מיר זעהר א גוטען איינדרוק. נאר וואס נעהענטער איך האב זיך צוגעקוקט, וואס מעהר איך האב דערזעהן דעם וואך פון פאלעסטיגער לעבען, וואס טיעפער איך בין ארייננעדרונגען אין דעם אנאליז פון דער דארטיגער ווירטשאפט, בכלל וואס גענויער איך האב זיך בעקאנט מיט דעם דארטיגען לעבען, אלץ שוואכער איז געווארען דער ערשטער גוטער איינדרוק, און אלץ מעהר בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דאס לאנד פון אונזערע אבות איז ניט קיין לאנד פאר אונז און פאר אונזערע קינדער. און מיט א צושטערטער האפענונג האב איך פערלאזען דאס לאנד.

ניו יארק, מאי, 1916.

דער פערפאסער.

I.

די יודישע קאלאניזאציע אין פאלעסטינע.

ווי מען זאל ניט קוקען אויף דער יודישער קאלאניזאציע אין פאלעסטינא, צי ווי אויף אן אנהויב פון א קומענדיגען יודישען עקאנאמישען צענטר, צי נור ווי אויף איינעם פון די קאלאניזאציאנס־פרובען, וואס זיינען געמאכט געווארען די לעצטע 30 יאהר, — מוז די דאזיגע קאלאניזאציע ארויסרופען דעם גרעסטען אינטערעס ביי אלע, וואס אינטערעסירען זיך בכלל מיט יודישער קאלאניזאציע. דאס, וואס עס איז שוין אבגעטון געווארען אין פאלעסטינע, קאן אונז דיענען, אלס בעוויז, ווי ווייטער — ביי די קומענדיגע קאלאניזאציאנס־אונטערנעמונגען — צו טון, און נאך מעהר ווי און וואס ניט צו טון. סיי די פאזיטיווע זייטען פון דער פאלעסטינער קאלאניזאציע, סיי די נעגאטיווע — און איהרע פעהלער אפטמאל נאך מעהר, איידער איהרע פערדיענסטען — קאנען דעם יודישען פאלק ביי זיין ווייטערדיגער קאלאניזאטארישער ארבייט דיענען פאר דער בעסטער לעהרע: עס איז א התראה ניט איבערצו׳חזר׳ן יענע פעהלערן, וואס מען איז דארט בעגאנגען און וואס זיינען דארטען געווען, ווי שטיינער אויפ׳ן וועג. אויספארשען די דאזיגע קאלאניזאציע אין איהר געגענווארט און געשיכטע מוז זיין איינע פון די פארבעדינגונגען פאר איטליכער ווייטערדיגער יודישער קאלאניזאציע אין וואסער ארט דאס זאל ניט זיין.

.1

דער צושטאנד פון דער קאלאניזאציע

די פאלעסטינער יודישע קאלאניזאציע האט שוין א גאנץ בכבוד׳יגען עלטער. ווען מען זאל ניט רעכענען די פערמעס, וואס זיינען א פראדוקט פון דער ציוניסטישער ארבייט פון די לעצטע 7 יאהר, און די קליינע קאלאניעס: כנרת, מצפה, עין־גנים און באר־יעקב, וואס זיינען גאר די לעצטע עטליכע יאהר געגרינדעט געווארען, צעהלט א גאנצע רייה קאלאניעס אין דעם אונטערשטען גליל זייערע יאהרען שוין אויפ׳ן צווייטען צעהנדליג, פיעל קאלאניעס אין יהודה, שומרון און אין דעם אויבערשטען גליל שוין אויפ׳ן דריטען צעהנדליג, און איינ:ע: פתח־תקוה, ראשון, ראש־פנה און זכרון, זיינען שוין אפילו אלט א יאהר 30 און מעהר.

און דאך, קוקט מען זיך גוט צו צו די אלע פאלעסטינער קאלאניעס — מוז מען, צום בעדויערן, קאנסטאטירען, אז זיי שטעהען נאך עד היום ניט אויף א פעסטען באדען, אז פיעל פון זיי האבען נאך איצט אויך קיין כח צו לעבען אהן אויסוויינינגסטער הילף,

און איינִיגע רוקען זיך אפילו ביסלעכווייז סיסטעמאַטיש אראָב אַלץ נידעריגער, צום אונטערגאַנג. פאַרהאַן פיעל קאָלאָניעס, וואָס מאַכען דעם איינדרוק פון קריפּעלהאַפטיגע בעשעפּענישען, וועלכע זענען קינסטליך אַרויסגערופען געוואָרען צום לעבען און זענען פערשטאַרט און פערגליווערט געוואָרען, אָדער האָבען גאָר אָנגעהויבען צו גוסס'ען, ווי נור עס האָט אויפגעהערט דער גאָלד־רעגען, וואָס עס האָט זיך געגאָסען איבער זיי פון דעם באַראָנס אוצרות אָדער פון אַנדערע קוואַלען, און ווען זיי האָבען זיך געדאַרפט שטעלען אויף די אייגענע פיס.

אין פיעל קאָלאָניעס האָבען זיך פאַר די 8 יאָהר, זינט די אַדמיניסטראַציע האָט אויפגעהערט צו געבען רעגולערע תמיכה, אומגעביטען די קאָלאָניסטען פון פיעל ווירטשאַפטען שוין עטליכע מאָל. אַזוי האָט זיך אין סעדזשערע פאַר די 9 יאָהר, וואָס זי עקזיסטירט, שוין אומגעביטען 30 קאָלאָניסטען. אין מעטולע, בית־גן, כנרת, מעסחא זענען פאַראַן ווירטשאַפטען, וואו די קאָלאָניסטען האָבען זיך געביטען שוין צוויי, דריי מאָל, און אין יעמא — אפילו וואָס פיער מאָל. עס האָט זעהר פיעל מאָל געטראָפען די לעצטע יאָהרען, אַז אַ קאָלאָניסט איז אָב אין אַ קאָלאָניע אַ יאָהר, צוויי, דריי און דערנאָך לאָזט ער אוועק די ווירטשאַפט און אַנטלויפט. עס זענען דערפאַר אין אַ סך ערטער איצט אויך פאַרהאַן פרייע ווירטשאַפטען: אין יעמא ביז 12, אין מחנים אַ 6, אין מעטולע 5, אין בית־גן 5, אין סעדזשערע 3*).

---

*) די ציפער, וואָס איך גיב דאָ אַן און ווייטער, האָב איך גענומען פון פאָלגענדע מקורים: וועגען דער גרויס פון באָדען, הוצאות פון די קאָלאָניעס, רעגירונגס־שטייערן, וועגען די צאָהל קאָלאָניסטען, פרייע ווירטשאַפטען וכדומה האָב איך בעקומען ידיעות ביי די ועדים פון די קאָלאָניעס, איבערגעשריבען פון זייערע ביכער; די באַלאַנסען פון די באַיאַדערס (שייערס) האָב איך בעקומען ביי די קאָלאָניסטען על פּי רוב אויסגעשריבען פון זייערע נאָטיץ־ביכלעך, וואו עס זענען מיט דער גרעסטער גענויקייט פערצייכענט אַלע הוצאות און הכנסות פון שייער; ידיעות וועגען דער תבואה גערעטעניש פאַר פיעל יאָהרען, וועגען דעם צושטאַנד פון די קאָלאָניסטען. וועגען דער בעציהונג פון דער יק"א אַדמיניסטראַציע וכדומה — האָב איך גענומען פון די ערצעהלונגען פון פיעל קאָלאָניסטען אין יעדער קאָלאָניע בעזונדער. איך האָב זיך געסטאַרעט פון זייערע אַלעמענס ערצעהלונגען, וואָס פלעגען אָפט האָבען פערשיעדענע וואַריאַנטען, אַרויסנעמען דאָס, אין וואָס זיי פלעגען זיך אַלע צונויפגעהן און וואָס עס האָט מיר געדוכט צו זיין מעהר קרוב לאמת. צו דער לאַגע פון דער ווירטשאַפט און פון דער אַרבייט, צום לעבען פון די קאָלאָניסטען וכדומה האָב איך זיך פערזענליך צוגעקוקט און געסטאַרעט צו ערלערנען. די אַלע געבראַכטע ידיעות און ציפער, וואָס וועגען זיי איז, ניט אָנגעגעבען קיין אַנדער דאַטע, זענען פון יאָהר תרע"א.

אין פיעל קאָלאָניעס איז פאַר די לעצטע 8 יאָהר די צאָהל פון די קאָלאָניסטען ניט נור ניט פערגרעסערט געוואָרען, נאָר אפילו בעדייטענד פערקלענערט געוואָרען. אזוי איז אמאָל אין מעטולע געווען עטליכע און פערציג קאָלאָניסטען, איצטער נור 32. אין יעמא איז געווען 46, איצט נור 34. אין בית־גן געווען 16, איצט 11. אין מוצא געווען 12, איצט נור 5. אין קאסטינע געווען 19, איצט נור 12.

דאָס לעצטע יאָהר זענען אוועקגעפאָהרען אין אויסטראַליען אדער ארגענטינע: פון מעטולע 2 קאָלאָניסטען, פון יעמא 1, פון קאסטינע 1, פון עקרון 5. פערלאָזען זייער ווירטשאַפט און אוועקגעגאַנגען ערגיץ זוכען ארבייט אין לאַנד האָבען: אין קאסטינע 2, אין סעדזשערע 1, אין מעסחא 3, אין ראש־פנה 3,; אין מחנים זענען אוועק אַלע פאַמיליעס פון די גרוזינער קאָלאָניסטען.

נאָך גרעסער איז די צאָהל פון די, וועלכע האָבען אין אָנהויב פון יאָהר תרע"ב ניט געהאַט, מיט וואָס ארויסצוגעהן צו דער ארבייט און וועלכע האָבען נור אַ דאַנק דער נייער הילף פון דער אדמיניסטראַציע געקאָנט פערזייהען זייערע פעלדער. אזוי האָט מען צום סוף פון יאָהר תרע"א ביי אַלע מעטולער קאָלאָניסטען אַבגענומען זייער גאַנצען שייער פאַר'ן חוב, און עס איז דאָרט ביי אַלעמען, אויסער דרייען, ניט געבליבען, מיט וואָס צו דער ארבייט צוצוטרעטען. און ערשט נאָכדעם, ווי די אדמיניסטראַציע האָט אויסגעהאָלפען — איינעם מעהר, דעם אַנדערן ווענינער — זענען זיי ארויס אַקערן. די סעדזשערער קאָלאָניסטען (אויסער צוויי) האָבען דאָס יאָהר געמאַכט אַ שטרייק און דערקלערט, אַז זיי האָבען ניט, מיט וואָס ארויסצוגעהן צו דער אַרבייט, און די אַדמיניסטראַציע האָט זיי אויך געמוזט אויסהעלפען. אין ראש־פּנה האָבען דאָס יאָהר ניט געהאַט מיט וואָס אַרויסצוגעהן צו דער אַרבייט, 6 קאָלאָניסטען, אין מעסחא 5, אין מצפה כמעט אַלע.

און די דאָזיגע ערשיינונג איז ניט אַ פּראָדוקט פון אַן אונגעוועהנליכער ניט־גערעטעניש; ווייל דאָס יאָהר תרע"א איז גראַד געווען ניט קיין שלעכטס. אזוי צ. ב., איז דער מיטעלער איינטראָג פון ווייץ אין סעדזשערע 6—7 מאָל. און דער איינטראַג פון איינציגע קאָלאָניסטען פאַר'ן יאָהר תרע"א ווייזט:

נ—וו פון 9 כלי'ם אראָבגענומען 64 כלי'ם ד. ה. 7,1 מאָל
ה—ד פון 8 כלי'ם אראָבגענומען 60 כלי'ם ד. ה. 7,5 מאָל
מ—ר פון 10 כלי'ם אראָבגענומען 93 כלי'ם ד. ה. 9,3 מאָל

אין יעמא איז דער מיטעלער איינטראָג 7—8 מאָל, און אין תרע"א איז געווען:

ביי נ—ם פון 28 כלי'ם — 220 כלי'ם ד. ה. 7,85 מאָל
ביי מ—וו פון 15 כלי'ם — 120 כלי'ם ד. ה. 8 מאָל
ביי ש—ץ פון 15 כלי'ם — 140 כלי'ם ד. ה. 9,3 מאָל

און דאָס אייגענע אין אַנדערע קאָלאָניעס. די אָנגעוויזענע ערשיינונג חזר'ט זיך איבער פון יאָהר צו יאָהר און דריקט יעדעס יאָהר צו אַ גרעסערע אָדער אַ קלענערע צאָהל קאָלאָניסטען.

נאָך וועניגער אויסנאַמליך וועט די דאָזיגע ערשיינונג אויסזעהן, ווען מיר וועלען בעטראַכטען די לאַגע פון דעם גרויסען רוב פון דעם קאָלאָניסטען־עולם ביים ארויסגעהן צו דער ארבייט. ווען דער קאָלאָניסט דרעשט אָב סוף זומער זיין תבואה, הויבט ער אָן זיך פונאַנדערצוצאָהלען מיט די חובות. נאָכדעם, ווי מען טיילט ביי איהם אָב דעם עשור (איין אכטעל פון דער גאנצער תבואה־שטייער פאַר דער רעגירונג), און ער טיילט נאָך אָב אַ חלק פון דער תבואה די אראבישע אַרבייטער פאַר דער אַרבייט, הויבט ער אָן צו פערקויפען פון די איבערגעבליבענע און צאָהלט פריהער פאַר אלץ איין דעם חוב אין באנק, דערנאָך קאָלאָניע שפּייזען (הוצאות המושבה), און דאן אין קראָם. דאָס גאַנצע יאָהר האָט דערנאָך געוועהנליך דער קאָלאָניסט גאָרנישט צו פערקויפען און ער זעהט זעלטען ווען אַ מזומנ'ע מטבע אין די אויגען. איהם קומט דערפאַר אויס דאָס גאַנצע יאָהר צו באָרגען. ווען ביי איהם בלייבט נאָך דעם אַלעם איבער נור תבואה אויף זריעה, ווייץ אויף דאָס יאָהר אויף ברויט און גערשטען פאַר די פערד, איז ער שוין פון די רייכע קאָלאָניסטען. געוועהנליך בלייבט אָבער ניט גענוג אויף די אַלע דריי זאכען. און אָפט טרעפט, אַז אויף צו בעצאָהלען די חובות קומט איהם אויס צו פערקויפען אפילו דעם גאַנצען שייער און דערנאָך, ווען ער בעקומט אין אַ חודש אַרום ווידער אַ מאָל אַ הלואה אין באַנק, קויפען צוריק די אַלע דריי זאכען. אָדער אַ טייל פון זיי. ברענגען ביישפּיעלען דערצו איז איבעריג, ווייל דאָס טרעפט יאָהר־יעהרליך ביי דער גרעסטער העלפט קאָלאָניסטען. פון די סעדזשערער קאָלאָניסטען שיטען זעהר פיעל כמעט יעדעס יאָהר אריין זייער גאַנצען שייער צו דער אַדמיניסטראַציע אין די זאַסיעקעס, און שפּעטער, ווען זיי בעקומען פון דאָס ניי אַ הלואה, קויפען זיי צוריק ביי דער אַדמיניסטראַציע. מעהר נישט, זיי צאָהלען דערביי דעם זעלבען מקח, וואָס די אַדמיניסטראַציע האָט גערעכענט ביים צונעמען די תבואה ביי זיי; און אין אַנדערע קאָלאָניעס, וואו מען פערקויפט און מען קויפט ביי פּריוואַטע סוחרים, קומט אויס צו צאָהלען ביים איינקויפען אויף זריעה און עסען פיעל טייערער, איידער מען האָט מיט עטליכע וואָכען צוריק גענומען ביים פערקויפען. אָפט טרעפט אָבער אויך, אַז דער גאַנצער שייער איז ניט גענוג אויף צו בעצאָהלען די חובות אַליין. בעקומען אַ נייע הלואה איז דאַן שוין שווער, און עס קומט שוין אויס אָנצוקומען צו די הילף פון דער אַדמיניסטראַציע. אַזוינע קאָלאָניסטען, וואָס זאָלען נאָכ'ן פונאַנדערצאָהלען זיך קאָנען צוגעהן צו דער אַרבייט אָהן אַ נייער הלואה, איז פאַרהאַן זעהר וועניג. ביים רוב קאָלאָניסטען איז די גאַנצע אַרבייט פון יאָהר און דער גאַנצער איינטראָג שוין פאַראויס פער'משכנ'ט.

אין איינינע קאלאניעס איז די לאגע נאך ערגער און אונזיכערער דורכדעם, וואס די קאלאניסטען געהען דארט פון יאהר צו יאהר אריין אלץ אין גרעסערע חובות, וועלכע עס ווערט זיי אלץ שווערער אויסצוצאהלען. און ווייל די אנגלא־פאלעסטינע־באנק פאדערט יעדעס יאהר פינקטליך און שטרענג איהר חוב און לייהט ניט אויס קיין נייע געלד, וואו דער אלטער חוב איז ניט גע׳סלוק׳ט אינגאנצען, מאכען די קאלאניסטען געשעפט מיט די יק״א־הלואות אדער, וואס עס איז פיעל ערגער, זיי געהען אריין אין חובות צו פריוואטע וואכערניקעס און צאהלען אפט ביז 20 און אפילו ביז 30 פראצענט און העכער. אזוי האבען די משמר׳ער קאלאניסטען שוין אויפגעגעסען א 3000 פר. פון די 4500, וואס די יק״א האט זיי געגעבען אויף צו גרינדען א מלוה. די עקרון׳ער זענען איצט שולדיג ביז 120,000 פראנק, און דער גרעסטער טייל פון די חובות איז אויף הויכע פראצענטען. דאס זעלבע איז אויך אין קאסטינע, וואו די קאלאניסטען זענען אויסער זייער חוב אין אנגלא־פאלעסטינע־באנק, נאך שולדיג פריוואטע לייט, אפילו אראבער, פיעל געלד אויף זעהר הויכע פראצענטען. פון די מעטולער קאלאניסטען איז יעדער פערשולדיגט ווענינגסטענס אויף 1000—2000 פר., אויסער די אדמיניסטראציאנס־חובות. אין גדרה האט דער קרעמער דערקלערט, אז ער פערמאכט די קראם, ווייל די קאלאניסטען האבען זיך ביי איהם שטארק פערשולדיגט און גיבען ניט אב. אין יסוד־המעלה, אין מעטולע, אין סעדזשערע, טיילווייז אויך אין מעסחא, האבען די קרעמער אויפגעהערט צו געבען אויף בארג, ווייל די קאלאניסטען זענען זיי שוין זעהר פיעל פערשולדיגט, און ווייל זיי ווייסען — זאגען די קרעמער — אז ביים בעסטען ווילען פון די קאלאניסטען וועלען זייערע חובות געהן פערפאלען. איך רעד שוין ניט וועגען די גאר גרויסע חובות, וועלכע די קאלאניסטען זענען שולדיג דער אדמיניסטראציע אדער די חובבי־ציון פאר׳ן איינארדנען.

אויף דער אומפעסטקייט פון די קאלאניעס ווייזט אויך אן דער פאקט, וואס די יוגענד צעפאהרט זיך פון זיי. אויסער פתח־תקוה און טיילווייז זכרון־יעקב, בעגעגענט איהר ניט אין די קאלאניעס קיין יונגע מענשען. אין ראשון, למשל, מיט איהר בעפעלקערונג פון מעהר ווי 900 מענשען זענען געווען געבליבען, ווען איך בין דארט געווען, נור צוויי קאלאניסטישע זיהן — די פאפירמייםטערס; האבען זיי זיך שוין אויך געגרייט אוועקצופאהרען. ווען איהר קוקט זיך דארט צו א פרייטאג צו־נאכט צום שפאצירענדיגען עולם אין גאס, בעמערקט איהר נור א שורה פון א 10 יונגע לייט א ר ב י י ט ע ר, און דער גאנצער איבעריגער גרויסער יונגער עולם זענען — מיידלעך. אין ראש־פנה זענען צווישען א גרויסער גרופע מיידלעך, וועלכע קומען אויף די אבענד־קורסען, פארהאן נור 2—3 בחורים. און דאס זעלבע אין אלע איבעריגע קאלאניעס. ווי עס וואקסט נור אונטער א זוהן ביי א קאלאניסט, פאהרט ער אוועס

אין אויסטראַליען, אין אַרגעטינע, אין אַמעריקע. און צוזאַמען מיט די יונגע לייט גערט אויך אוועק דאָס לעבען פון די קאָלאָניעס, זיי ווערען „מושב־זקנים'ס", לויט אחד־העם'ס אויסדריק. ווען די לאַגע פון די קאָלאָניסטען וואָלט געווען פעסט, און זיי וואָלטען מיט איהם צופריעדען געווען, וואָלטען אויך זייערע קינדער מיט זיי פערבליבען. איצט אָבער ווען די קינדער הערען נאָך פון קינדווייז אָן נור די שטענדיגע קלאָגערייען פון זייערע עלטערן אויף זייער ביטערן מזל, וואָס זיי זענען אַמאָל קאָלאָניסטען געוואָרען, קומט ביי זיי אפילו קיינמאָל ניט אויף דער אידעאַל — קאָלאָניסטען צו ווערען. און די עלטערן אַליין ווינשען אויך גאָרניט, זייערע קינדער זאָלען ניט מעהר זיין, ווי קאָלאָניסטען, און זאָלען דאַרפען לעבען, ווי זיי, אין דחקות און אין נויט. און וואָס עס איז נאָך וויכטיגער — די אויפגעוואַקסענע קינדער האָבען ניט ב י י וואָס איינצואָרדענען זיך. בלייבען נעבען די עלטערן איז אוממעגליך, ווייל דיווירטשאַפט דערנעהרט קוים איין פאַמיליע; און וועגען אַבשפּאָרען געלד צוליעב איינאָרדענען די קינדער ערגעץ אין אַן אַנדער אָרט — קאָן גאָר ביים גרעסטען רוב קאָלאָניסטען קיין רייד ניט זיין.

אינטערעסאַנט און סימפּטאָמאַטיש איז אויך די בעציהונג פון די קאָלאָניסטען צו זייערע קרובים אין גלות. זעהר פיעל מאָל קומט אייך אויס צו הערען, אז די בעציהונגען האָבען זיך צווישען זיי איבערגעריסען. און די סבה איז, וואָס יענע, אַנהערענדיג זיך פיעל וועגען די גליקען פון די פּאַלעסטינער קאָלאָניסטען, פלעגען אָנפרעגען, צי זאָלען זיי אויך קומען קיין ארץ־ישראל, און זייערע פּאַלעסטינע פריינד פלעגען זיי געוועהנליך דערפון אָבשלאָגען, ווייל אלס גוטע פריינד האָבען זיי ניט געוואונשען זייערע קרובים צו קומען צו אַזאַ קלאָגעדיגער לאַגע ווי זיי. און יענע פלעגען מיינען, אז די קאָלאָניסטען פערגינען זיי ניט דאָס גליק, וואָס זיי אליין געניסען, און פלעגען ברגז ווערען און אויפהערען צו שרייבען. „ווען אונז וואָלט זיך דאָ געלעבט גוט — זאָגען די קאָלאָניסטען — וואָלטען מיר זיי אויך גערופען אהער. אָבער איצט, ביי אַזאַ לעבען — צו וואָס רופען זיי?"

און דאָס לעבען פון די קאָלאָניסטען איז באמת אַ קלאָגעדיגעס. זייערע הייזער בעשטעהען אפילו על פּי רוב פון 2—3 חדרים; און ביי פיעל קאָלאָניסטען איז אין שטוב גאַנץ שען צוגעקליבען: ריין, די בענק מיט ווייסע ציכלעך בעצויגען; אויפ'ן קאָמאָד א שפּיגעל, א וועקזייגער; אויף די ווענט פאָטאָגראַפיעס, א בילד פונ'ם באָראָן, א מזרח. נאָר דאָס אַלץ ווייזט נאָך גאָרניט אויף דער פערמעגליכ־קייט פון די קאָלאָניסטען. ווייל דאָס הויז האָט די אדמיניסטראַציע געבויט אויף איהר חשבון און לויט איהר פערשטאַנד, על פּי רוב נאָך איידער דער קאָלאָניסט איז געקומען אין קאָלאָניע; און אונטער די ווייסע ציכלעך קאָנען זיין פּשוט'ע האַרטע ניט געפאַרבטע טאָ־בורעטען אָדער גאָר א פּאָר ברעטלעך אויף קעסטלעך אוועקגעלעגט.

דער אויסזעהן פון דער שטוב ווענדט זיך מעהר פון דער בריה'שאַפט פון דער בעל־הבית'טע, איידער פון איהר פערמעגליכקייט. און ניט איין מאָל שוין האָט א „געעהרטער" פאַרבייפאָהרענדיגער גאַסט דאָס הויז, א דאַנק דער בריה'שאַפט פון דער בעל־הבית'טע, צו די רייכע צוגערעכענט, ווען אין שטוב איז קיין שטיקעל צוקער ניט געווען, קיין ברויט ניט געווען.

דער עסען פון די קאָלאָניסטען איז זעהר פשוט און אָרים: עטליכע זיתונעס (איילבערטען) צום ברויט, א טאָמאַטע, א ציבעלע אָדער אַן אנדער גרינס; ארבעס, פאַסאָלעס, אָדער רייז מיט בוימעל — דאָס זענען די קאָלאָניסטישע אכילות. אין פיעל קאָלאָניעס ווייסען די קאָלאָניסטען גאָרניט פון קיין רינדערנע פלייש; אין א סך ערטער קוילעט מען נור אויף שבת א הוהן אָדער א פּאָר טייבעלעך. מילכיגס האָבען די קאָלאָניסטען ניט פיעל, און דאָס נור א 5—6 חדשים אין יאָהר. די איבעריגע צייט קאָן מען אפילו א גלאָז מילך זעלטען בעקומען. אייגענע גרינס האָבען די קאָלאָניסטען געוועהנליך נור די עטליכע פריהלינגס כּאַנאַטען.

אויף וויפיעל עס איז גרויס די הוצאה פון דעם קאָלאָניסט אויף אַלץ, וואָס איהם קומט אויס צו קויפען, קאָנען אונז ווייזען פאָלגענדע ציפערן. אין מלחמיה, וועלכע איז איינע פון די פעסטסטע קאָלאָניעס, וואו דער מיטעלער איינטראָג פון תבואה איז דער העכסטער אין גאַנץ גליל, נעהמט יעדע קאָלאָניסטישע פאַמיליע אָן אין דורכשניט פאַר'ן יאָהר אין זייער שותפישער קראָם ביז 600 פר. (210 רובל) אויסער אויף קליידער. געהט אין דעם דאָזיגען סכום אריין ביז 200 פר. אויף ווירטשאפטליכע זאכען, ווי פערשיעדענע אייזענוואַרג (אפילו מעסערס צו די אַקעראייזענס), שטריק, שמירעכץ פאַר די רעדער וכדומה און א 40—80 פר. (אָפט נאָך מעהר), וועלכע דער קאָלאָניסט, וואָס האָט קיין מזומן געלד ניט, גיט זיינע אראבישע ארבייטער אין קראָם־קוויטלעך, וואָס ער, דער קאָלאָניסט, בעקומט אין ועד אויף באָרג יעדען מאָנאַט אויף 40 פראנק. און צווישען די איבעריגע זאכען, וואָס זיי נעמען אין קראָם, איז ביי פיעל קאָלאָניסטען איינער פון די גרעסטע הוצאות־אַרטיקלען — מעהל אויף ברויט. אין אַנדערע קאָלאָניעס איז די קויף־קראַפט פון די קאָלאָניסטען נאָך ניט אין אַן ערך שוואַכער.

עס איז נאָך אינטערעסאַנט צוצוקוקען זיך צו דעם, וואָס די קינדער ברענגען מיט זיך אין גן אָדער אין שולע צום איבערבייסען. זעלטען ווען איהר בעמערקט צום ברויט אַן איי, נאָך זעלטענער א ביסעל מילך. געוועהנליך ברענגט דאָס קינד א ברעקיל כאלווא 4—5 זיתונעס, א געבאַקטען קאַרטאָפעל, א שטיקעל צוקער, א שטיקעלע הערינג, אָדער זיי עסען גאָר ברויט מיט נישט. דערפאַר זעהען די קינדער געוועהנליך זעהר שלעכט אויס, און די עלטערע, איבערהויפט די פרויען, זענען אויך על פי רוב אָבגעצעהרט און אויס־

גענאָגערט, וואָס עס וואַרפט זיך פּשוט אין די אויגען אין פיעל ערטער.

און אין אַזאַ שווערער לאַגע געפינען זיך די קאָלאָניסטען כמעט אין אַלע קאָלאָניעס, סיי אין די, וועלכע פערנעמען זיך אויסשליסליך מיט פעלד־אַרבייט, ווי קאַסטינע, יעמאַ, מעטולע און אַנד., סיי אין די, וואו די ווירטשאַפט איז אַ געמישטע (פעלדאַרבייט צוזאַמען מיט פּלאַנצונגען), ווי גדרה, עקרון, ראש־פּנה, און אַנדערע. אין גדרה קאָנט איהר נאָך היינטיגען טאָג געפינען פיעל קאָלאָניסטען — איינינע אויך פון די בי״לו — וואָס זענען גרייט צו פערקויפען זייער ווירטשאַפט און אוועקגעהן. אין עקרון זענען נור פאַרהאַן 3—5 קאָלאָניסטען, וועמעס לאַגע עס איז פעסטער. אין ראש־פּנה האָט מיר דער יק״א אַדמיניסטראַטאָר, ה. קאַלוואַריסקי, אַליין מודה געווען, אַז אַ העלפט פון די דאָרטיגע קאָלאָניסטען לעבען שלעכט. און ווען איהר ווייזט אויף די קאָלאָניסטען, אַז עס זענען כמעט אין יעדער קאָלאָניע פאַרהאַן איינינע מעהר פערמעגליכע און אפילו רייכע, און איהר ווילט דערביי דרינגען, אַז די איבעריגע קאָלאָניסטען זענען אַליין שולדיג אין זייער אָרימקייט, איילען די בעשולדיגטע אייך באַלד צו ברענגען די נאָהענטע סבות פון דער פערמעגליכקייט פון יענע איינינע. אַזוי ווייזען אייך, למשל, אַז אַלע יעמער, אַז פון די עטליכע מעהר פערמעגליכע קאָלאָניסטען זייערע האָט איינער צונויפגעקליבען זיין פערמעגען פון דער קראָם, וואָס ער האָט אין קאָלאָניע, דער אַנדערער באַקט ברויט, דער דריטער האָט אַ האָטעל, דער פערטער האַלט קעסטניקעס, און נאָך איינעם שיקט צו דערזוהן פון אַמעריקע. אין מלחמיה ווייזען אַז די קאָלאָניסטען, אַז איינער פון די רייכערע איז אַ רימער און פערדינט פון דער אַרבייט; דער צווייטער פערוואַלטעט נאָך די ווירטשאַפט פון אַ שוואָגער וועלכער איז אַליין אין אַמריקע; דער דריטער פערדיענט מיט זיינע פּרדות אַן דער זייט. אין ראש־פּנה זענען איינינע איצטיגע קאָלאָניסטען אַמאָל געווען מקורבים ביי דעם באַראָנס אַדמיניסטראַציע און אַזוי זענען געוועהנליך ניט אוועקגעגאַנגען מיט ליידיגע הענד. איינער האָט נאָך עד היום חן אין די אויגען פון דער אַדמיניסטראַציע און בעקומט ביי איהר פאַר אַ זעהר נידעריגען פּרייז פיעל ערד אין אַרענדע. נאָך איינער איז געווען אוועקגעפאָהרען אין דרום אַפריקע, האָט דאָרטען אָנגעקליבען געלד און איז דערנאָך צוריקגעקומען און אָרדענט איין אויף די געלד אַ פעסטע ווירטשאַפט. און אַזוי איז אויך אין אַנדערע קאָלאָניעס. יענע אָבער, וואָס האָבען ניט קיין זייטיגע פערדיענסטען — און זייטיגע פערדיענסטען קאָנען ניט אַלע האָבען — און וואָס דאַרפען לעבען נור פון דער ערד אַליין, יענע לעבען געוועהנליך אָרים, ביי זיי איז די ווירטשאַפט געוועהנליך ניט פעסט.

און אין אַזאַ שלעכטער לאַגע בעגעגענט איהר ניט נור די קאָלאָניעס, וואָס האָבען געמאַכט קאָנטראַקטען מיט דער יק״א, ווי

יעמא, מעסחא, מלחמיה, אטליט, מצפה און אנדערע, און וואו די קאלאניסטען דארפען איינצאהלען יעהרליך דער אדמיניסטראציע א געוויסע סומע. די לאגע איז אזא אויך אין יענע קאלאניעס, ווי יסוד, עקרון, מעטולע, און אנדערע, וואו די קאלאניסטען האבען נאך קיין קאנטראקטען ניט געמאכט און צאהלען דער אדמיניסטראציע גארנישט: אויך אין גדרה און קאסטינא, וועלכע צאהלען אויך גארנישט אויס די חו"צ, וואס האבען זיי איינגעארדענט און געשטיצט. אויך דא, וואו מען האט שוין געמאכט קאנטראקטען, האט יק"א געוועהנליך געשאנקען די קאלאניסטען א גרויסען טייל* פון זייערע חובות און האט פעררעכענט זייער גאנצע ווירטשאפט: דעם באדען, די געביידעס, דעם לעבעדיגען און טויטען אינווענטאר, וואס זיי האבען אלע צו דער אדער יענער צייט בעקומען פון דער אדמיניסטראציע. נור אין 12,500 פר., און זיי קומט אויס צו צאהלען די ערשטע 5 יאהר יעהרליך סך הכל צו 250 פר. שוין דעם פראצענט (2%) צוזאמען מיט דער אמארטיזאציע.

און די לאגע איז אזא ניט קוקענדיג אויף דעם וואס אין א סך קאלאניעס האלט נאך די אדמיניסטראציע איצט אויך סיסטעמאטיש אונטער די קאלאניסטען דורך אהנפראצענטיגע אדער קליין-פראצענטיגע הלוואות און וואס זי נעהמט אויף זיך כמעט אין אלע קאלאניעס א גרויסען טייל פון אלע קאלאניאלע כלל'ישע הוצאות. אזוי האט די אדמינסטר. בעצאהלט פאר די קאלאניסטען אין מעסחא פאר'ן מאכען די קאנטראקטען זייערע חובות 16,000 און געגעבען זיי 10000 פר. אויף א קאלאניע-מלוה אויף 4 פראצענט און 12,000 פר. האט זי זיי געשאנקען אויף א וואסער-לייטונג. אין מלחמיה האט זי געגעבען די קאלאניסטען א הלוואה פון 18,000 פר. און 3000 פר. אהן פראצענט אויף דער גרינדונג פון דער שותפ'ישער קראם און 3000 פר. געשאנקען אויף דער וואסער-לייטונג. אין יסוד האט זי געגעבען אויף א מלוה 16,000 פר. אהן פראצענטען, אין משמר — 4500 פר. א. אז. וו. אין יסוד גיט די אדמיניסטראציע אויף קאלאניאלע הוצאות (אויף דעם מעדיצינישען פערסאנאל, אפטייק, און שמירה פון דער קאלאניע) 4500 פר. און האלט אויס די שולע — 6000 פר., און די קינדער לערנען זיך דארט אין שולע אין גאנצען אומזיסט. אין משמר פאלט אויף יעדען קאלאניסט איינגענע כלל הוצאות 40—50 פר. א יאהר. און די יק"א גיט די איבעריגע — צוזאמען מיט דער שול 3500 פר. א יאהר, וואס עס מאכט אויס צו 233 פר. אויף א קאלאניסטישער פאמיליע. אין בית-גן קאסט דער קאלאניע 1510 פר. א יאהר — 113 פר. אויף א קאלאניסט, און יקא" 1970 פראנק — 151,5 פראנק אויף א קאלאניסט. אין מעסחא גיט יק"א 3520 פר. און 5040 פר. אויף דער שולע, וואס עס מאכט אויס צו 238 פר. אויף א קאלאניסטישער פאמיליע. אין מלחמיה גיט זי 3600 פר. און 7440 פר. אויף דער שולע, ד. ה. צו 525 פר. אויף א קאלאניסטישער פאמיליע. אין

מעטולע גיט זי 3000 פר. און אויף שולע, אין ראש־פּנה 5400 אויפ'ן מעדיצינישען פּערסאָנאַל און ביז 16,000 פר. אויף דער שולע; אין יעמא 4820 פר. און אויף שולע. א. אַז. וו. כמעט אין אַלע קאָלאָניעס . די אַדמיניסטראַציע צאָהלט געוועהנליך אויך אין אַלע איהרע קאָלאָניעס דעם ערד.—און געביידעס־שטייער (ווערקא). בכלל איז אין פּאַלעסטינע נאָך ביז איצט ניטאָ אפילו איין קאָלאָניע, וואָס זאָל אין דער אָדער אין יענער פאָרם ניט אָנקומען צו אויסוויינינגס־טער הילף. אַלע שולען אין די קאָלאָניעס אָהן אויסנאַם ווערען אין גאַנצען אָדער כמעט אינגאַנצען אויסגעהאַלטען פון דער יק"א, אָדער „עזרה" (הילפספעראיין) אָדער די חו"צ, אָדער פון די פראַנקפורטער אָרטאָדאָקסען. אפילו רחובות, וואָס שטאָלצירט אַזוי מיט איהר זעלבסטשטענדיגקייט בעקומט אויף איהר שולע 1500 פר. פון די חו"צ , 2000 פר. פון עזרה און 1500 פר. אויך פון דעם רוסישען „כרמל". פתח־תקוה בעקומט העכער 10000 פר. אויף דער שולע פון יק"א. און העכער 15000 פר. אויף דער תלמוד־תורה פון די פראַנקפורטער. דער שפּיטאָל אין זכרון איז אויפגעבויט אויף געלד, וואָס מען האָט צונויפגעקליבען אויף דער וועלט. און אין אײניגע קאָלאָניעס בעקומען נאָך איצט פיעל קאָלאָניסטען דעם רמב"נ'ס חלוקה. אזוי בעקומען אַלע משמר'ער קאָלאָניסטען , אויסער עט־ליכע, חלוקה אין צפת פון 100—700 פר. אַ יאָהר. זעהר פיעל בע־קומען חלוקה אין יסוד־המעלה. אין עקרון זענען פאַרהאַן אַזוינע, וועלכע בעקומען אַפילו צווייענדיגע חלוקה (פון צוויי כוללים). און אפילו אין פתח־תקוה ווייזט מען אָן אויף אייניגע בעלי־בתים, וועל־כע בעקומען נאָך עד היום גאַנץ פיינע אונגאַרער חלוקה.

פון אַלע קאָלאָניעס קאָן מען נור אויסטיילען עטליכע, וועמעס מצב עס איז אויפ'ן ערשטען בליק פעסטער. דאָס זענען : פתח־תקוה, ראשון, רחובות, זכרון און חדרה. זיי שטעלען פאָר (אויסער חדרה) גאַנץ גרויסע שטעדטלעך מיט פיעל שענע הייזער, אָפטמאָל (אין ראשון) צוויי־גאָרנדיגע. אין אייניגע פון זיי בעמערקט איהר גלייך סמנים פון פערמעגליכקייט : איהר בעגעגענט דאָרט זאַטע קאָלאָניסטען און געזונטע, זאַטע קינדער; איהר טרעפט דאָרטען פרויען און אפילו מענער, וואָס טוען זיך אָן לויט דער לעצטער מאָדע: אין ראשון טרעפט איהר אין פיעל הייזער פיאַנאָס. די אַלע קאָלאָניעס זענען פעראייניגט מיט יפו אָדער מיט חיפו דורך אַ רעגעלמעסיגען דילישאַנס־פערקעהר. אין זיי זענען פאַרהאַן פּאָסטען. די ווירקונג פון די קאָלאָניע־ועדים אין אייניגע פון זיי איז זעהר אַ בעדייטענדע.

קוקט מען זיך אָבער טיעפער אַריין, בעמערקט מען אויך אין די דאָזיגע קאָלאָניעס טיעפע וואונדען, וועלכע שעפּען אויס ביס־לעכווייז זייערע כחות, דערזעהט מען די וואַקעלדיגע זיילען. אויף וועלכע עס שטעהען די קאָלאָניעס און וועלכע זענען עלול מיט דער צייט איינצופאַלען און צו רואינירען דעם גאַנצען קאָלאָניאַלען ישוב.

מיר וועלען בעטראכטען יעדע פון די איינציגע קאלאניעס בעזונדער.

די גרעסטע און לעבעדיגסטע פון אלע קאלאניעס אין פאלעסטינע איז לכל הדעות פתח־תקוה. דאס איז די איינציגע קאלאניע, וואו איהר דערשפירט גלייך א לעבעדיגען שטראם. די בעפעלקערונג האלט דארט אין איין פערגרעסערען זיך; די יוגענד צעלויפט זיך ניט; די מקחים אויף ערד און דירות שטייגען פון טאג צו טאג. דער שטח פון פלאנצונגען פערגרעסערט זיך מיט יעדען יאהר. דאס דאזיגע לעבען און וואקסען איז א פועל יוצא פון די פריוואטע קאפיטאלען, וואס זענען די לעצטע יאהרען אריינגעטראגען געווארען אין דער קאלאניע און האבען מיט זיך געבראכט זייער אונטערנעמערישען גייסט. צוגלייך האבען זיי אבער אויך אריינגעטראגען די ספעקולאציע, וועלכע האט די גאנצע ענטוויקלונג פון דער קאלאניע אוועקגעשטעלט אויף א געפעהרליכען וועג. 1) זעלטען ווען איהר טרעפט אין פתח־תקוה איינעם, וואס זאל פלאנצען פאר זיך און זאל לכתחילה די גאנצע ארבייט אוועקשטעלען געזונד און פעסט. על פי רוב פלאנצט דארט יעדער אויף צו פערקויפען, אויף מסחר, און די גאנצע ארבייט ווערט דערפאר אבגעטאן טאנדעט. די דאזיגע באיארעס (אפעלסינעס־גערטענער) וועלן באלד אויפהערען צו טראגען, און דאס פיהרט צו א קריזיס. 2) דארט איז איצט אן אמת'ע בהלה אויף באיארעס פלאנצען; ווער עס קאן און ווער עס קאן ניט, ווארפט זיך אויף דעם. און דאס קאן ברענגען צו דעם, עס זאל זיך נאך א מאל איבערחזר'ן די אמאליגע טרויבען געשיכטע. 3) די גרויסע חובות, אפט צו פיעל צעהנדליגער־טויזענד פראנק, וואס ליגען אויף יעדען קאלאניסט דארט, זענען עלול נאך דערנעהענטערן דעם קריזיס און מאכען איהם אונאויסמיידליך. צווישען די פתח־תקוה'ר קאלאניסטען זענען נור פארהאן גאנץ ווענינ וואס זייערע נחלאות זענען אזוי גרויס, אז וואס פאר א פראצענט זיי זאלען ניט טראגען, וועלען זיי האבען אויף צו לעבען. צו זיי דארף מען צורעכענען איינינע געוועזענע אנגעשטעלטע ביים באראן, וועלכע האבען ביים אבטרעטען בעקומען א שענע דאמיניטע (בעפרידיגונג ביים אבטרעטען פון שטעל), איינינע געוועזענע באראנסקאלאניסטען און די, וועלכע האבען גענוג גרויסע איילבערט־גערטנער, וואס עס איז דער זיכערסטער פערמעגען. די לאגע פון דעם גאנצען איבעריגען ברייטען קאלאניסטען־עולם אין פתח־תקוה, און מיט דעם אויך פון דער גאנצער קאלאניע, איז ווייט ניט פעסט.

אין ראשון איז דער גאנצער גלאנץ מיט די שען־אויסגעברוקירטע גאסען, מיט די צווייגארנדיגע הייזער און מיט די פאלמעס נור אן אויסווייניגסטער. ווען די ראשונ'ער זענען נאך געזעסען אויף דעם באראנס רייכע קעסט, זענען אויפגעבויט געווארען זייערע הייזער און עס זענען אריינגעשטעלט געווארען אהין די פיאנאס. איצט אבער דערנעהרען זיך די ראשונער פון קעלער. און זעלטען

ווען א ראשונ׳ער קאָלאָניסט בעקומט פאַר זיינע טרויבען במזומנים: ביי יעדען צאָהלען ברענגען די ראשונ׳ער און יפו׳ער קרעמער זייערע חשבונות אויף די קאָלאָניסטען אין קעלער אריין. און ערשט, ווען מען רעכענט זיך אויס, און עס בלייבט א רעשט, בעקומט עס דער קאָלאָניסט. דאָס טרעפט אָבער זעהר זעלטען. און דער ראשונ׳ער האָט דערפאַר זעלטען א מזומנ׳ע מטבע ביי זיך. נאָר וואָס עס איז פיעל ערגער — די הויפּט־הכנסה פון די ראשונ׳ער זענען די וויינגערטנער. פון 6541 דונ. פלאַנצונגען, וואָס אין ראשון, זענען 4600 דונ. כרמים. און דער וויינשטאָק האָט א טבע, אַז ער ווערט גיך אַלט און הערט ביסלעכווייז אויף צו טראָגען. די לעצטע יאָהרען האָט זיך אין ראשון דערפאַר זעהר שאַרף געשטעלט די ברענענדיגע פראַגע פון בעמיסטיגונג. אָבער מיסט איז אויך ניט מעהר ווי א פּאַליאַטיוו. די איינציגע ראַדיקאַלע תרופה איז — ביסלעכווייז איבערפלאַנצען פערבייטען די אַלע שטעקער אויף נייע. דאָס זענען אָבער די ראשונ׳ער, וועלכע האָבען קוים מיט וואָס דאָס יאָהר דורכצולעבען, אליין ניט ביכולת. און אין דער צוקונפט זעהט פאַר זיך ראשון דערפאַר אדער אַ נייע גראַנדיעזע תמיכה, אָדער פיעל ערגערס —פעראָרימונג און אונטערגאַנג.

ר ח ו ב ו ת איז אַ קאָלאָניע, וואָס האָט זיך געבויט אויף פרייוואטע מיטלען. די פערשיעדענע מינים תמיכה האָבען זיי ווייניגער ווי אַלע אָנגעריהרט. זי האָט נור בעקומען פון יק״א בהלואה געלד אויף געוויסע פּראָצענטען. נאָר די לאַגע איז דאָרט אויך ניט קיין גלענצענדע. געצעהלטע קאָלאָניסטען לעבען דאָרט נור פון זייערע אייגענע נחלאות. אַלע איבעריגע בעקומען ניט פון זייערע נחלאות גענוג אויף דורכצולעבען זיך. מעהר נישט, יעדער רחובות־ער קאָלאָניסט האָט נאָך ארבייט און פערדיענט ביי דעם אָדער יענעם פון די רחובות׳ער בעלי נחלאות, וועלכע וואוינען ניט אין קאָלאָניע. אַזוינע זענען פאַרהאַן זעהר פיעל. אין רחובות גופא וואוינען 71 קאָלאָניסטען, וועלכע האָבען צוזאמען 5811 דונאם באָדען; און אויסער זיי זענען נאָך דאָרטען פאַרהאַן 78 בעלי־נחלאות, וועלכע האָבען צוזאמען 7921 דונ. באָדען, נאָר זיי וואוינען אין אויסלאַנד. אויסערדעם, איז נאָך אין רחובות פאַרהאַן 2883 דונ. בור (פון דעם גאַנצען באָדען 14193 דונ.) און עס זענען נאָך פאַרהאַן בעלנים, וואָס לעגען אַריין זייערע קאַפּיטאַלען אין רחובות און פלאַנצען. און פון די אויסלענדער און די נייע בעל־נחלאות — לעבט רחובות. ווען דער בור־באָדען וועט זיך אָבער אויסלאָזען (און דער זאַפּאַס איז שוין זעהר א קליינער), אָדער די אויסלענדער וועט דערעסען אַריינצולעגען געלד און גאָרנישט אָדער כמעט גאָרנישט ניט אַרויסנעמען, וועט די לאַגע פון די רחובות׳ער קאָלאָניסטען מוזען ווערען אַ קריטישע.

ז כ ר ו ן איז די איינציגע קאָלאָניע, וואו דער באַראָן האָט באמת „איינסטאַלירט“, פעסט איינגעאָרדענט די קאָלאָניסטען. ביים

אינסטאַלירען האָט די אדמיניסטראַציע איבערגעלאָזען נור א העלפט פון די קאָלאָניסטען אין זכרון, די איבעריגע האָט זי צעשיקט אין אַנדערע קאָלאָניעס אָדער געגעבען זיי דאַמיניטע און משלח געווען. און יעדער זכרונ׳ער קאָלאָניסט האָט בעקומען א 30 דונ. פּלאַנצונ־גען, על פּי רוב וויינגערטנער, און ביז 300 דונ. גוטען באָדען. די לאַגע פון די זכרונ׳ער קאָלאָניסטען איז דערפאַר לפי ערך א פעסטע. פון זכרון צופאָהרען זיך דערפאַר ניט אַלע בחורים; א געוויסער טייל פון זיי, געוועהנליך איינער פון דער פאַמיליע, בלייבט איבער. ער העלפט דעם פאָטער אין דער אַרבייט און וועט שפּעטער זיין דער יורש. פאַר אַלע איבעריגע זיהן איז אָבער אויך ניטאָ וואָס צו טון, און זיי צופאָהרען זיך. אמת, די דאָזיגע פעסטקייט פון די זכרונ׳ער האָט אָבגעקאָסט דעם באַראָן 15—18 מיליאָן פראַנק, וואָס עס מאַכט אויס צו 185.000—225.000 פר. אויף א קאָלאָניסטישער פאַמיליע. א סומע ניט קיין קליינע. נאָר די דאָזיגע אומפּראָפּאָר־ציאָנאַליטעט ווייזט זיך אַרויס ניט נור אין זכרון. מיר וועלען זי שפּעטער בעגעגענען אויך בנוגע צו דער גאַנצער פּאַלעסטינער קאָ־לאָניזאַציע.

ח ד ר ה איז דערווייל נאָך א קליינע קאָלאָניע. דער גרעס־טער טייל פון די חדרה׳ר קאָלאָניסטען זענען ווייט ניט פערמעגליכע. נאָר דאָך איז די לאַגע איהרע איינע פון די פעסטסטע, און לויט מיין מיינונג, איז חדרה אפילו די איינציגע קאָלאָניע, וואָס האָט א זיכערע צוקונפט. איצט בעאַרבייט יעדער חדרה׳ר קאָלאָניסט, אויסער זיין אייגענעם באָדען, נאָך 2—5 הונדערט דונ. באָדען פון יענע בעלי־נחלאות, וועלכע וואוינען ניט אין חדרה. אַרענדע צאָה־לען די קאָלאָניסטען נור צו ½—1 פראַנק פון דונ. און דאָס אויך געהט אַריין נור אין ועד און געהט אַוועק אויסשליסליך אויף קאָלאָ־ניע הוצאות. ביי דעם איצטיגען צושטאַנד איז דאָס דער הויפּט מקור פון חדרה׳ר פעסטסקייט. נאָר אויך ווייטער האָט די קאָלאָניע די מעגליכקייט צו ענטוויקלען זיך, (ווען די מאַלאַריע וועט נור וועד־רען שוואַכער), ווייל 1) איהר ערד־זאַפּאַס איז זעהר א גרויסער, און 2) דער באָדען איז דאָרט בעסער און פרוכטבאַרער, ווי ערגעץ אַנדערש וואו אין פּאַלעסטינע, ווייל איבער זיין זומפּיגקייט און פיבעריגקייט האָט מען איהם אודאי אין משך פון טויזענדער יאָהרען ניט בעאַרבייט. חוץ דעם, איז נאָך חדרה זעהר נאָהענט צום ים און צו א בוכטע וואו עם קאָנען זיך אָבשטעלען קלענערע שיפלעך.

מיר זעהען, אַלזאָ, אַז פון די אַלע פינף קאָלאָניעס זענען נור צוויי פעסטער איינגעאָרדענט, און נור איינע פון זיי האָט פאַר זיך א זיכערע צוקונפט. די איבעריגע דריי זענען ווייט ניט פעסט און טראָגען אין זיך שוין דעם זוימער פון א קריזיס. די פערשיעדענע בעאָבאַכטער און טוריסטען אָבער, וועלכע קומען אין פּאַלעסטינע על פּי רוב אויף א זעהר קורצער צייט און האָבען ניט גענוג צייט און ווילען און צום מיינסט אויך ניט גענוג ספּעציעלע ידיעות, וועלכע

זענען נויטיג, אום טיעפער זיך מיט דער זאַך צו בעקענען, ווערען פון די דאָזיגע קאָלאָניעס בעצויבערט און פערשפּרייטען דערנאָך איבער דער וועלט ידיעות וועגען דעם גלענצענדען מצב פון די קאָלאָניעס און קאָלאָניסטען. איך וואָלט געקאָנט ברענגען א גאנצע רייהע ביישפּיעלען, וועלכע כאַראַקטעריזירען די „ידיעות“ פון אַזוינע טוריסטען־פאַרשער. נאָר איך וועל זיך בעגרענצען מיט איינעם.

אין סעדזשערע וואוינט אַ קאָלאָניסט ר—קי, אַליין פון באַקו, אַ רימער, אַ הייסער ציוניסט. איז ער ניט איינגעזעסען אין באַקו און געקומען איז פּאַלעסטינע אַרבייטען די ערד. אין חיפו האָט ער חתונה געהאט און איז געוואָרען א קאָלאָניסט אין סעדזשערע. ער איז א גרויסער קבצן און האָט אָפט קיין ברויט ניט אין שטוב. ווען ניט די רימעריי, וואָס דורך איהר פערדיענט ער עטליכע פראנק ביי דער יק"א'ישער פערמע אין סערדזשערע, וואָלט זיין לאַגע געווען גאָר א האָפנונגסלאָזע, כאָטש אזא איז זי כמעט איצט אויך. פאר צוויי יאָהרען איז דאָרט דורכגעפאָהרען דער פאָרזיצענדער פון באַקו'ער ציוניסטישער אגודה, אינזשענער פ—ן. ס'פערשטעהט זיך, אז ער איז אויך אריינגעגאַנגען צו זיין לאַנדסמאַן. ר—קי'ס פרוי האָט מסתמא אויסגעפוצט און צוגעקליבען די שטוב, אז עס האָט געלויכטען. אויף פ—נ'ס פראגע, וויפיעל ערד ער האָט און ווי לעבט זיך איהם, האָט ר—קי געענטפערט, אז ער האָט 250 דונ. באָדען און לעבט זיך נישקשה. אין באַקו האָט ר—סקי נאָך א שוועסטער, וועלכע געהט אין גימנאַזיע און האָט ניט מיט וואָס צו ענדיגען. זי האָט געפּרובט בעטען שטיצע ביי איהר ברודער אין פאַלעסטינע, נאָר יענער האָט איהר געשריבען, אז ער האָט ניט. נאָר אין עטליכע וואָכען אַרום נאָך פ—נ'ס אוועקפאָר בעקומט ר—סקי ווידער א בריעף פון זיין שוועסטער, אז זי זאָגט זיך אָב פון קרובה'שפאַט. ווייל, ווי פ—ן האָט איבערגעגעבען, לעבט ער דאָרט, ווי א גביר, און איהר וויל ער ניט אויסהעלפען אפילו מיט א קלייניגקייט.

אַזוי „ווייס“ מען ביי אונז אין גלות וועגען דעם צושטאַנד פון דער יודישער קאָלאָניזאַציע אין פאַלעסטינע.

נאָך קאָנקרעטער ווייזט אָן אויף דער אומזיכערקייט און אונערפאָלג פון דער ביזאהעריגער פאַלעסטינער קאָלאָניזאַציע דער פאַקט, וואָס די אַלע אינסטיטוטען, וועלכע פערנעמען זיך דאָרט איצט מיט דער יודישער קאָלאָניזאַציע, ווי די יק"א, די חובבי־ציון, די פ. ל. ד. ק. (די ציוניסטישע „געזעלשאַפט אויף צו ענטוויקלען דאָס לאַנד“), האָבען זיך נאָך ביז איצט קיין בעשטימטען מעטאָד פון קאָלאָניזאַציע ניט אויסגעאַרבייט. די ביזאיצטיגע קאָלאָניזאַציע האָט נאָך ניט אָנגעצייכענט קיין וועג, האָט נאָך ניט אויסגעאַרבייט קיין קאָלאָניזאַציאָנס־טראַדיציע, קיין בעשטימטע מעהר פעסטע פאָרמען פון איינאָרדענען זיך, וועלכע מען זאָל קאָנען רעקאָמענדירען די, וואָס בעזעצען זיך דאָרט איצט. דערפאר האַלטען די אַלע אָנגעוויזענע קאָלאָניזאַציאָנס־אינסטיטוטען נאָך ביז איצט

אין איין זוכען, דערפאַר בייטען זיך אזוי אָפט די פאָרמעס פון זייער קאָלאָניזאציע און זיי מאכען אלץ נייע פּרובען. מיט א יאָהר 10 צוריק, איבערנעהמענדיג די אָנפיהרונג פון דעם באַראָנס קאָלאָניעס, האָט די יק"א געהאלטען פאר דער ריכטיגסטער פאָרם פון דער יודישער קאָלאָניזאציע אין פאלעסטינע די ריינע פעלד־ווירטשאפט, און איצט האלט זי שוין פון א געמישטער ווירטשאפט און פלאנירט צו מאכען פלאנצונגען אין איינינע קאָלאָניעס. מיט איינינע יאָהרען צוריק האָט זי נאָך געגעבען ביים איינאָרדענען נייע קאָלאָניסטען, אויסער ערד און געביידעס, אויך די נויטיגע סומע געלד; איצט גיט זי נור אומבעוועגליכע גיטער און פאָדערט פון די קאָלאָניסטען, זיי זאָלען אליין די נויטיגע געלד־מיטלען האָבען. איין צייט האָט זי געפּרובט קאָלאָניזירען גרים, דערנאָך קאווקאַזער יודען. די לעצטע צייט האָט זי אָבגעגעבען צו בעארבייטען א טייל פון איהר באָדען אין סעדזשערע אַ קאָאָפּעראַטיווער גרופּע. די חו"צ האָבען די לעצטע צייט געגרינדעט צוויי אַרבייטער קאָלאָניעס: עין־גנים און באר־יעקב און ביידע אויף אַנדערע יסודות. דער נאַציאָנאַל־פאָנד און די פּ. ל. ד. ק. האָבען צוערשט געווען געגרינדעט פערמעס, וועלכע ווערען פערוואַלטעט דורך אַדמיניסטראַטאָרס, און די לעצטע צייט פּרובען זיי אָבגעבען באָדען אויף צו בעאַרבייטען אַרבייטער־גרופּעס. אין מרחביה האָבען זיי געגרינדעט א קאָאָפּעראַציע גאָר פון אַן אַנדער אויסזעהן.

ווי מיר זעהען, קאָן נאָך דער איצטיגער ישוב, עד היום ניט שטעהן אויף די אייגענע פיס און נאָך ווענינער האָט ער כחות אויף צו ענטוויקלען זיך; און א טייל פון איהם ווייזט אפילו אַרויס קלאָרע סימנים פון ענטאַרטונג.

וואו זענען די סבות דערפון?

פאַרהאַן אַזוינע, וואָס זוכען דעם מקור פון דעם גאַנצען אונערפאָלג נור אין ערגיץ א י י ן פאקטאר. אזוי זעהען פיעל פון די יק"א־אַדמיניסטראטאָרען די שולד פון דער אָרימקייט פון די קאָלאָניסטען אין זייער פוילען זיך. „ווען די קאָלאָניסטען, זאָגען זיי, וואָלטען פלייסיג געארבייט, וואָלטען זיי געלעבט בהרחבה; נאָר זיי וואַרפען די גאַנצע ארבייט אַרויף אויף די געדונגענע אַראַבער, און דעריבער קאָנען זיי ניט האָבען גענוג צום לעבען". די קאָלאָניסטען ווידער בעשולדיגען די אַדמיניסטראציע; זי גיט קיינמאָל ניט אַזוי פיעל, וויפיעל עס איז נויטיג פעסט איינצואָרדענען אַ קאָלאָניסט. און ווען זי גיט שוין — איז דאָס געוועהנליך שוין צו שפּעט. די ציוניסטען בעשולדיגען די רעגירונג, וועלכע רייסט פון קאָלאָניסט צופיעל שטייערן און בעשיצט איהם ניט פון גנבה. יעדער פון זיי זעהט נור איין פאַקטאָר, וועלכער פערשטעלט פאַר זיי אַלע איבעריגע, און זיי זעהען דערפאַר געוועהנליך זעהר ניט קלאָר די אמת'ע לאַגע און די אמת'ע סבות.

אין דער אמת'ן זענען אַזוינע סבות, אָדער פאַקטאָרען, וואָס האָבען געווירקט אויף דעם רעזולטאַט פון דער יודישער קאָלאָניזאַציאָנס־ארבייט אין פאַלעסטינע און וואָס פון זיי וועט אויך אָבהענגען דער ווייטערדיגער וואוקס פון דעם דאָרטיגען ישוב, פאַרהאַן זעהר פיעל. אייניגע פון זיי ליעגען אויסער דעם יודישען קאָלאָניזאַציאָנס־עלעמענט און די קאָלאָניזאַציאָנס־חברות, וואָס האָבען די ארבייט אָנגעפיהרט. מיר וועלען זיי אָנרופען אויסווייניגסטע פאַקטאָרען. די אנדערע ליעגען אין דעם יודישען קאָלאָניזאַציאָנס־עלעמענט גופא און אין די אָנגעווענדעטע קאָלאָניזאַציאָנס־מעטאָדען. מיר וועלען זיי אָנרופען איננעווייניגסטע פאַקטאָרען. די אויסווייניגסטע פאַקטאָרען דאַרף מען נאָך אַיינטיילען אין נאַטירליכע, ווי דער באָדען, קלימאַט, וואַסער, און כדומה, און געזעלשאַפטליכע, ווי בעפעלקערונג, רעגירונג, א. א. וו.

מיר וועלען יעדען פאַקטאָר בעטראַכטען בעזונדער און זעהן, אויף וויפיעל ער האָט מיטגעהאָלפען, אָדער פערקעהרט, געשטערט דעם ערפאָלג פון דער ביזאיצטיגער יודישער קאָלאָניזאַציע אין פאַלעסטינע; און אגב וועלען מיר שוין אויך בעטראַכטען, אויף וויפיעל יעדער פאַקטאָר איז גינסטיג אָדער, פערקעהרט, אומגינסטיג פאַר דער ווייטערדיגער קאָלאָניזאַציע.

2.

די אויסווייניגסטע פאַקטאָרען.

א. די נאַטור בעדינגונגען פון פאַלעסטינע.

א) שטח, באָדען, ערד־מקחים.

עס איז זעהר שווער צו זאָגען אויף געוויס, ווי גרויס עס איז פאַלעסטינע, ווייל אַלע געלעהרטע גיבען געוועהנליך אָן איהר גרויס צוזאַמען מיט סיריען. מיר דוכט, אַז צום מיינסט קרוב לאמת איז די צאָהל 2,7 מיליאָן העקטאַר, וואס ה' טריטש גיט אָן אין זיין וועגווייזער איבער פאַלעסטינ'ע. בעלקינד'ס (סאָוורעמעננאַיאַ פאַלעסטינאַ, זז. 240—241) צאָהל: 40 מיליאָן דינאַם — 3,6 מיליאָן העקטאר איז נישט בעגרינדעט. ער בעקומט זי כפל'ענדיג די צאָהל דונאַמען, וואָס איז אָנגעגעבען געוואָרען אין דער אפיציעלער טערקישער סטאַטיסטיק, אויף דריי לויט דער השערה, „אַז מען מיינט דאָרט דעם „נייעם" דונאַם, וועלכער דאַרף זיין גלייך אַ העקטאַר, נאָר איז על פי רוב גלייך א ½ העקטאר, אָדער איין דריטעל העקטאר און נאָך אָפטער א פיערטעל העקטאר".

פון דעם דאָזיגען שטח זענען איין דריטעל בערג און בערגיגע ערטער, און נאָר איין פיערט - חלק טאָלען, וואָס די גרעסטע פון

זיי זענען שרון, די שפלה, דעם עמק יזרעאל און דער עמק־הירדן. פון די בערג בעשטעהען די יהודה׳ער און די אפריב׳ער ס׳רוב פון ווייכערע קאַלך־שטיין־מינים. מען בעגעגענט נאָך איצט דאָרט ערטערווייז קולטיווירטע און ווילדע אָליוועז, באָקסער־בוימער, און אייניגע מינים וואַלד־בוימער. דאָס בעווייזט, אַז מען וועט זיי מיט דער צייט קאָנען אויסנוצען אויף פערשיעדענע פלאַנצונגען, איבערהויפּט אויף אָליוועז. די בערג פון דעם אונטערשטען גליל בעשטעהען פון באַזאַלט. אויף זיי טרעפען זיך אויך ווילדע בוימער, און נאָך די רעגענס ווערען זיי בעדעקט מיט געדיכטע גראָז. אין דער צייט קאָנען זיי דיענען פּאַר אַ גוטען פיטער־אָרט פאַר שאָף (קיה גליטשען זיך אויף די משופּע׳דיגע בערג אָפּט אויס, פאַלען אַראָב און ווערען דער׳הרג׳ט). די בערג פון דעם אויבערשטען גליל בעשטעהען ס׳רוב פון האַרטע קריסטאַלישע קאַלכשטיין־מינים. זיי זענען כמעט אינגאַנצען הויל און ווילד, און נור וואו ניט וואו מיט מאָך בעדעקט אָדער מיט אַ מאַסע גרעסערע און קלענערע שטיינער בעשאָטען.

גאָר אַמאָל זענען אויף די אַלע בערג מסתמא געווען פיעל טעראַסעס, וועלכע האָבען אָבגעהאַלטען די שטראָמיגקייט פון די וואַסערען, און האָבען פערהאַלטען די אויסלופטערונגס־פּראָדוקטען פון די בערג. אין משך פון די לעצטע פּאָר טויזענד יאָהר אָבער, ווען קיינער האָט וועגען זיי ניט געזאָרגט, זענען די טעראַסעס אין גאַנצען צושטערט געוואָרען און די פרייע וואַסער־שטראָמען, וועלכע בעגעגענען אויפ׳ן וועג קיין שטערונג ניט, האָבען אַראָבגעשווינקט אָפּט ביז אַ סימן די אויסלופטערונגס־פּראָדוקטען פון די פריהערדיגע יאָהר־טויזענדער, אַזוי אַז די בערג זענען געבליבען אין גאַנצען הויל. און נור וואו ניט וואו קאָנט איהר נאָך אַ רעגען אין אַ פערטיפונג פון אַ שטיין, וואו עס האָט זיך אַ ביסעל ערד פערהאַלטען, טרעפען אַ בלימעל אָדער אַ ווילדע ציבעלע. עס איז זעהר שווער צו זאָגען, צי וועט מען בכלל און אויף וואָס וועט מען אין די נאָהענטע צעהנדליגער יאָהרען קאָנען די דאָזיגע בערג אויסנוצען.

אויף פעלד־אַרבייט, אויף פלאַנצונגען, וואָס פאָדערן בעגיסונג, ווי באָיאַרעס, און אפילו אויף טרויבען און מאַנדלען טויגען נור די טאָלען און אַ קליינער טייל פון די בערג — די גלייכע ערטער (ביז דער לעצטער צייט האָבען זיך טרויבען און מאַנדלען, איבערהויפּט די לעצטע, אויף די בערג ניט איינגעגעבען). כמעט דער גאַנצער שטח אָבער, וואָס טויג אויף פעלד־אַרבייט און אַזוינע פלאַנצונגען ווערט שוין איצט אין פּאַלעסטינע בעאַרבייט. דורכגעהענדיג פון קאַסטינע ביז חיפה, פון יפו ביז ירושלים, דעם גאַנצען עמק־יזרעאל אין דעם גאַנצען גליל ביז מעטולע, בעגעגענט איהר ניט קיין איין שטיקעל באָדען, וואו עס זאָל מעגליך זיין צו אַקערן, און עס זאָל דאָרט ניט גרינען קיין נייע תבואה, אָדער די רעשטען פון אַראָבגענומענע תבואות זאָלען ניט עדות זאָגען, אַז מען האָט דאָרט געאַרבייט פאָריגען יאָהר.

פון דעם פּאַלעסטינער באָדען געהערט נור א קליינער טייל דער מלוכה און הקדש. דער איבעריגער באָדען געהערט די אַראַבישע דאָרפישע קהלות אָדער די עפענדים (אַראַבישע פּריצים). אַראַבישע דערפער זענען פאַרהאַן אין פּאַלעסטינע נור אין דריי סאַנדזשאַקען: ירושלים'ער, שכמ'ער, און עכו'ער — 870 *), און אין גאַנץ פּאַלעסטינע (5 סאַנדזשאַקען) איז פאַרהאַן מעהר ווי טויזענד אַזוינע דערפער. די אַראַבער בעאַרבייטען, אויסער דעם אייגענעם, אויך דעם באָדען פון די עפענדים, וואָס זיי אַרענדירען אָדער בעאַרבייטען אויף איין פינפטעל. עס טרעפט, אז אן אראבישער דאָרף פערקויפט אַ טייל פון זיין באָדען, כדי פאַר די בעקומענע געלד בעסער איינצואָרדענען דעם איבערגעבליבענעם טייל. געוועהנליך אבער האָבען די אראבער אליין ניט געננג באָדען פאר זיך.

און ווייל פרייער באָדען, וואָס זאָל טויגען פאר פעלד־אַרבייט, איז אין פּאַלעסטינע פאַרהאַן זעהר ווענינ און ווערט פון יאָהר צו יאָהר אַלץ ווענינער, זענען דאָרט די מקחים אויף ערד זעהר הויכע און ווערען מיט יעדען טאָג העכער. ביים קויפען פּתח־תקוה מיט 30 יאָהר צוריק האָט מען דאָרט געצאָהלט צו 7 פראַנק פאר אַ דונ. 31,5 רובל א דעסיאטין, אנ'ערך 10 דאָל. אן אַקער. איצט קאָן מען אַרום דער קאָלאָניע ניט קריגען צו קויפען קיין ערד אפילו צו 70 פר. אַ דונאַם. אין וואַדי־חנין האָט מען מיט 20 יאָהר צוריק געקויפט באָדען צו 10—11 פר. א דונ. , און איצט קאָן מען דאָרט קויפען נור צו 80 פר. אין דגניה האָט מען מיט 6 יאָהר צוריק געצאָהלט צו 20 פר. אַ דונ., און איצט פאַר דער צווייטער העלפט וויל מען שוין צו 60 פר. ביליגער איידער צו 30—60 פר. אַ דונ. 90—120 רובל א דעסיאטין, — אן ערך 40 דאָל. אן אקער — קאָן מען איצט אין פּאַלעסטינע ניט קויפען קיין באָדען, וואָס זאָל טויגען נור אפילו פאַר אַזאַ מסתפק־במועט'דיגע פלאַנצונג, ווי מאַנדלען. נאָר חוץ דעם געוועהנליכען פרייז פון באָדען, פאַלען נאָך גרויסע הוצאות ביים אָבמעסטען דעם באָדען (מאפרוז) און ביים בעקומען די קושאַנעם (דעם שטר מכירה). די רעגירונג מאַכט נאָך ביז דער לעצטער צייט גרויסע שוועריגקייטען ביים פערקויפען באָדען יודען, און עס קומט יעדעס מאָל אויס אָנצו־ווענדען באַקשיש. די דאָזיגע הוצאות מאַכען אַן אנדערש מאָל אויס נאָך אַמאָל אַזוי פיעל. וויפיעל מען האָט פריהער בעצאָהלט פאַר'ן באָדען. אזוי האָט מען פאַר מרחביה געצאָהלט צו 30 פר. א דונ., און איצט מיט אַלע הוצאות מאַכט דאָרט דער באָדען שוין אויס צו 60 פר. דער דונאַם.

דאָס פעהלען פון פרייעם באָדען און די הויכע מקחים מאַכען אומגעהויער שווער צו קויפען ערד אין פּאַלעסטינע, און דאָס רופט זיך ניט צום גוטען אָב סיי אויף די עקזיסטירענדע קאָלאָניעס, סיי אויף דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דעם יודישען ישוב אין פּאַ־

*) זעה בעלקינד'ס סאָווערעמ־פּאַלעסט, ז. 234, 240, 361.

לעסטינע. אזוי, צ. ב., נויטיגען זיך קאסטינע, משמר און אנדערע קאלאניעס די גאנצע צייט אין וואסערע עטליכע הונדערט העקטאר באדען, אום פעסטער צו מאכען זייער וואקעלדיגען מעמד; און דאך האט זיך עס זיי ניט איינגעגעבען צו קויפען ביז איצט. יעדע נייע קליינע קניה פון באדען אין פאלעסטינע ווערט דערפאר דארט פער־רעכענט פאר א וויכטיגער געשעהעניש, און די ציוניסטישע צייטונגען צופויקען דאס שוין צופיעל. מען דארף ניט פערגעסען, אז די אלע קניות ווערען אנגעגעבען אין דונאמען (איין צוועלפטעל דעסיאטין) אדער איין פיערטעל אקער,—אז ווען מען זאל זיי איבערגעבען אויף אונזערע מאסען, פערלירען זיי זעהר פיעל פון זייער אויסזעהן. די 5000 דונ. פון דזשעמאמא, צ. ב., וואס וועגען זיי האט מען אזוי פיעל גערעדט די לעצטע פאר יאהר, מאכען אויס אינגאנצען א 417 דעסיאטין, אדער 1250 אקער. אינגאנצען האט ביז דעם יאהר תרע״ב געהערט אין פאלעסטינע באדען די יודען שוין צוזאמען מיט די 56 טויזענד דונ. אין חרון א 389,000 דונ. — א 32,415 דעסיאטין, 98,245 אקער, אן ערך 0,013 פון דעם גאנצען פאלעס־טינער באדען. די הויכע מקחים אויף ערד שטערען אויך זעהר פיעלביים איינארדענען זיך זעלבסטשטענדיג — אהן דער הילף פון אן אר־גאניזאציע, ווי די יק״א צ. ב. ווי מיר וועלען ווייטער זעהן, דארף מען אויף איינארדענען א פעלד־ווירטשאפט 180—250 דונ. באדען, וואס עס דארף אליין קאסטען צום ווענינגסטען 6300—8750 פר. (2362,50—3281,75 רובל); צו דעם דארף מען נאך (אויף א הויז, לעבעדיגען און טויטען אינווענטאר, זריעה וכדומה) האבען מעהר ווי נאך אמאל אזוי פיעל. ביי א יודען, וואס איז גרייט אליין צו ארבייטען, איז אבער אזא סומע שווער צו טרעפען. און ביים אר־בייטען מיט געדונגענע הענד קאן אזא ווי; טשאפט, ווי מיר זעהען אויפ׳ן ביישפיעל פון דער גרויסער מעהרהייט פון די יודישע קא־לאניסטען פעלד־ארבייטער אין פאלעסטינע, קוים דערנעהרען איהר בעל־הבית. קאלאניסטען, וואס זאלען זיך האבען זעלבשטענדיג איינגעארדענט ביי פעלד־ווירטשאפט, זענען דערפאר אין פאלעס־טינע פארהאן נור געצעהלטע. אלע אנדערע האבען זיך קאלאניזירט מיט דעם הילף פון וועלכער עס איז קאלאניזאציאנס־געזעלשאפט אויף די אדער יענע בעדינגונגען; זיי זענען דערביי אבער געווא־רען אבהענגיג פון זייערע שטיצער. וואס פאר א רעזולטאטען די דאזיגע אבהענגיגקייט האט געהאט, וועגען דעם ווייטער.

ב) פרוכטבארקייט פון באדען.

דער באדען אין פאלעסטינע איז זעהר פערשיעדענארטיג און בייט זיך אפט יעדע עטליכע טריט. ביים ברעג פון ים ציהען זיך אויף א פאר מייל דיונעם און ווייטער—זאמדיגער באדען, וואס טויג מעהר פאר פלאנצונגען, איידער פאר פעלד־ארבייט. נעהענטער צו די בערג ווערט דער באדען אלץ שווערער. אין דעם אונטערשטען

גליל איז אין פיעל ערטער איז די אָנגעטראָגענע שיכט זעהר דיק— בזי 2 מעטער און מעהר. אין מלחמיה און ימה האָט מען שוין עטליכע מאָל געמוזט איבערבויען די הייזער, ווייל מען האָט זיך דאָרט ביים בויען זיי ניט געקאָנט דערגראָבען ביז דער גרונד־שיכט, און זיי האָבען זיך דערפאַר אין א ביסעל צייט אָרום צעשפּאָלטען. ביי די ווענינע אַנאַליזען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען פון די פּאַלעסטינער באָדענס (דורך דעם אינזש. ווייניק אין ראשון לציון), האָט זיך אַרויסגעוויזען, אז זיי זענען אַלע רייך מיט קאלכשטאָף, אָבער זעהר אָרים מיט קאַלי און פאָספאָר. די סבה פון דער אָרימקייט ליעגט דערין, וואָס די אראבער האָבען אין משך פון טויזענדער יאָהרען געזויגען דעם באָדען און האָבען איהם גאָרנישט ניט אומגעקעהרט צוריק. זיי האָבען זייער באָדען קיינמאָל ניט געמיסטיגט און האָבען איהם דורכדעם זעהר אויסגעמאָגערט.

לויט די ידיעות, וואָס איך האָב בעקומען כמעט אין אַלע יודישע קאָלאָניעס, איז די גערעטעניש פון די פערשפּרייטעסטע זייהמינים דאָרט זעהר פערשיעדען און באלאנסירט אין די פאָלגענדע גרעניצען: 1) ווייץ: דער מינימום פון 2 (משמר, סעדזשערע, מעטולע, א. א.) ביז 5 (זכרון, מלחמיה, ימה, קאסטינא); דער מאקסימום פון 6 (מעטולע) ביז 10 (ימה, זכרון, ראש־פּנה). אויסער דעם דערגעהט ער נאָך אין מלחמיה ביז 12 און אין חדרה, וואו דער זומפּיגער באָדען, וואָס איז ערשט ניט לאַנג אויסגעטריקענט געוואָרען, איז קיינמאָל ניט בעארבייט געוואָרען, דערגעהט דער מאַקסימום ביז 25. דער מיטעלער איינטראָג איז פון 5 (מעטולע, משמר) ביז 8 (ימה, זכרון), נאָר געוועהנליך 6—7 מאָל. 2) גערשטען: מינימום — 7—8 מאָל; מאַקסימום — 10—25; דער מיטעלער — 6—11 מאָל. 3) באָב: מינימום 2—4; מאַקסימום פון 3 (בית גן ביז 6; מיטעלער — 4 מאָל. 4) אַרבעס: מינימום — 3—4; מאַקס. — 6—10; דער מיטעלער איינטראָג — 5—6 מאָל. חוץ די אָנגעוויזענע מינים, זייהט מען נאָך אין פּאַלעסטינע אין א קלייגער מאָס האָבער, לינזען, חילבא (חלבונה) און כרשינא, און אין א גאַנץ בעדייטענדער צאָהל דורע (סאָרגאָ) און שומשום (סעזאם). דער איינטראָג פון די לעצטע צוויי, אויסגעדריקט און „מאָלען“, זאָגט גאָרנישט, ווייל מען זייהט זיי זעהר ווענינ אויס אויף א העקטאר. און אפילו וועגען די איבעריג מינים זאָגט די צאָהל מאָל פונ׳ם איינטראָג ניט פיעל, ווייל ניט אין אלע ערטער זייהט מען גלייך אויס אויף א העקטאַר (אין בית־גן צ. ב., איינס און א פיערטעל כלי, אין מלחמיה 1½, אין זכרון 2). מיר וועלען דערפאַר די אָנגעוויזענע ציפער פון דעם איינטראָג איבערגעבען אין דער צאָהל פודען פון א דעסיאטין. דאָס וועט אונז שפּעטער אויך לייכטער מאכען צו פערגלייכען די הוצאות פון בעארבייטען דעם באָדען מיט דעם איינטראָג פון איהם:

עם טראָגען אריין:*)	מינימום.	מאַקסימום.	מיטעל.
ווייץ —	12—35 פוד.	36—80 פוד.	35—49 פוד.
גערשטען —	23,5—47 פוד.	58,3—145,7 פוד	42—77 פוד.
באָב —	20—30 פוד.	30—60 פוד.	40 פוד.
אַרבעס —	18—24 פוד.	36—54 פוד.	33 פוד.
דורע —	12 פוד.	36 פוד.	24 פוד.
שומשום —	9 פוד.	33 פוד.	18 פוד.
לינזען, חלבא, כרשינא	16,5	33 פוד.	20 פ.. פ.

אויף צו פערגלייכען וועלען מיר ברענגען פאָלגענדע טאַבעלען:

ווייץ פאַר 1905 — 1909 פון א דעסיאַטין

	מינימום.	מאַקסימום.	מיטעל.
רוסלאַנד — —	47 פוד.	64 פוד.	53 פוד.
עסטרייך — —	86 פוד.	101 פוד.	94 פוד.
ענגלאַנד — —	125 פוד.	141 פוד.	132 פוד.
דייטשלאַנד — —	119 פוד.	142 פוד.	132 פוד.
פראַנקרייך — —	66 פוד.	97 פוד.	82 פוד.
פער. שטאַטען —	85 פוד.	102 פוד.	95 פוד.
אַרגעטינע — —	35 פוד.	67 פוד.	51 פוד.

גערשטען פאַר 1905 — 1909 פון א דעסיאַטין

	מינימום.	מאַקסימום. .	מיטעל.
רוסלאַנד —	36 פוד.	54 פוד.	43 פוד.
עסטרייך — —	81 פוד.	94 פוד.	89 פוד.
ענגלאַנד — —	151 פוד.	159 פוד.	156 פוד.
דייטשלאַנד — —	128 פוד.	137 פוד.	133 פוד.
פראַנקרייך — —	87 פוד.	104 פוד.	95 פוד.
פער. שטאַט. פון אמער.	63 פוד.	72 פוד.	67 פוד.
אַרגעטינע — —	43 פוד.	61 פוד.	52 פוד.

פון די דאָזיגע טאַבעלעס זעהען מיר, אז לויט דעם איינטראַג פון ווייץ, וואָס איז דער הויפּט־זייה־מין אין פּאַלעסטינע, קאָן מען די יודישע קאָלאָניעס פערגלייכען נור מיט רוסלאַנד, און לויט דעם איינטראַג פון גערשטען נור — מיט רוסלאַנד און אַרגעטינע (וואו די ווירטשאַפט איז א העכסט עקסטענסיווע). אין אַלע איבעריגע אייראָפּעאישע לענדער און אין אמעריקע איז דער איינטראַג ניט אין אַן ערך העכער. נעהמט מען אין אכט, אז די בעדערפעגישען

*) איך האָב בעקומען די ידיעות אין דער צאָהל כּלי'ם פון א העקטאַר. א כּלי ווייץ וועגט א ביסעל מעהר פון 4 פוד. 1 כּלי ווייץ = 52 טערקישע אָקי'ס; 1 טערקישע אָקי — 3,08 פונט; 1 העקט. — 9 צעהנטעל פון א דעסיאַטין. לויט די דאָזיגע צאָהלען גיב איך איבער דעם איינטראַג אין פודען פון א דעסיאַטין.

פון דעם יודישען קאָלאָניסט זענען ניט אין אַן ערך גרעסער, איידער פון דעם רוסישען פויער, און אז די הוצאות ביים בעארבייטען זענען אין פּאַלעסטינע, ווי מיר וועלען זעהן, פיעל העכער, איידער אין רוסלאַנד, — ווערט קלאָר איינע פון די הויפּט־סבות, פאר וואָס די קאָלאָניסטען זענען אזוי אָרים.

צי אז דאָרט מעגליך דעם איינטראָג פונ'ם באָדען צו העכערן? אין פערגלייך מיט דעם פריהערדיגען איינטראָג ביי די אַראַבער (4—5) האָט זיך די יודישע קאָלאָניסטען איינגעגעבען אויפצוהויבען איהם אין פיעל ערטער אויף זעהר פיעל. נאָר זיי האָבען דאָס דערגרייכט ס'רוב נור אַדאַנק זייער רויבערישער אַרבייט. די אַראַבער צעקראַצען נור געוועהנליך דעם באָדען מיט זייערע אקערס און עקספּלואַטירען אויף אַזאַ אופן נור די סאַמע אויבערשטע שיכט זיינע. דאָס האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט אַזוי לאַנג צו שעפּען פון איהם פיעל ווייניג אויך אָהן יעדער בעמיסטיגונג. די יודען האָבען אבער אין אייניגע ערטער איינגעפיהרט דעם אייראָפּעאישען פלוג און אָנגעהויבען צו עקספּלואַטירען אויך די טיעפערע שיכטען. דורכדעם איז דער איינטראָג מיט אַמאָל פיעל העכער געוואָרען. אָבער ניט אומקערענדיג דעם באָדען גאָרנישט צוריק, מאָגערן די יודען איהם ניט אין אַן ערך מעהר אויס, איידער פריהער די אַראַבער און גרייטען זיך דערמיט צו א קאַטאַסטראָפע.

העכערן דעם איינטראָג, ניט שאָדענדיג דעם באָדען, וואָלט מען געקאָנט נור דורך בעמיסטיגונג. אין פּאַלעסטינע איז אָבער די מיסט־פראַגע איינע פון די שווערסטע. דער רוב יודישע קאָלאָניעס בעמיסטיגען גאָרניט זייערע פעלדער, און נור אייניגע: קאַסטינע, עקרון און די פלאַנצונגס־קאָלאָניעס: פתח־תקוה, ראשון, רחובות בעמיסטיגען זייערע פעלדער און פלאַנצונגען. אין די ערשטע צוויי קאָלאָניעס פלעגען די קאָלאָניסטען בעקומען מיסט אין די אַראַבישע דערפער אַרום. דאָרט האָט זיך אין משך פון הונדערטער יאָהרען אָנגעקליבען גאַנצע בערגלעך אַבוואַרף־מיסט. די יודען האָבען דאָס דאָרט אויסגענוצט. איצט האָבען זיך די אַראַבער אין די דערפער אַליין אויסגעלערענט צו בעמיסטיגען, און עס איז אין די קאָלאָניעס געוואָרען א מיסט־פראַגע. נאָך שאַרפער איז די פראַגע אין די פלאַנצונגס־קאָלאָניעס. אין פתח־תקוה צאָהלט מען צו 5—10 קאָפּ. אַ קוישעל שלעכטע מיסט, און עס איז ניטאָ, וואו צו בעקומען. אין פתח־תקוה און ראשון פיהרט מען די לעצטע יאָהרען אַריין א געוויסע צאָהל כעמישע מיסט. נאָר פאַר די פעלדווירטשאַפט־קאָלאָניעס קאָן דער דאָזיגער סאָרט מיסט ניט האָבען קיין ווערדע, ערשטענס דערפאַר, וואָס ביי דעם גרויסען שטח פונדעם באָדען, וואָס ווערט בעאַרבייט, איז זעהר שווער צו מאַכען פּרובען און אַנאַליזען פונ'ם באָדען (און אָהן דעם הייסט דאָס נור די כעמישע מיסט אַרויסוואַרפען אומזיסט), צווייטענס, קאָן ביי די איצטיגע פערקעהרס־מיטלען אין פּאַלעסטינע קיין רייד נישט זיין וועגען איבער־

פיהרען אזוינע שווערע זאכען, ווי מיסט, אין ערטער, וואס ליעגען ווייט פון א האפענשטאדט. די בעסטע סארט מיסט איז אין אלע פרטים די געוועהנליכע, און די דאזיגע מיסט האבען די קאלאניסטען ניט און קאנען ניט האבען, ווייל דערצו דארף מען האבען גענוג פיה און אין פאלעסטינע איז פאר פיה־צוכט, ווי מיר וועלען באלד זעהן, זעהר שלעכטע בעדינגונגען. די קאלאניסטען האבען געוועהנליך נור זעהר א קליינע צאהל פיה, און אין משך פון דעם גאנצען יאהר פיטערט זיך די פיה אונטער'ן פרייען הימעל. עס בלייבט אפילו אויף איין גאנצען טאג ניט אין שטאל. און מען פיטערט די פיה געוועהנליך אויך ניט אויף דעם אייגענעם באדען, נאר וואו מעגליך אויף די בערג, אפט אויף פרעמדען באדען (אין פאלעסטינע איז דאס ערלויבט), אזוי אז די צופעליגע מיסט געהט אויך לאבוד פאר די אייגענע פעלדער. די מיסט־פראגע איז איינע פון די וויכטיגסטע, וואס פון איהר העננט פיעל אפ דער גורל פון די קאלאניסטען אין פאלעסטינע. נאר די דאזיגע פראגע איז, ווי מיר האבען שוין געזעהן, ענג צוזאמענגעבונדען מיט דער פראגע וועגען פיהצוכט אין פאלעסטינע.

ג) פיהצוכט.

פון די הויז־בהמות ברענגען אריין אין פאלעסטינע דעם פערד און דעם קעמיל די בעדואינער, וועלכע פיטערן זיי אין די ווייטע סטעפעס. די פרדה (דעם מויל־אייזעל) ברענגט מען פון סיריען. אין פאלעסטינע גופא האדעוועט מען זיי כמעט גארניט. דעם קעמיל בענוצט מען אויף איבערפיהרען משאות, און אין די יודישע ווירטשאפטען (אויסער ארטוף) איז ער גאר ניטא. דאס פערד און די פרדה זענען, צוזאמען מיט די אקסען, די וויכטיגסטע ארבייטס־בהמות אין דער יודישער ווירטשאפט. א פאר געוועהנליכע פערד צום ארבייטען קאסטען 500—600 פראנק, און א פאר פרדות 600—750 פראנק. שטארקער און מעהר אויסגעהאלטען אין דער ארבייט איז די פרדה. אויף די פערד קומען אפט קרענק, און זעהר אפט טרעפט, אז עס פאלט אוועק ביי א קאלאניסט איין פערד, אמאל ביידע. דאן פער'חוב'עט זיך דער קאלאניסט, און דאס איז שוין אן אנהויב פון זיין חורבן. ניט זעלטען טרעפט, אז ביי איהם פאלען אוועק ארבייטס־בהמות א פאר יאהר נאכאנאנד, דאן קאן זיך דער קאלאניסט צוריק שטעלען אויף די פיס נור מיט דער הילף פון יק"א, וועלכע לייהט איהם אויס אויף ארבייטס־בהמות. די פרדה ליידט ניט אזוי פיעל פון מגפות, אבער עס טרעפט אויך, אז עס פאלען פרדות. חוץ דעם, זענען זיי זעהר ווילד, און עס טרעפט אפט ביים ארבייטען מיט זיי שלעכטע צופאלען.

דער אייזעל פערנעמט אין דער יודישער ווירטשאפט אן אומבעדייטענדען ארט. די הויפט געגענשטאנדען פון פיהצוכט זענען אקסען, קיה, שעפסען און ציגען. אקסען בענוצט מען אויף ארבייט

קיה אויף מילך. די פּראָדוקטען פון פיהצוכט זענען אין פּאלעס־טינע זעהר טייער. א גוטער אָקס קאָסט ביז 200 פּראַנק און הע־כער. א קוה אַביסעל ווענינער. פלייש קאָסט אין די קאָלאָניעס, וואו דאָס איז נור פארהאַן, 18—32 קאָפּ. א פונט; מילך 2—6 קאָפּ. א גלאָז; פוטער 50—80 קאָפּ אַ פונט און טייערער. דאָך האָבען די קאָלאָניסטען זעהר וועניג פיה. יעדער האָט נור צו 3—6 שטיק, צווישען זיי נור 2—3 מעלקעדיגע קיה, געוועהנליך. ווי א זעלב־שטענדיגע פּרנסה גילט פיהצוכט גאָרניט צווישען די קאָלאָניסטען (אויסער ביי די ה"ה שאַפּירא און העלמאַן אין פתח־תקוה, וועלכע האָבען: דער ערשטער 120, דער אַנדערער 80 שטיק). שעפּסען און ציגען זענען אינ'ם רוב קאָלאָניעס גאָר ניטאָ. אין אַ ביסעל א גרעסערער צאָהל זענען זיי פאַרהאַן נור אין שפיה, (ביז צו 30 ביי יעדען קאָלאָניסט), אין משמר (ביז צו 20 ביי יעדען), אין מלחמיה און מעטולע.

צווישען די סבות, וואָס לאָזען ניט ענטוויקלען זיך אין פּאַ־לעסטינע די פיהצוכט, זענען די וויכטיגסטע צוויי. ערשטענס, דער דוחק אין פּאַשע, גוטע פּאַשע איז פארהאַן נור אַ צוויי דריי חדשים (אָדר, ניסן און טיילען פון שבט און איר, ערגערע פּאַשע אָדער האַלבע פּאַשע אויך אַזוי פיעל (שבט, איר, סיון, און ווען־עס־איז — אויך טבת), אין תמוז ווערט אַלץ אויף די פעלדער אויסגע־ברענט פון היץ, און דאַן הויבען אָן די קיה צו הונגערן, ביז די נייע גראָז אין טבת. די שאָף, קריגען נאָך יאָ אַביסעל וואָס צו הריזשען, אָדער מען טרייבט זיי אויף די העכערע ערטער אויף די בערג. אין דער צייט פון גוטער פּאַשע גיבען די קיה מילך צו 1½—3 קוואָרט א טאָג. אָנהויבענדיג אבער פון מיטען זומער, איז אין די קאָלאָניעס כמעט ניט מעגליך אַ גלאָז מילך צו בעקומען. די קיה ווערען אין דער צייט מאָגער, הויט און ביינער. אין דערהיים וואָס צו געבען זיי עסען, האָט דער קאָלאָניסט גאָרנישט. די גאַנצע שטרוי געהט ביי איהם אוועק אויף צום עסען די פערד און די אַרבייטס־אָקסען. אָפּט פעהלט נאָך פאַר זיי אויך אויס שטרוי, און דעם קאָלאָניסט קומט אויס צו קויפען פון דער זייט. פון קיין היי ווייס מען כמעט ערגיץ ניט אין פּאלעסטינע. נור אין בית־גן און אין סעדזשערע האָט א פּאָר מאָל געטראָפען, אַז די גראָז איז אויסגעוואַקסען אַזוי הויך, אַז מען האָט עס געקאָנט שניידען אויף היי. אין אַלע איבעריגע ערטער קאָן מען דאָס ניט. קיין נאַטירליכע לאָנקעס זענען בכלל אין פּאלעסטינע אין די קאָלאָניעס ניטאָ. איינפיהרען לאָנקעס מיט קינסטליכער בע־וואסערונג, אַזוי אַז מען זאָל פון זיי קאָנען שניידען דאָס גאנצע יאָהר, איז אין פּאלעסטינע כמעט אין ערגיץ ניט מעגליך, ווייל עס פעהלט דאָרט, ווי מיר וועלען ווייטער זעהן, אינ'ם רוב ערטער וואַסער אפילו אויף נויטיגערע זאכען, ווי אויף א גרינס־גאָרטען צ. ב. צי לוינט דאָרט צו זייהען גראָזען אָדער תבואות צו שניידען גרינערהייט אָהן בע־וואסערונג, איז נאָך דערווייל ניט בעוואוסט. מען האָט געפּרובט

זייהען קלעווער (אין סעדזשערע), האָט מען איהם געהאַט צייט צו שניידען געוועהנליך נור איינמאָל, זעלטען צוויי. זומער ווערט ער ווי אלץ, אויסגעברענט. עס קאָן זיין, אז אַהרנסאָנ'ס פּרוב־סטאַנציע וועט מיט דער צייט אָנווייזען געוויסע סאָרטען גראָזען, וואָס וועלען זיך איינגעבען גוט אויך אָהן בעוואַסערונג: נאָר דאָס וועט שוין די צוקונפט בעווייזען.

איצט קומט אויס די פיה אין פּאַלעסטינע אין משך פון עטליכע חדשים בפועל ממש צו הונגערן. עס טרעפט, אז עס פערשפּעטיגט דער ערשטער רעגען, און עס פערשפּעטיגט אויך די נייע גראָז, פאַלען די קיה הונדערטערווייז. נאָך ערגער איז, ווען דער ווינטער איז א קעלטערער. דאַן פאַלען די קיה פון הונגער און קעלט און פּגר'ן מאַסענווייז. אַזוינס האָט געטראָפען, למשל פאר צוויי יאָהרען ווען דער ווינטער איז געווען א קאַלטער און ערטערווייז איז אפילו געווען שניי.

די צווייטע סיבה איז — די אָפּטע מגפות. כמעט פּעריאָדיש, יעדע 7 יאָהר, קומט דער אַדלאַן (דבר) און מאַכט א תל פון גאַנצע טשערעדעס. נאָר אויך אין די געוועהנליכע יאָהרען פאַלען אוועק פון פערשיעדענע קריינק זעהר פיעל רינדער און שאָף, צ. ב. אין מעטולע ביי ה' מ־ד איז אוועקגעפאַלען פאר דאָס יאָהר תרע"א אויף 660 פר. (1 פערד, 1 אָקס, א לאָשיק און שאָף אויף 200 פר.) אין מלחמיה איז ביי איינעם פון 28 ציגען געבליבען 8; ביי דעם אַדמיניסטראַטאָר אין סעדזשערע איז מיט עטליכע יאָהר צוריק געווען ביז 300 שעפּסען, און איצט איז פון זיי געבליבען נור א 60 שטיק. אין קאסטינע זענען אמאָל געווען שעפּסען כמעט ביי אלע קאָלאָניסטען, און איצט איז געבליבען נור ביי צווייען. און אַזוי אין אלע קאָלאָניעס. דעם לעצטען יאָהר האָבען די קאָלאָניסטען אין גליל איינגעפיהרט וועטערינאַרע הילף און געגענזייטיגע פערזיכערונג. דאָס וועט אפשר מיט דער צייט לינדער מאַכען די שרעקליכע הזיקות, וואָס די מגפות מאַכען אָן.

ביי די אָנגעוויזענע בעדינגונגען איז אַ בעדייטענדע פיהצוכט אין פּאַלעסטינע אוממעגליך. קיין מילכווירטשאַפט איז ביי די קאָלאָניסטען ניטאָ. נור ווייניג חדשים האָבען זיי פאר זיך אליין מילך. בכלל גיבען די פּאַלעסטינער קיה זעהר ווייניג מילך. אויף א מילך־ווירטשאַפט ברענגט מען אין פּאַלעסטינע קיה פון דמשק. זיי דאַרף מען אָבער דאָס גאַנצע יאָהר געבען עסען אין שטאַל. נעבען אַ גרויסער שטאָדט, צ. ב., נעבען יפו אָדער ירושלים, וואו מען קאָן אלע מאָל פערקויפען די מילך צו א הויכען פּרייז, וואָלט אַזוינע קיה געלוינט צו האַלטען. אין ערטער, וואו די אידישע קאָלאָניעס זענען נאָהענט צו דער אייזענבאַהן, וועלען דערפאר אַזוינע מילכיגערייען זיך אפשר מיט דער צייט אויסבילדען. פאר'ן איינענעם געברויך אָבער האַלטען אַזוינע קיה לוינט פאר קיין פאל ניט.

פון עופות זענען אין אַ גרעסערער צאָהל פאַרהאַן אין די קאָלאָניעס נור היהנער. אין אייניגע — נאָך טייבעלעך און אין סעדזשערע — גענז. וואו ניט וואו בעגעגענט מען נאָך עטליכע ענטלעך און ענדיקעס. פאַר ענטלעך און געגז פעהלט אין די קאָלאָניעס וואסער. די געגז ברענגען נאָך אָפּט פיעל שאָדען, און מען דאַרף פאַר זיי האָבען אַ בעזונדער היטער. און דאָס לוינט שוין ניט. אין סעדזשערע האָבען געגז על פּי רוב די גרים, וואָס פוילען זיך ניט צו שיקען זייערע אייגענע קינדער פּאַשען די געגז. אויף ענדיקעס און היהנער טרעפען דאָרט אָפּט מגפות (די היהנערשע כאָלערע). אויסערדעם טוען אָן די שאַקאַלען זעהר גרויס שאָדען די עופות. די קאָלאָניסטען האָבען דערפאַר עופות און אייער פאַר זיך גענוג נור אין אַ פּאָר קאָלאָניעס. אין די איבעריגע קויפט מען צו ביי די אַראַבער און מען צאָהלט זעהר טייער: אייער 15—25 קאָפּ. אַ צעהנדליג, אַ היהנדעלע — 15—20 קאָפּ., אַ הוהן 40 — 60 קאָפּ. א. אַז. וו. די לעצטע פּאָר יאָהר האָט מען אין אַ פּאָר קאָלאָניעס (איבערהויפּט אין גדרה) איינגעפיהרט די מאַשינעס אויף אויסצוזיצען היהנער. די אויף אַזאַ אופן אויסגעזעסענע היהנער זענען פיעל שוואַכער, איידער די נאַטירליך אויסגעזעסענע, און לייַדען פיעל מעהר פון פערשיעדענע קרענק. נאָר עס קאָן זיין, אַז אין אייניגע קאָלניעס וועט דאָס מיט דער צייט ווערען אַ געשעפט.

דאָס, וואָס די קאָלאָניסטען האָבען ניט גענוג פאַר זיך אויפ'ן יאָהר אייגענע מילכיגס, עופות, אייער און, ווי מיר וועלען ווייטער זעהן, אויך גרינס, איז אויך איינע פון די וויכטיגסטע סיבות פון דער קאָלאָניסטישער אָרימקייט. אין די קאָלאָניעס זאָגט מען, **אַז פון די** מענער טאָר מען אין שטוב מעהר גאָרנישט פאָדערן, ווי ברויט, ד. ה. מען האַלט פאַר גוט, ווען פון די אַראַבגענומענע תבואה איז גענוג פאַרהאַן אויף אָבצוצאָהלען די רעגירונגס־שטייערן, דעם חוב דער אדמיניסטראַציע, הוצאות המושבה, דעם אַרבייטער פאַר דער אַרבייט, און עס בלייבט נאָך איבער פאַר די אַרבייטס־בהמות צום עסען, תבואה אויף זריעה און פאַר זיך נור ווייץ אויף ברויט אויפ'ן גאַנצען יאָהר. מילך, פלייש, גרינס, אייער — דאַרף צושטעלען די פרוי פון דער הויז־ווירטשאַפט. אין פּאַלעסטינע איז אָבער די הויז־ווירטשאַפט שוואַך ענטוויקעלט: טיילווייז זענען דערין שולדיג די קאָלאָניסטען און זייערע ווייבער, ס'רוב אָבער די אָרומיגע נאַטירליכע בעדינגונגען. יעדע קליינינקייט אין הויז קומט דערפאַר אויס אין משך פון דעם גרעסטען טייל יאָהר צו קויפען. ביי אַזאַ לאַגע קאָן אַ פעלד־ווירטשאַפט ניט דערנעהרען איהר בעל־הבית, און די קאָלאָניסטען קומט אויס פון צייט צו צייט אונטערצוהונגערן.

ד) בעוואַסערונג און קלימאַט.

וואַסער אויף צו טרינקען נעמען אייניגע קאָלאָניעס (כנרת, דגניה) פון ירדן, ס'רוב אָבער פון געגראָבענע ברונימער (אין

יהודה) און פון נאַטירליכע קוועלען (אין גליל). אין אַ פּאָר ערטער: אין מצפה, פוריה, משמר זענען פאַרהאַן בורות פאַר רעגען־וואַסער. בענוצען זיך אויף צו טרינקען פון די ווייניגע דורכ'ן יאָהר פליסענדיגע טייכלעך, איז ס'רוב אוממעגליך, ווייל זייער וואַסער איז שעדליך צום טרינקען און מאַכט דעם מענשען, וואָס בענוצט עס, גענייט צו קרענקען אויף מאַלאַריע. אין משמר, וואָס ליגט האַרטביים ירדן, האָט מען דערפאַר געמאַכט בורות פאַר רעגען־וואַסער. ברונימער זענען פאַרהאַן נור אין די נידעריגערע ערטער, אין די טאָלען. זייער טיעפקייט: פון 7 — 10 מעטער אין וואַדי־חנין, ביז 47 מעטער אין גדרה. אין אייניגע ערטער נאָך טיעפער (אין חולדה 92 מעטער). אַזאַ ברונים קאָסט אַ 10—15 טויזענד פראַנק און העכער. און אַ מאָטאָר צו איהם אויף ציהען די וואַסער נאָך אַ 7 טויז. פראַנק. אַזאַ גוטער ברונים קאָן געבען וואַסער פאַר דער גאַנצער קאָלאָניע צום טרינקען.

אויף צו בעוועסערן איז מעגליך צו בענוצען די וואַסער פון די שטענדיגע טייכלעך און אין די טאָלען—ברונימער. די לעצטע גראָבט מען נור אין באַיאַרעס. אויף בעוועסערן גרינסען לוינט ניט צו גראָבען קיין ברונים. אין אַלע קאָלאָניעס, וואָס נעהמען וואַסער פון אַ ברונים, איז דערפאַר ניטאָ קיין גרינס: די וואַסער פון זיי איז גענוג אויף צו טרינקען, אָבער עס איז ניט גענוג אויף בעוועסערונג, און נאָך איינעם גראָבען לוינט ניט. די קאָלאָניעס, וועלכע נעהמען וואַסער פון קוואַלען, האָבען אויך גענוג נור ווינטער, אין דער צייט פון די רעגענס. זומער איז פון די קוואַלען על פי רוב קאַרג אפילו אויף אָנצוטרינקען די פיה. וועגען זומערדיגע גרינסען איז דערפאַר ביי די קאָלאָניסטען כמעט אומעטום גאָר ניט מעגליך צו קלערען. נור אין עקרון האָבען די קאָלאָניסטען אַ ביסעל אַזוינע גרינסען, און אין מטולע איז פאַרהאַן איין גרינסגאָרטען. געוועהנליך האָבען די קאָלאָניסטען נור אַ ביסעל אייגענע קאַרטאָפעל, ציבעלעס און קנאָבעל — ווינטער־גרינסען; און אפילו אַזוינע גרינסען קאָנען זיך די קאָלאָניסטען ניט אָנגרייטען אויף אַ לענגערער צייט, ווייל מחמת דעם, וואָס די מיטעלע טעמפּעראַטור פון יאָהר איז דאָרט זעהר אַ הויכע, איז אין פּאַלעסטינע אוממעגליך צו בענוצען געוועהנליכע קעלערס: אַלץ ווערט אין זיי באַלד אויסגעטריקענט און צעוויאַנעט. דעם גרעסטען טייל יאָהר קומט דערפאַר אוים די קאָלאָניסטען צו קויפען גרינס ביי די אַראַבער, וועלכע פוילען זיך ניט צו ברייננען וואַסער פון פאַר מיילען ווייט, און קאַרטאָפעל קויפט מען רוסלענדישע. וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס פעלען פון אייגענע גרינס האָט אויף דער קאָלאָניסטישער ווירטשאַפט, האָבּיר מיר שוין געזעהן.

לויט דעם קלימאַט קאָנען אין פּאַלעסטינע וואַקסען די פערשיידענסטע געוויקסען, אָנגעהויבען פון דער מיטעלמעסיגער זאָנע ביז דער טראָפּישער. מעהר נישט אין דעם גרעסטען טייל לאַנד

שטעדט דערצו דער דוחק אין וואסער. אין פּאַלעסטינע פאלט אפילו אַרויס ניט ווענינ רעגען, מעהר ווי אין אייניגע אייראָפּעאישע לענדער, צ. ב., מעהר ווי אין דייטשלאַנד. נאָר די רעגענס געהען אין משך פון א קורצער צייט און זענען זעהר שטאַרק. נור אַ קליינער טייל זייערער בעווייזט דערפאר איינצונעהמען זיך אין באָדען, דער גרעסטער טייל שטראָמט איבער די וואַדיס מיט גרויס גערויש אין ים אריין. דער סכום וואַסער, וואָס דער פּאַלעסטינער באָדען בעקומט, איז, בכן, אַ גאַנץ קליינער.

די פערטיילונג פון די רעגענס אין דער צייט פון ווינטער האָט אויך אַ גרויסע ווירקונג אויף דער גאַנצער פעלדאַרבייט אין פּאַלעסטינע. אז מען פערזייהט דאָרט נאָכ'ן ערשטען רעגען, און דער אַנדערער האָט זיך פערשפּעטיגט, טרעפט אָפט, אז די זריעה געהט ניט אויף, און עס קומט אויס איבערצוזייהען נאָכאַמאָל. פערקעהרט, אז מען האָט דעם ערשטען רעגען ניט געגלויבט און אבגעלעגט דעם זייהען, און דער צווייטער רעגען האָט זיך פערצויגען (אַמאָל גיסט ער וואָכענלאַנג נאָכאַנאַנד), קומט שוין דאן אויס בכלל צו שפּעט דער זייהען, וואָס עס ווירקט זעהר שלעכט אויף דעם קומענדיגען איינטראָג. עס קומט בכן אויס צו לאַווירען צווישען די רעגענס. טרעפט מען צו — איז גוט, ניט — איז דער גאַנצער איינטראַג פונ'ם קומענדיגען יאָהר אונטער אַ פראַגע־צייכען.

דער קלימאַט פון פּאַלעסטינע איז בערך אַ גלייכער און א געזונטער. די בעפעלקערונג ווייס דאָרט דערפאר זעהר וועניג פון לונגען־ און האַלז־קראַנקהייטען. נור צוויי קרענק זענען דאָרט זעהר פערשפּרייט און זענען אַן אמת'ע פּלאָג פאר פּאַלעסטינע. דאָס איז די טראַכאָמע און די מאַלאַריע. די ערשטע איז ס'רוב פערשפּרייט צווישען קינדער און פרויען. פאַרהאַן קאָלאָניעס, ווי ראש פּנה, וואו כמעט אלע קינדער ליידען פון טראַכאָמע. אין אייניגע קאָלאָניעס קומען טעגליך צום פעלדשער מיט די אויגען פיעל צעהנדליגער קינדער. אזוינע קאָלאָניעס, וואו די טראַכאָמע זאָל גאָרניט זיין, איז ניטאָ. זומער־צייט, אז מען נעהמט דרעשען די תבואות, הויבט זיך אויף אַ געדיכטער שטויב און פילט אָן די גאַנצע לופט. די אויגען ווערען ענטצינדט און געוויגט אָנצונעהמען זיך מיט טראַכאָמע. די מאַלאַריע איז ניט וועניגער פערשפּרייט, ווי די טראַכאָמע. נור מעטולע, סעדזשערע, און טיילווייז ראש־פּנה און גדרה ליידען ניט פון איהר. אין אַלע איבעריגע געפינט איהר ניט בפועל ממש קיין איינעם, וואָס זאָל ניט האָבען געקרענקט אויף מאַלאַריע. אום צו געבען אַ בעגריף וועגען דער פערשפּרייטקייט פון דער קרענק, וועל איך ברענגען אייניגע ציפער וועגען דעם סכום חינין, וואָס געהט אַוועק אין די קאָלאָניעס. אין חדרה, אטליט, כנרת, מגדל און אנדערע ערטער נעהמט יעדער איינער טעגליך א פּיל חינין. אין משמר (90 נפשות) געהט אַוועק פאר'ן יאָהר 2½ — 3 קילאָגראַם חינין, ד. ה. 27 — 30 גראם (426—521 גראן) אויף אַ נפש. אין

יסוד (170 נפשות) געהט אַוועק 6 קילאָגראַם חינין אַ יאָהר, ד. ה. צו 35 גראַם—553 גראַן אויף אַ נפש. דאָסזעלבע, אָדער אפשר אַ ביסעל ווענינער אין אנדערע קאָלאָניעס. אין די קאָלאָניעס: חדרה, אטליט, משמר, יסוד טרעפט זיך נאָך אָפט דער געלער פי־בער, וועלכער גיט זעהר אַ גרויסען פּראָצענט טויטען.

פון די דאָזיגע עפּידעמיעס, איבערהויפּט פון דער מאַלאַריע, ליידט אָפט פיעל די ווירטשאַפט. אַז זי טרעפט דעם קאָלאָניסט אין דער צייט פון פערזייהען, שטעלט זי אין קאָן די מערכה פון דעם גאַנצען קומענדיגען יאָהר. ניט זעלטען טרעפט, אַז עטליכע מיטגלידער פון דער פאַמיליע זענען צוגלייך קראַנק. צ. ב., ווען איך בין געווען אין יסוד ביי דעם גר דוברוואַוין, ביי וועלכען עס איז מיט אַ קורצער צייט צוריק געשטאַרבען אַ זוהן פון געלען פיבער, איז ער אַליין געלעגען קראַנק, און זיין ווייב און זיין עלטערער זוהן זענען ערשט אויפגעשטאַנען פון קרענק און זענען אַוועקגעפאָהרען אַר־בערייטען די לופט אין מעטולע. אין שטוב ביי דער ארבייט זענען געבליבען נור זיינע אַ מיידעל און צוויי שניר. עס איז זיך לייכט פאַרצושטעלען, ווי עס ליידט ביי אַזאַ פאַל די גאַנצע פירטשאַפט.

דאָס זענען די נאַטירליכע בעדינגונגען, אין וועלכע עס קומט אויס צו ארבייטען דעם יודישען קאָלאָניסט אין פּאַלעסטינע. איז די נאַטור צו איהם פריינדליך דעם גאַנצען יאָהר, און ער האָט פער־זייהט צו דער צייט, און די רעגענס זענען־געגאַנגען צו דער צייט, און ער און די פאַמיליע האָבען ניט געקרענקט, און קיין ארבייטס־בהמות זענען ביי איהם ניט געפאַלען, — דעמאָלט איז (ביי אַן אויפמערקזאַמער בעציהונג צו דער ארבייט מצד דעם קאָלאָניסט, און אויב עס האָט ניט געטראָפען קיין אומגליק פון אַן אַנדער זייט (צ. ב. מצד די אַראַבער), דער איינטראָג גענוג אויף דורכצו־לעבען דאָס יאָהר. האָט אבער געפעהלט איינע פון די בעדינגונגען, איז דער קאָלאָניסט שוין ניט זיכער מיט ברויט אויפ׳ן יאָהר. און טרעפט דער אָדער יענער שלעכטער צופאַל אַ פּאָר יאָהר נאָכאַנאַנד, קאָן שוין דער קאָלאָניסט איינגאַנצען צו זיך ניט קומען. אויסער־דעם צייכענט זיך אויס די פּאַלעסטינער ווירטשאַפט, וועלכע גיט אפילו ביי אַלע גינסטיגע בעדינגונגען אין די גוטע יאָהרען נור צום לעבען, דערמיט, וואָס אפילו אינ׳ם בעסטען יאָהר איז כמעט אוממעג־ליך עטוואָס אָבצושפּאָרען אויף אַ שלעכט יאָהר. און אין אַ שלעכ־טען יאָהר קומט דערפאַר דעם קאָלאָניסט אויס אַריינפאַלען אין חובות, וועלכע איהם איז כמעט אוממעגליך אויסצוצאָהלען, און דאָס ברענגט ביסלעכווייז זיין ווירטשאַפט צום גרונד.

ב. די געזעלשאַפטליכע פאַקטאָרען.

א) די בעפעלקערונג.

קיין גענויע סטאַטיסטיק פון דער פּאַלעסטינער בעפעלקערונג איז ניטאָ. מען רעכענט, אַז דאָרט איז פאַרהאַן מעהר פון 800

טויזענד נפשות, וואָס עס מאַכט צו 29 מענשען אויף אַ קוואַדראַט־קילאָמעטער. פון זיי זענען ביז הונדערט טויזענד יודען, וואָס עס מאַכט אויס 12%—13 פון דער גאַנצער בעפעלקערונג. חוץ דעם, זענען דאָרט אין אַ קליינער צאָהל פאַרהאַן טשערקעסען, אַרמענער, דייטשען, מוהרעבער (פון צפון אַפריקע געקומענע), און די איבעריגע 650 טויזענד און אפשר נאָך מעהר — זענען אַראַבער. די לעצטע וואוינען טיילווייז אין די שטעדט, טיילווייז אין די דערפער (פאַלאַכען). חוץ דעם, זענען נאָך פאַרהאַן בעדואינער, וואָס געהען אַרום מיט זייערע טשערעדעס פון אָרט צו אָרט אַרום און אין פאַלעסטינע. פון די אַראַבער איז דער גרעסטער רוב מוסולמענער, אַ געוויסער טייל אַרום ירושלים און גליל — קריסטען.

די אַראַבער זענען אַ קלוג און דורכגעטריבען פאָלק און שאַצען שטאַרק דרייסטקייט און כח. זייער אויסווייניגסטע בעציהונג צו יודען בייט זיך דערפאַר, אַבהענגיג פון דער יודישער בעדייטונג אין דעם אָרט. אין פתח־תקוה, ראשון, רחובות, וואו די יודען האָבען אַ מאַכט, ווייזען די אַראַבער ניט אַרויס קיין אַגרעסיווע פיינדשאַפט, און די אַראַבער, וואָס אַרבייטען ביי יודען, זענען נאָך שטאַרק אונטערטעניג. פערקעהרט, די יודען ווייזען אין אַזוינע ערטער אויף זעהר אַ קאָנקרעטען אופן אַרויס זייער הערשאַפט און בעגעהען זיך אָפט מיט זייערע אַראַבישע אַרבייטער, ווי מיט קנעכט. אין גליל, וואו די אידען זענען אין אַ קלענערער צאָהל, און די קאָלאָניעס זענען צוואָרפענער, איז די בעציהונג מצד די אַראַבער אָפען אַ פיעל פיינדליכערע, די פערשיעדענאַרטיגע בעציהונג צו די יודען מצד די אַראַבער אין פערשיעדענע ערטער הענגט אָב נאָך פון איין בעדינגונג. דאָרט, וואו די יודען האָבען אָבגעקויפט דעם באָדען ביי די אַראַבישע דערפער, וואו די אַראַבער, הייסט עס, האָבען מיט'ן גוטען ווילען פאַר אַ געוויסער סומע אָבגעטראָטען זייער פלאַץ, איז זייער בעציהונג אַ בעסערע; פערקעהרט, וואו מען האָט אָבגעקויפט דעם באָדען ביי עפענדים און דערביי, פערשטעהט זיך, אַראָבגעטריבען די אַראַבער אַרענדאַטאָרס, ווי דאָס איז געווען אין פיעל ערטער אין גליל, איז די בעציהונג פון די אַראַבער אַן ערגערע.

נאָר אפילו ביי די גוטע בעציהונגען קומען פאָר טאָג טעגליך גנבות, גזלות און רציחות. איך וואָלט געקאָנט ברענגען פיעל זייטען מיט ביישפיעלען פון אַזוינע צופאַלען, וואָס זענען פאָרגעקומען פאַר דער צייט, בשעת איך בין דאָרט געווען. דער פאַקט איז שוין אָבער אַ צו בעוואוסטער, מען זאָל וועגען איהם דאַרפען רעדען. די וועגען אין פאַלעסטינע זענען ניט זיכער אפילו בייטאָג, און אין אָבענד ווערען זיי איינגאַנצען פוסט; אפילו די צוגען שטרעבען צו קומען צו דער לעצטער סטאַנציע פאַר'ן זון־פערגעהן. וואו נור עס ליעגט עפּעס ניט גוט, גנב'ען די אַראַבער צו. זיי טרייבען אָפט אוועק בהמות פון דער טשערעדע; ווען די יודישע תבואות געהען

אויף, פאשען זיי זיי אפט אב מיט זייערע פיה; ווען די תבואה ווערט צייטיג, שניידען זיי זי אפט אב: כדי עס זאל ווייניגער ניכר זיין און ווייניגער ווארפען זיך אין די אויגען, קנייפען זיי נור אפ די זאנגען. אין אייניגע ערטער (אין עין זיתים, ראש־פנה) האבען זיי פערזאקערט יודישען באדען; זענענדיג אין כעס פאר עפעס, האבען די אראבער אין אייניגע ערטער (מעסחא, ראש־פנה) אונטערגעצונדען די יודישע באיאדעס (שייערס).

אזא בעציהונג מצד די אראבער ברענגט דער קאלאניסטישער ווירטשאפט דעם גרעסטען שאדען. די געוועהנליכע גנבות. איבערהויפט די גנבות פון די פעלדער און פון שייער, מאכען אפט אויס זעהר פיעל. חוץ דעם רופט ארויס אזא בעציהונג פון די אראבער צום אייגענס פון די יודען אומגעהייערע הוצאות אויף שמירה: דאס איז איינער פון די גרעסטע הוצאות־ארטיקלען אין אלע קאלאניעס. עס פאדערן זיך ספעציעלע שומרים פון קאלאניע, שומרים פון די פעלדער, שומרים אין די גערטנער, שומרים פון באיאדער א. אז. וו. ווי א ביישפיעל וועל איך ברענגען פאלגענדע ציפערן: הוצאות אויף שמירה אין רחובות, וואו מען האט גענומען יודישע שומרים, אויפ'ן יאהר תרע'ב, שוין אין קאלאניע צוזאמען מיט די כרמים, איז 18000 פראנק, און די גאנצע הכנסה פון אלע רחובות'ער ווירטשאפטען פאר'ן יאהר תרע'ב איז געווען ערך 170,000 פר. די שמירה טראגט דארט אלזא אוים מעהר ווי 10% פון דער גאנצער הכנסה! אין חדרה (אויך יודישע שומרים) זענען אלע הוצאות פון דער קאלאניע אין יאהר תרע"ב געווען 30,000 פר., פון זיי אויף שמירה 11,700 ד. ה. 39% פון אלע הוצאות. אין זכרון — אלע הוצאות 11,360 פר., אויף שמירה (אראבישע) 4020 פר., ד. ה. כמעט 36% פון אלע הוצאות. און דאס אייגענע אין אנדערע קאלאניעס.

די ווירקונג פון דער אראבישער בעפעלקערונג אויף דער יודישער קאלאניזאציע דריקט זיך אויס נאך אויף איין אופן. די אראבער האבען נאך ביז איצט די קלענסטע בעדערפענישען, און מען קאן דערפאר בענוצען זייער ארבייטסקראפט פאר דעם קלענסטען לוין. דאס ווירקט דעמאראליזירענדיג אויף די קאלאניסטען. מען קאן דעם אראבער קריגען פאר 30 קאפ. א טאג. זיין אייגענע ארבייט וויל אבער דער קאלאניסט ניט אבשאצען אזוי נידעריג. מאכט ער זיך א רעכענונג, אז איהם לוינט בעסער צו דינגען אן אראבער אויף אקערן, און אליין וועט ער די 30 קאפ. מיט א מותרות פערדינען, ווען ער וועט ארבייטען עטוואס אויפ'ן הויף. צוערשט מאכט דער קאלאניסט אזא חשבון, האבענדיג אין דער אמת'ן איבעריגע ארבייט, שפעטער נעהמט ער שוין א מאנאטליכען אראבער (דאס טראגט אוים ביליגער, איידער א טעגליכען), און דאן, ווען עס פעהלט ווען א טאג אויס ארבייט פאר ביידען, בלייבט אהן ארבייט, פערשטעהט זיך, דער בעל־הבית. מיט דער צייט ווערט דער

צושטאנד פון „אהן ארבייט“ ביים קאלאניסט דער געוועהנליכער. ער דינגט שוין צוויי אראבער ארבייטער, און אליין גיט ער אויף זיי אכטונג, און ווייטער מיט א חשבון, אז מען טאר די אראבער ניט לאזען ארבייטען אהן השגחה, ווייל זיי וועלען פעלשען אין דער ארבייט. אזוי ווערט דער קאלאניסט ביסלעכווייז, אפט אומבעמערקט פאר זיך אליין, א דאנק דער וואלוועלער ארבייטס־קראפט פון די אראבער, א פוילענצער, א „בועז“, וואס געוועהנט זיך אב פון יעדער ארבייט און ווייזט ארויס זיין בעל־הבת׳ישע קראפט נור אין אונטערטרייבען די אראבישע ארבייטער. אויף וויפיעל דאס רופט זיך אב אויף דער קאלאניסטישער ווירטשאפט, קאן מען זעהן דערפון, וואס אין די פאלעסטינער קאלאניעס רעכענט מען דעם ווערט פון דער ארבייט דורכשניטליך פאר איין פינפטעל פון דעם גאנצען איינטראג. אז מען גיט אב דעם אראבער אינגאנצען צו בעארבייטען דעם באדען, נעמט ער איין פינפטעל פון דעם גאנצען איינטראג און נאך קלייניגקייטען. דער דאזיגער גרויסער טייל געהט אוועק צו די אראבישע ארבייטער פון דער קאלאניסטישער ווירטשאפט. אמת, ווען דער קאלאניסט וואלט אליין אפילו שטענדיג געארבייט, וואלט ער זיך צייטענווייז, למשל, ביים יעטען, ביים פיהרען, ביים דרעשען, ביים אראבנעמען שומשום און דורע וכדומה, אויך גענויטיגט אין א טייל געדונגענער ארבייט. אבער דאך וואלט דאן דער חלק, וואס געהט אוועק אויף די ארבייטער, געווען פיעל קלענער, איידער א פינפטעל. אין א זול, —זאגט מען ביי אונז, — עסט דער ארימאן אויף זיינע עטליכע גילדען. איז דעם פאל ווייזט זיך די ריכטיגקייט פון דעם גלייכווערטיל ארויס אינגאנצען.

פארהאן נאך א דריטע ווירקונג פון דער אראבישער בעפעלקערונג אויף דעם יודישען ישוב, א ווירקונג, וואס פון איהר העננט אב די גאנצע ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון׳ם ישוב. די אראבער שטעלען פאר א בעסערן עקספלואטאציאנס־מאטעריאל, איידער די יודישע ארבייטער, וועלכע האבען גרעסערע בעדערפענישען, פאדערן בעסערע בעהאנדלונג א. אז. וו. (גענוי וועגען דעם זעה ווייטער דעם ארטיקעל „די ארבייטער־פראגע אין פאלעסטינע“). דער יודישער פלאנטאטאר, ווי אויך דער יודישער קאלאניסט, נעהמען דערפאר אויף דער ארבייט ניט קיין יודישע ארבייטער, נאר אראבער. אין אנהויב תרע״ב האבען אין די יודישע קאלאניעס געארבייט 7—8 טויזענד ארבייטער, און פון זיי נור 5—6 הונדערט יודישע. ביי אזוינע בעדינגונגען זענען די אראבער ניט נור ארום, נאר אפילו אין דער קאלאניע אפט א מעהרהייט. די צוקונפט פון אזא ישוב. וואו די גאנצע ארבייט כמעט ליגט אין פרעמדע הענד, איז ווייט ניט זיכער פאר די יודען. נאך וויכטיגער אבער איז דאס, וואס ביי אזוינע בעדינגונגען איז אוממעגליך צו שאפען אן ענטוויקלונגס־פעהיגען ישוב אין פאלעסטינע, ווייל עס איז דאך שווער זיך פארצושטעלען, אז עס וועלען זיך צווישען יודען פיעל געפינען אזוי־

נע, וואס האבען עטליכע טויזענד רובל (א סומע, וועלכע איז נויטיג אויף איינארדענען זיך ביי א פעלדווירטשאפט אין פאלעסטינע) און זאלען איינשטימען אליין צו ארבייטען און בעגנוגען זיך נור מיט דורכצולעבען זיך פון דער ווירטשאפט ווי עס איז. רעדט מען וועגען יודען קאלאניזאטארס, דארף מען האבען אין זינען, פון איין זייט, מענשען מיט קאפיטאלען, וואס וועלען זייער געלד וועלען אריינלעגען אין ערד־ארבייט, ווי אין אן אנדער געשעפט, און בעקומען אויף איהם א געהעריגען פראצענט, אדער יודען, וואס האבען אין גלות געארבייט און מוזען איצט עמיגרירען, ווייל זיי האבען זייער ארבייט פערלוירען, און וואס ווילען אויף דעם נייעם ארט ווייטער ארבייטען און שטעלען זיך נור אלס אידעאל פאר א זעלבשטענדיגע ווירטשאפט. ביים ערשטען פאל, ווען יודישע קאפיטאליסטען זאלען אפילו קומען אין פאלעסטינע (אויף וויפיעל דאס איז מעגליך, וועלען מיר ווייטער רעדען), וועט די ארבייטסקראפט ביי זיי ניט זיין קיין יודישע, און דאן איז די גאנצע יודישקייט פון׳ם ישוב אבגעפרעגט, ווי עס איז אבגעפרעגט, למשל, דער בעלגישער כאראקטער פון דער אינדוסטריע אין דרום־רוסלאנד, כאטש דער קאפיטאל, וואס ליעגט אין איהר, איז אין א גרויסער מאס א בעלגישער. דער צווייטער פאל איז כמעט אינגאנצען אויסגעשלאסען. ווייל אויף איינצוארדענען זיך ביי א לאנדווירטשאפט מוז מען האבען א געוויסען קאפיטאל (אפילו ביים איינארדענען זיך מיט דער הילף פון אן ארגאניזאציע). און אזוינס איז פאר דעם ארבייטער מעגליך צו האבען נור דאן, ווען ער קאן עטוואס אבשפארען פון זיין פערדיענסט. אין פאלעסטינע, אז א יודישער ארבייטער שלאגט זיך שוין ווי עס איז צו צו דער ארבייט, אדער א תימנ׳ער יוד בעקומט ארבייט, איז זייער לוין, מחמת דער קאנקורענץ פון די אראבער, אזוי קליין, אז וועגען אבשפארען קאן גאר קיין רייד ניט זיין. דאסזעלבע איז אויך מיט די קאלאניסטישע זיהן. קאלאניזירען זיך נעבען די עלטערן איז זיי אוממעגליך, ווייל די ווירטשאפט דערנעהרט קוים איין פאמיליע; אבשפארען געלד צו קאלאניזירען זיי האבען די עלטערן קיין מעגליכקייט ניט, און זיי אליין דורך זייער ארבייט אנקלייבען געלד, אויף קאלאניזירען זיך, זענען אויך ניט אין שטאנד. מוזען זיי פערלאזען דאס לאנד, ווען זיי וואקסען אונטער. פיעל פון די קאלאניסטישע זיהן, וויסענדיג פאראויס, אז זיי וועט אויסקומען אוועקצופאהרען, אינטערעסירען זיך אפילו ניט אויסצולערנען זיך די ארבייט. יעדער קאלאניסט, וועלכען מען בעזעצט אין פאלעסטינע, איז אויף אזא אופן נור אן איינס פאר זיך, אבער ניט קיין קערענדעל, וואס זאל קאנען זיך ענטוויקלען און פון זיך אליין וואקסען. ביי די איצטיגע בעדינגונגען וועט מען אין פאלעסטינע שטענדיג דארפען ארגאניזירט, געזעלשאפטליך קאלאניזירען, ד. ה. וועגען יעדען נייעם קאלאניסט וועט אויסקומען בעזונדער צו קלערען, יעדען איינעם צו

שטיצען: זי וועט זיך אָבער ניט קאָנען נאַטירליך אליין קאָלאָניזי־רען, דורך מענשען, וועלכע זוכען נור דורך זייער ארבייט זיך צו דערנעהרען און זיך אַ צוקונפט צו שאַפען.

און ווען מען זאָל זיך פאָרשטעלען — אין וואָס ווניגע ארביי־טער אין פּאַלעסטינע גלויבען, — אַז אויפוועקענדיג מעהר דעם נאַציאָנאַלען זעלבסטבעוואוסטזיין פון די יודישע קאָלאָניסטען און ווירקענדיג אויף די ציוניסטישע אינסטיטוציעס, וועט מעגליך ווע־רען פערנעהמען מיט יודען דעם אָרט פון די אַראַבער ביי דער אַר־בייט, וועט דאַן די פיינדליכע בעציהונג מצד די לעצטע, וועלכע עקזיסטירט שוין איצט, פיעל שאַרפער ווערען, ווייטערדיגע קניות פון באָדען וועלען כמעט אוממעגליך ווערען און די האָפענונגען אויף ווייטערדיגער קאָלאָניזאַציע וועלען אויף פיעל פערקלענערט ווערען.

ב) די רעגירונג.

די בעציהונג פון דער טערקישער רעגירונג צו דער יודישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע איז ניט שטענדיג געווען איינע און דיזעלבינע; נאָר ס'רוב איז זי געווען אַ פיינדליכע. דאָס געזעץ, וואָס פערבאָט יודען ניט־טערקישע אונטערטאָנען צו קויפען באָדען אין פּאַלעסטינע, האָט יעדע קניה פיעל שווערער געמאַכט, איידער זי האָט געקאָנט זיין. אמת, ווען עס איז פאַרהאַן, וואו צו קויפען, שטעלט זיך די זאַך ניט אָב איבער דעם נאָמען, אויף וועלכען צו קויפען. נאָר דאָך איז שווערער צו בעקומען די קושאַנעס, עס מוז קאָסטען באַקשיש, און אָפט זעהר פיעל. דער רויטער צעטיל האָט אויך זיין ווירקונג און פערשאַפט אָפט אונאַנגענעהמליכקייטען.

אַ גרעסערע בעדייטונג האָט דאָס, וואָס די אָרטיגע אַדמיניס־טראַציע איז שוואַך און האָט ס'רוב קיין מעגליכקייט ניט צו בע־שטראָפען די אַראַבער, וואָס זענען בעגאַנגען אַ גנבה אָדער אַ רציחה, די אַראַבער ווייסען, אַז זיי וועלען געוועהנליך בלייבען אומבע־שטראָפט. דאָס גיט זיי צו מעהר חשק צו בעגעהן פערברעכענס.

נאָר די גרעסטע שטערונג מצד דער רעגירונג פאַר דער ענט־וויקלונג פון דער ערדאַרבייט אין פּאַלעסטינא בכלל און פון דער יודישער קאָלאָניזאַציע בפרט זענען די גרויסע שטייערן, וואָס זי נעמט פון דער ערד און פון די פּראָדוקטען פון ערדאַרבייט. אַזוי צאָהלט זיך פון דער ערד שטייער 4 פּראָמיל פון איהר ווערט — „ווערקאָ“, און פון די תבואות און כמעט אַלע פרוכטען 12½ פּראָ־צענט — „עשור“. און אין איינִיגע קאָלאָניעס דערגרייכט דער עשור, איבער די קאַפּריזען פון די חוכרים פון דעם עשור, טיילמאָלס ביז 13 און אפילו 14 פּראָצענט פון דעם גאַנצען שייער.

עס פערשטעהט זיך, אַז די אדמיניסטראַציע, די אָרדנונג און אפילו די רעגירונג איז ניט קיין אייביגע זאַך. עס איז אפילו ניט אוממעגליך, פּאַלעסטינע זאָל פון טערקישע הענד אריבער אין

אנדערע הענד. און דאָן וועלען די ספּעציעלע בעגרענצונגען פאַר יודען מסתמא בטל ווערען, און אפשר וועלען אויך פּערקלענערט ווערען די שטייערן. נאָר ביי אַ רעכטער רעגירונג און ביי אַ נאָר־מאַלער ענטוויקלונג פון דעם לאַנד, און איבערהויפּט דאָן, ווען פּאַ־לעסטינע וועט בעקומען אויטאָנאָמיע, וועט זיך די דאָרטיגע אראבי־שע בעפעלקערונג עקאָנאָמיש פּערפעסטיגען. שוין איצט האָבען די אראַבער פון פיעל דערפער, און אויך פיעל עפענדים, צ. ב., ביי וואדי חנין, וועלכע האָבען פריהער געהאַלטען ביי פערקויפען זייער באָדען, זיך אַליין פערפּלאַנצט באַיאַרעס און גערטנער און קלערען שוין מעהר ניט וועגען פערקויפען זייערע גיטער. פיעל אראַבער, וועלכע זענען געווען אויסגעוואַנדערט אין אַמעריקע, האָבען דאָרט אָנגעקליבען געלד, האָבען זיך צוריקגעקעהרט און האָבען איצט איינגעאָרדענט גוטאָוועקגעשטעלטע ווירטשאַפטען. אַזוינע זענען אין דעם אויבערשטען גליל פאַרהאַן שוין איצט פיעל. ביי אַ רע־גירונג, וואָס וועט זאָרגען פאַר'ן וואוילשטאַנד פון דער אָרטיגער בעפעלקערונג, וועט די פּערפעסטיגונג פון די אראַבער געהן געשווינ־דער, און די שאַנסען פון דער יודישער קאָלאָניזאַציע וועלען דורכ־דעם מוזען פאַלען.

עס איז דערפאַר זעהר שווער צו זאָגען, ביי וואָסערע בעדינ־גונגען — ביי דער איצטיגער טערקישער הערשאַפט אָדער אין אַ פרייער אויטאָנאָמער פּאַלעסטינע — וועלען די שטערונגען פאַר דער יודישער קאָלאָניזאַציע זיין קלענער...

3.

די אינעוויינינגסטע פאַקטאָרען.

די אויסוויינינגסטע סיבות, אויף וועלכע מיר האָבען אָנ־געוויזען, האָבען געווירקט, אַז אין פּאַלעסטינע זאָל זיך ניט אויס־בילדען קיין געזונטער און ענטוויקלונגס־פעהיגער יודישער ישוב. זיי אַליין וואָלטען נאָך אָבער געווים ניט געקלעקט אויף צו ברענגען דעם ישוב צו אַזאַ שלעכטען מצב, נאָכדעם ווי עס זענען אויף איהם אויסגעגעבען געוואָרען אַזוינע גוואַלדיגע מיטלען. ווייל היינטיגע צייטען איז מעגליך אפילו פון הארטען פעלז אין מיטען ים אַ בלי־הענדיגען גאָרטען צו מאכען, ווען מען קאַרגט נאָר ניט קיין געלד. און ווען אפילו ניט קיין ענטוויקלונגס־פעהיגען צענטער, וואָס זאָל האָבען כוחות צו וואַקסען ווייטער פון זיך אַליין, אָהן הילף פון דער זייט, וואָלט מען מיט'ן געלד, וואָס מען האָט פערטאָן אויף דער יו־דישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע, געקאָנט וועניגסטענס שאַ־

פֿען אַ בעדייטענדע צאָהל פעסט איינגעאָרדענטע קאָלאָניסטען, וואָס זאָלען קיין מורא ניט האָבען פאַר'ן מאָרגענדיגען טאָג.

ווי געניטע מענשען אין פּאַלעסטינע מאַכען דעם חשבון*), האָט דער באַראָן אַליין אַריינגעלעגט אין דער פּאַלעסטינער קאָלאָניזאַציע ניט ווייניגער, ווי 70—75 מיליאָן פראַנק, און צוזאַמען מיט די געלדער, וואָס די יק"א, די חובבי־ציון און אַנדערע חברות האָבען פערטאָן אויפ'ן ישוב, און וואָס פּריוואַטע לייט האָבען אַריינגעבראַכט, האָט די יודישע קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע אָבגעקאָסט ביז איצט ביז 80—85 מיליאָן פראַנק. טיילט מען די דאָזיגע סומע אויף די 1000 יודישע קאָלאָניסטען אין פּאַלעסטינע (גענויע 980, חוץ אַז ערך 400, וועלכע האָבען נאָר ערד אין פּאַלעסטינע און וואוינען דאָרט ניט און לעגען כמעט אַלע יעדעס יאָהר נאָר אַריין ניי געלד אין זייערע ווירטשאַפטען און נעמען פון זיי דערווייל גאָרנישט אָדער כמעט גאָרנישט ניט אַרויס), מאַכט אויס אויף

*) וועגען אַ גענויעם חשבון פון דעם געלד, וואָס איז אַריינגעלעגט געוואָרען אין דער פּאַלעסטינישער קאָלאָניזאַציע, קאָן קיין רייד ניט זיין. ניט נאָר די קלענערע פּריוואַטע סומעס, נאָר אויך די געלדער, וואָס דער באַראָן און די יק"א האָבען אַריינגעלעגט אין דער קאָלאָניזאַציע, לאָזען זיך ניט גענוי אויסרעכענען. ווייל דער באַראָן, ווי אַ פּריוואַטע פּערזאָן, איז קיינמאָל ניט מחויב געווען אָבצוגעבען וועמען עס איז אַ רעכענונג, און די יק"א האַלט אויך ניט פון גענויע עפענטליכע חשבונות, ביים אויסרעכענען דעם סכום, וואָס די יודישע קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע האָט אָבגעקאָסט, קומט דערפאַר אויס צו בענוגענען זיך מיט די חשבונות, וואָס געניטע מענשען אין פּאַלעסטינע מאַכען. אחד העם האָט אין יאָהר תר"ם געבראַכט די ציפער 40 מיליאָן פראַנק, וואָס דער באַראָן אַליין האָט אַריינגעלעגט אין דער קאָלאָניזאַציע. די דאָזיגע ציפער איז — ווי מען מאַכט דעם רעכענונג אין פּאַלעסטינע — ניט געווען אַ גוזמא. פון דאַן אַן האָט מען נאָך אויפ'ן באַראָנס חשבון ערשטענס איינגעאָרדענט—אָפּט פון דאָסניי— די קאָלאָניסטען פון די אַלע פריהערדיגע קאָלאָניעס: זכרון, ראשון, עקרון, פּתח־תקוה, ראש־פּנה, יסוד, מעטולע — און געגרינדעט זעקס נייע קאָלאָניעס אינ'ם אונטערשטען גליל: מלחמיה, מעסחא, ימה, בית־גן, כנרת, מצפּה און אטליט ביי חיפו. די יק„א האָט אויפ'ן איינענעם חשבון געגרינדעט די קאָלאָניעס משמר און סעדזשערע. די חובבי־ציון פון פערשיעדענע לענדער און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָבען געגרינדעט אָדער געשטיצט : גדרה, קאַסטינע, עין־גנים, באר־יעקב, חדרה, וואַדי־חנין, ארטוף, לוד, חולדה, כנרת דגניה, מרחביה. פּריוואַטע געלדער זענען אַריינגעלעגט געוואָרען דערהויפּט אין רחובות, און אויך אין פּתח־תקוה, אין חדרה, אין עין זיתים, אַ ביסעל אויך אין ראשון און גדרה און די לעצטע צייט אין די פערמעס מגדל און פּוריה.

יעדער קאלאניסטישער פאמיליע ביז 85 טויזענד פראנק, א סומע, וואס מען וואלט געקאנט, רענטירענדיג זי נאר צו 4 פראצענט, אויסהאלטען אויף איהר אין פאלעסטינע ניט אין אן ערך בעסער, איידער איצט, גאנצע דריי פאמיליעס, וועלכע וואלטען אהן יעדער ארבייט רוהיג גענאסען פון דער רענטע. און ווען מיר וועלען די גאנצע סומע צוטיילען ניט אויף דער צאהל קאלאניסטען, נאר אויף די גאנצע 7500 נפשות, וואס זענען פארהאן אין די יודישע קאלאניעס און פערמעס (צוזאמען מיט די בעלי־מלאכות, קרעמער, לעהרער, ארבייטער א. אז. וו.) וועט אויך אויסמאכען אויף יעדען נפש העכער 11 טויזענד און אויף יעדער פאמיליע — 5 נפשות — העכער 55 טויזענד פראנק, וואס דערפאר וואלט מען אויך געקאנט פערזיכערן דורך רענטע גאנצע צוויי פאמיליעס*).

נאך דייטליכער בעווייזט, אז די אויסוויינגסטע סיבות אליין זענען ניט גענוג געווען צו ברענגען דעם ישוב צו זיין איצטיגען מצב, דער פערגלייך פון דער פערטונענער סומע מיט דעם גאנצען א י צ ט י ג ע ן ווערט פון דעם יודישען קאלאניזאציאנס־אייגענטום אין פאלעסטינע, אויף וויפיעל דער לעצטער לאזט זיך אויסרעכענען. מיר בעקומען דאן פאלגענדע ציפער:

1) באיארעס א 7.230** דונאם צו 1000 פר. א דונאם—7.230.000 פר.
2) מאנדלען א 16.140 דונאם צו 175 פר. א דונאם—2.824.500 פר.
3) אליוון א 649,0 דונאם צו 175 פר. א דונאם—1.135.750 פר.
4) וויינגערטנער א 14.370 דונאם צו 175 פר. א דונאם—2.514.750 פר.
5) אנד. פרוכט־בוימער א 2.920 דונאם צו 200 פר. א דונאם—584.000 פר.
6) עווקאליפטוס א 3.600 דונאם צו 150 פר. א דונאם—540.000 פר.
7) בוי פלעצער א 17.000 דונאם צו 120 פר. א דונאם—2.040.000 פר.
8) זריעה באדען א 157.300 דונאם צו 50 פר. א דונאם—7865.000 פר.

---

*) ווען מען דערמאנט זיך, אז דער ישוב אין פאלעסטינע האט ניט קיין כח אליין צו ענטוויקלען זיך, און יעדע קאלאניסטישע פאמיליע האט ניט קיין גרעסערע בעדייטונג, ווי פשוט פון נאך א פאמיליע אין פאלעסטינע, און אז ארום פאמיליעס, וואס לעבען פון רענטע, קאנען אויך ציהען חיונה נאך בעלי־מלאכות, קרעמערס, לעהרערס א. אז. וו., בעקומט אפטמאל אזא רענטע־חשבון א בעדייטונג ניט נאר ווי א פערגלייך, און עס ענטשטעהט א פראגע, צי עס לוינט טאקע פאר די, וואס ווילען נור בעזעצען פאלעסטינע מיט יודען, איין קאלאניסט בעסער איידער דריי רענטיע? בפרט נאך, אז די פאלעסטינישע קאלאניסטען קענען ניט דיענען פאר א גענויען בעוייז, אז עס איז מעגליך א נאטירליכע (אהן צדקה) יודישע קאלאניזאציע, ווייל כמעט אלץ, וואס עס איז געשאפען געווארען אין פאלעסטינע, איז געשאפען געווארען דורך צדקה..

**) די צאהל דונאמען פון די פונקטען 1־8 זענען כמעט פינקטליכע, אויסגערעכענט לויט די צאהלען, וואס איך האב בעקומען אין יעדער קאלאניע בעזונדער. וואו די צאהל איז געווען ניט קיין קיילעכדיגע, האב איך זי פערגרעסערט.

9 בור, שטיינער, א. ד. ג. א 165.000 דונאם צו 30 פר. דונאם— 7.865.000 פר

310) הויפען הייזער א 1,500 דונאם צו 6000 פר. א דונאם— 9.000.000 פר.

11) ברונימער, וואסערלייטונגגען, בורות אין די קאלאניעס — 1.000.000 פר.

12) אינוועטאר א 1.000 ווירטשאפטען צו 6.000 פר. — 6.000.000 פר.

13) וויינקעלערס — — — — — — — — — — — — — 3.500.000 פר.

14) וועגען א. ד. ג. — — — — — — — — — — — — 1.000.000 פר.

ס"ה 50.184.000 פר.

די דאזיגע ציפער איז די מאקסימאלע, ווייל 1) איז דער אנגעגעבענער פרייז פער דונאם פון די קאטעגאריעס 1—6 כמעט דער מאקסימאלער און פאר שוין גרייטע, ד. ה. וואס גיבען שוין איינטראג, און אין די אנגעגעבענע צאהלען דונאמען געהען אויך אריין די באיארעס, מאנדלען א. ד. ג., וועלכע מען האט ערשט פערפלאנצט (ביז תרע"ב) און וואס טראגען נאך גארנישט, און 2) איז דער ווערט פון א קאלאניסטישער הויז מיט שטאלען, גע־וועהנליך, נאר 4—5 טויזענד פראנק און דער אינוועטאר אויך נאר 4500—5000 פראנק. די מיטעלע, מעהר קרוב לאמת'דיגע סומע וועט זיך דערפאר בעקומען, ווען מיר וועלען די 50 מיליאן פערקלענערען וועניגסטענס אויף איין זעקסטעל, אלזא א 42 מיליאן פראנק, ד. ה. אן ערך א העלפט פון דעם, וואס דער ישוב האט אב־געקאסט. און די דאזיגע סומע בעקומט זיך 1) נאך א דרייסיג־יעהריגער ארבייט און 2) בעת דער ווערט פון'ם באדען אליין איז אויסגעוואקסען פאר דער צייט 4 מאל אזויפיעל, ווי פריהער, און העכער.

די דאזיגע ציפער בעווייזען, אז ניט נאר די אויסוויינינגסטע בעדינגונגען זענען שולדיג דערין, וואס די פאלעסטינער יודישע קאלאניזאציע איז אזוי ארים. עס זענען דערין געוויס שולדיג אויך פיעל אינעווייניגסטע סיבות, וואס האבען ניט גע־לאזט די אריינגעלעגטע געלדער צו דערגרייכען אפילו דעם מינימום פון ערפאלג, וואס מען האט געקאנט ערווארטען אפילו ביי די שווע־רע אויסענווייניגסטע בעדינגונגען. צו די דאזיגע אינעווייניגסטע סיבות געהען מיר איצט איבער.

א. דער קאלאניזאציאנס־עלעמענט

דער ערפאלג פון יעדער קאלאניזאציע העגנט זעהר פיעל אב פון דעם קאלאניזאציאנס־עלעמענט; בעזונדערס אבער איז פון איהם אבהענגיג דער ערפאלג, ווען אויף איהם פאלט דער גורל צו זיין א פיאנער, ווען איהם קומט אויס צו געהן אין נאך וויסטע און ווילדע ערטער, כדי זיי מיט זיין ארבייט אויפצובויען און ענטוויקלען. צי זענען די פיאנערען פון דער פאלעסטינישער קאלאניזאציע געווען דער פאסיגער עלעמענט? אז מען בעקאנט

זיך מיט איהם נעהענטער, ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז ניט געווען דער פּאַסיגסטער.

1) צווישען די קאָלאָניסטען, וואָס זענען אין אָנהויב פון די 80־ער יאָהרען געקומען קיין פּאַלעסטינע, זענען נאָר די עקרונ׳ער — פריהערדיגע קאָלאָניסטען אין רוסלאַנד — געווען בעקאַנט מיט דער ערד־אַרבייט. אַלע איבעריגע האָבען וועגען איהר אַפילו קיין שום השגה ניט געהאַט. זיי האָבען ניט געוואוסט, וואו, וואָס און ווי צו זייהען, זיי האָבען קיין בעגריף ניט געהאַט, ווי צו נעמען זיך פאַר דער אַרבייט, ווי אַרומצוגעהן אַרום בהמות וכדומה. אין די קאָלאָניסטישע גרופּעס, וואָס זענען געקומען קיין פּתח־תקוה, ראשון, ראש־פּנה און זכרון, איז ניט געווען אַפילו קיין איינער, וואָס זאָל קאָנען לערנען די איבעריגע אַרבייטען. זייערע לעהרער האָבען דערפאַר געמוזט ווערען די אַראַבער. און די קאָלאָניסטען האָבען ווי געטרייע תלמידים נאָכגעטאָן זייערע לעהרער. (אין הלכות פלאַנצונגען האָבען די קאָלאָניסטען שפּעטער געהאַט אַנדערע לעהרער, על פּי רוב אַגראָנאָמען פון פראַנקרייך. די דאָזיגע לעהרער זענען אַפילו געווען שלעכטע פּעדאַגאָגען און אַפּטמאָל אויך שלעכטע אַגראָנאָמען: אָנשטאָט צו ענטוויקלען די אַרבייטס־פעהיגקייט און די זעלבסטשטענדיגקייט פונ׳ם תלמיד, האָבען זיי אויף איהם געקוקט, ווי אויף אַ שנאָרער און געטויט אין איהם יעדע איניציאַטיוו; און אָנשטאָט אויסצושטודירען די אָרטיגע בעדינגונגען דורך קליינע, אָבער זיכערע פּרובען, און דערנאָך ערשט אַרבייטען אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב, האָבען זיי גלייך איבערגעטראָגען אין פּאַלעסטינע די פראַנצויזישע אַרבייטס־פאָרמען, ניט רעכענענדיג זיך מיט דעם, צי זיי פּאַסען אַהער צי ניט. דאָך זענען די קאָלאָניסטען אין הלכות פלאַנצונגען דערגאַנגען צו אַ גאַנץ הויכער מדרגה. אין דער פעלדווירטשאַפט אָבער זענען זיי נאָך עד־היום געבליבען ביי דער פּרימיטיווער אַראַבישער אַרבייטס־סיסטעם). אין העכער 60 פּראָצ. פון אַלע קאָלאָניסטישע פעלד־ווירטשאַפטען אַקערט מען נאָך איצט נור מיט׳ן אַראַבישען אַקער־אייזען און מען דרעשט מיט דער אַראַבישער ברעט און אין גאַנץ פּאַלעסטינע האַלט מען זיך נאָך ביי דער אַראַבישער פעלדטיילונג. די פּרימיטיווע אַרבייטס־פאָרמען ביי וועלכע זיי האַלטען זיך נאָך איצט, האָט געווים אַ גרויסען חלק אין זייער אָרימקייט.

2) די קאָלאָניסטען פון די 80ער יאָהרען זענען בעשטאַנען פון קרעמער, הענדלער, טיילווייז אויך פון „אינטעליגענטען“, — אַלץ מענשען, וואָס זענען ניט געוועהנט געווען צו פיזישער אַרבייט. די ערדאַרבייט איז פאַר זיי שוין פון אָנהויב אָן געווען זעהר שווער. און די אַראַבער, וועלכע די קאָלאָניסטען האָבען זיך פריהער גענומען פאַר לעהרער, זענען דערפאַר באַלד געוואָרען ביי זיי שטענדיגע אַרבייטער. און די קאָלאָניסטען אַליין זענען באַלד פון ערדאַרבייטער געוואָרען גאָר ערדבעזיצער. שפּעטער

האָט די אַדמיניסטראַציע נאָך מעהר אויסגעלערנט די קאָלאָניסטען ארויפצו־וואַרפען די גאַנצע ארבייט אויף די אראַבער. פון צייט צו צייט פּלעגט זי אַפילו אָנהויבען צו פאָדערן, אַז די קאָלאָניסטען זאָלען אליין אויך ארבייטען; באַלד אָבער פּלעגט זי מבטל מאַכען איהר „גזרה" און מאַכען די קאָלאָניסטען נור פאַר אויפפּאַסער איבער די אַראַבישע ארבייטער. דער סוף איז, אַז פון די אַמאָליגע קאָלאָניסטען זענען נאָר געבליבען יחידי סגולה, וועלכע אַרבייטען אַמאָל אליין אויך. דער גרעסטער טייל פון זיי געהט נאָר נאָך די געדונגענע אראַבער און טרייבט זיי אונטער. אין ראש־פּנה קאָנט איהר צו יעדער צייט טרעפען גרופּעס קאָלאָניסטען זיצען ערגיץ אויף אַ גאַניק און פיהרען אַ שמועס צווישען זיך. אין ראשון וויצעלט מען זיך אויף די דאָרטיגע קאָלאָניסטען, אַז פיעל פון זיי ווייסען ניט דעם וועג צו זייערע וויינגערטנער. און אַפילו אין גדרה, אין דער קאָלאָניע פון די בילוי'צעס, ווען איהר געהט אַהין אריין נאָכמיטאָג־צייט ווינטער, ווען די ארבייט ברענט, בעגעגענט איהר ניט אין משך פון אַ פּאָר שעה קיין איין קאָלאָניסט אויפ'ן גאַס: דאָס רוהען זיי זיך אָב נאָך מיטאָג. און שפּעטער וועלען זיי אַרויס אויפ'ן פעלד און קוקען, ווי זייערע אַראַבער אַרבייטען, און אונטערטרייבען זיי. כמעט אין דעם גאַנצען אויבערשטען גליל און טיילווייז אויך אין מעסחע און אין זכרון בעאַרבייטען די קאָלאָניסטען איצט גאָר אליין ניט זייער באָדען, נאָר זיי גיבען איהם אָב איינגאַנצען צו בעאַרבייטען אראַבער פאַר אַ פינפט־חלק פון דעם איינטראָג. „פוילענצער" — דאָס איז אין פּאַלעסטינע געוואָרען אַ שם־דבר פאַר די קאָלאָניסטען. נאָר אויב צו געבען דאָס דאָזיגע צונעמעניש אַלע קאָלאָניסטען וואָלט געווען די גרעסטע עבירה, ווייל פון די נייע קאָלאָניסטען אינ'ם אונטערשטען גליל און אויך פון קאַסטינע זענען פאַראַן פיעל פלייסיגע מענשען, וועלכע אַרבייטען אליין, — איז בנוגע צום רוב קאָלאָניסטען דער עפּיטעט אַ ריכטיגער. עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס פ ו י ל ע ן ז י ך האָט אַלע מאָל געווירקט און ווירקט אויך איצט זעהר שלעכט אויפ'ן מאַטעריעלען צושטאַנד פון די קאָלאָניסטען.

שלעכט רופט זיך אָב אויף דער ווירטשאַפט אויך דאָס, וואָס די איבעריגע מיטגלידער פון דער פאַמיליע, אויסער דעם קאָלאָניסט אליין, אַרבייטען אויך זעהר וועניג אָדער גאָרניט. די קינדער לערנען אין שולע ביז 14 יאָהר און זענען פערנומען טעגליך פון 8 אין דער פריה ביז 4 פאַרנאַכט. פריי פון די לימודים זענען זיי נאָר די לעצטע פּאָר זומער־חדשים, ווען קיין ארבייט אויפ'ן פעלד איז כמעט ווי ניטאָ. אַ גאַנץ יאָהר העלפען זיי די עלטערן מיט גאָרנישט, אויסער וואָס אין אייניגע קאָלאָניעס טרייבען זיי אין דער פריה אַרויס די בהמות אין פעלד און אָוונד־צייט, ווען די טשערעדע קעהרט זיך צוריק, פערטרייבען זיי זיי צוריק אויפ'ן הויף. די קינדער לערנען זיך דערפאַר ניט אויס די אַרבייט און — וואָס

עס איז פיעל וויכטיגער — זיי געוועהנען זיך ניט פון קינדווייז אויף צו פיזישער אַרבייט. און אז זיי ענדיגען די שולע, פאָהרען די בחורים על פּי רוב באַלד אוועק. קאָלאָניסטישע בחורים, וואָס אַרבייטען, זענען פאַרהאַן נאָר אין זכרון און טיילווייז אין פּתח־תקוה. די פרויען פערנעהמען זיך נאָר מיט הויז־ווירטשאַפט, ווייל די הויף־ווירטשאַפט איז געוועהנליך זעהר אַ קליינע: קיין גרינס, קיין מילכיגס, קיין עופות איז כמעט ווי ניטאָ. די טעכטער העלפען דער מוטער אַביסעל אין דער שטוב־אַרבייט, געהען ווען עס איז העלפען רייסען דורע אין שמשום און נייהען אויף דער פאַמיליע. צום מיינסט אַבער — ווייל עס איז ניטאָ וואָס צו טון — נייהען זיי אויס, לייענען ראָמאַנען, נודיען זיך און וואַרטען אויף חתנים. קאָלאָניסטישע טעכטער, וואָס אַרבייטען אין פעלד, און אין גאַנץ פּאַלעסטינע פאַרהאַן — דריי! די מיידלעך פערענטפערן זיך דערמיט, וואָס עס איז פאַר זיי געפעהרליך צו פאָהרען אַרבייטען אין פעלד מיט די אַראַבער צוזאַמען. עס קאָן זיין, אַז דער תירוץ איז ניט קיין פאַלשער. נאָר נאָך ריכטיגער איז, אַז די גאַנצע סביבה, וואו די גרויסע אַרבייטען ניט, איז ניט מסוגל צוצוגעוועהנען די יונגערע צו דער אַרבייט. און די קאָלאָניסטישע ווירטשאַפט, וועלכע נויטיגט זיך אין אַזוי פיעל אַרבייט אין פיעל צווייגען — אין פעלד, אין הויף, אין הויז — בלייבט נור ביים „אויפפּאַסען“ פון דעם קאָלאָניסט אליין און ביי דער קליינליכער הילפס־אַרבייט פון דער פרוי און קינדער. אַזאַ ווירטשאַפט קאָן ניט דערנעהרען איהר בעל הבית, און דער קאָלאָניסט מוז זיין אָרים.

עס איז אינטערעסאַנט צו בעמערקען, אַז דאָרט, וואו די קאָלאָניסטען זענען געווען מעהר אידעאַליסטיש געשטימט, צ. ב. אין גדרה, האָבען זיי אויך לענגער, איידער אַנדערע, געאַרבייט אליין: דער אידעאַליזם, ווייזט זיך אַרויס, שטעהט אָפט ביי דאָרט, וואו עס פעהלען אַנדערע גינציגע בעדינגונגען. ביי די קאָלאָניסטען פון ראש־פּנה, זכרון און אַנדערע איז דער אידעאַליזם געווען פיעל שוואַכער. צווישען זיי זענען אויך געווען פיעל, וואָס זענען געקומען קיין פּאַלעסטינע גאָר ניט צוליעב אַן אידעאַל, נאָר ווייל זיי האָבען געמוזט אנטלויפען פון דער אַלטער היים: באַנקראָטירטע סוחרים, אנטלאָפענע סאָלדאַטען. דאָרטען האָט די אַראַבישע אַרבייט פריהער פערביטען איינגאַנצען די יודישע. שפּעטער, אַז דער באַראָן האָט גענומען די קאָלאָניעס אונטער זיין שוץ, האָבען זיך פיעל אוועקגעלאָזען קיין פּאַלעסטינע, ווייל זיי האָבען געהערט, אַז דער באַראָן קאָלאָניזירט אויף זיין רעכענונג און גיט אַלץ גרייט. דער דאָזיגער עלעמענט איז שוין גאָר ווייט געווען פון אידעאַליזם, און ביי איהם האָט זיך שוין גאָרניט געשטעלט אפילו די פראַגע וועגען אַרבייטען דוקא אליין. נאָר מיט דער צייט האָט די סביבה געווירקט אויך אויף די אידעאַליסטען. און די בילויצעס פוילען זיך איצט ניט וועניגער, איידער אַנדערע קאָלאָניסטען.

3) די קאָלאָניסטען, וואָס זענען געקומען אין די 80־ער יאָהרען, האָבען ניט געהאַט גענוג מיטלען אויף איינצואָרדענען זיך זעלבשטענדיג. אין איינינע מאָנאַטען ארום, נאָכדעם ווי די קאָלאָניסטען פון ראש־פּנה און זכרון זענען געקומען אין לאנד, האָבען זיי שוין ניט געהאַט צום לעבען. זיי זענען, אלזאָ, לכתחילה געפאָהרען נאָר מיט דער האָפענונג, אז דער „קאָמיטעט“ אָדער כלל־ישראל וועט זיי קומען צו הילף. זיי האָבען זיך לכתחילה צוגעוועהנט צום געדאנק פון בעקומען תמיכה — אויב ניט פון פּריוואַטע לייט, איז פון פאָלק, — און דערפאר האָבען זיי באלד, ווי זיי זענען געקומען אין פּאַלעסטינע, אָנגעהויבען צו שרייען אויף גאָר דער יודישער וועלט, מאָהנענדיג הילף. דאָס האָט געבראַכט צו דער סיסטעם פון אפּוטרופּסות און תמיכה, וועלכע האָט מיט דער צייט געמאַכט דעם קאָלאָניסט פאר אַ שנאָרער און האָט אפשר מעהר, ווי פיעל אנדערע סיבות, געשטערט דער בעפעסטיגונג פון דעם ישוב.

די קאָלאָניסטען פון דעם אונטערשטען גליל און מעטולע בעשטעהען על פּי רוב פון זיהן פון די אלטע קאָלאָניסטען און פון ארבייטער פון דעם באַראָנס צייטען. דער דאָזיגער עלעמענט, וועלכער האָט זיך אויך אויפגעצויגען אין דער לופט פון אפּיטרופּסות און תמיכה און האָט נאָך דערצו ניט געהאט דעם אידעאַליזם פון זיינע עלטערן, שיידט זיך וועניג אונטער פון די קאָלאָניסטען פון די ערשטע קאָלאָניעס. נאָר די לעצטע יאָהרען האָט אָנגעהויבען צו קומען קיין פּאַלעסטינע אַן אַנדער עלעמענט. פון איין זייט מענשען רייכע, וועלכע קאָנען זיך איינאָרדנען אָהן פרעמדער הילף; זיי בעזעצען זיך על פּי רוב אין פּתח־תקוה, טיילוויין אין רחובות און פערנעהמען זיך מיט פלאנצונגען (אַזוינע, וואָס זאָלען זיך האָבען בעזעצט מיט אייגענע מיטלען ביי פעלדווירטשאַפט, זענען אין גאַנץ פּאַלעסטינע פאַרהאַן נור דריי: ה. נ—ם—ימה; ד"ר ל—ע — אם־אל־גמל און דער גר ד—ן אין יסוד). די דאָזיגע קאָלאָניסטען אַרבייטען אפילו מיט די אייגענע הענד געוועהנליך ניט — אויסער דעם גר ד—ן—נאָר זיי אינטערעסירען זיך מיט זייער ווירטשאַפט; זיי לעזען וועגען ערד־ארבייט, פיהרען איין איינינע נייסען און אויסבעסערונגען אין דער ארבייט און טראָגען אויף אַזאַ אופן אריין אַ געוויסען לעבען און בעוועגונג אין די קאָלאָניעס*). און פון דער

*) דער גרעסטער טייל פון אזוינע קאָלאָניסטען איז ביז יעצט געקומען אין פּאַלעסטינע ניט לשם פּרנסה, נאָר מיט אידעאַליסטישע כונות. זיי לעגען דערפאר אריין פיעל געלד, ניט פרעגענדיג, צי וועט די ווירטשאַפט דערנאָך אומקעהרען א גענוגען פּראָצענט. די אויבענאויפיגע בעקאַנטשאַפט מיט אזוינע ווירטשאַפטען קאַן דערפאר זעהר לייכט אריינברענגען אין א טעות. ביי א גענויעם חשבון ווייזט זיך ארויס, אז דער קאַפּיטאַל, וואָס זיי האָבען אריינגעלעגט אין זייערע ווירטשאַפטען, טראָגט זעהר וועניג. איך וועל דאָ ברענגען פערקירצט

אַנדער זייט זענען געקומען יונגע לייט אידעאַליסטען מיט אַ גרויסען חשק צו אַרבייט. דער דאָזיגער עלעמענט וואָלט אפשר מעהר ווי אַנדערע געפּאַסט צו קאָלאָניזירען; נאָר געבליבען אין לאַנד איז פון איהם נאָר זעהר אַ קליינער טייל. ווייל קיין אייגענע מיטלען אויף איינאָרדענען זיך האָבען אַזוינע יונגע לייט ניט געהאַט, און די יק"א אָרדענט איין די לעצטע צייט זעהר ווייניג נייע קאָלאָניסטען.

ב. די קאָלאָניזאַציאָנס־חברות.

ביים בעזעצען אַ ניי לאַנד זענען פאַרהאַן אַרבייטען, וואָס איינצעלנע פּערזאָנען־קאָלאָניסטען אָדער אפילו גאַנצע גרופּעס זייערע קאָנען מיט די אייגענע כוחות און מיטלען ניט אויספיהרען, צ. ב. דורכפיהרען וועגען. אַזוינע אַרבייטען נעהמען אויף זיך געוועהנליך די מלוכה אָדער קאָלאָניזאַציאָנס־געזעלשאַפטען. די לעצטע קומען נאָך אָפט צו הילף די קאָלאָניסטען, געבענדיג זיי אַ מעגליכקייט ביליגער איינצוקויפען מאשינעס, אויף בעסערע בעדינגונגען אָבצוזעצען זייערע פּראָדוקטען, אָדער קרעדיטירענדיג די קאָלאָניסטען אויף צוגענגליכע בעדינגונגען. אין פּאַלעסטינע, וואו די נאַטירליכע בעדינגונגען פאַר קאָלאָניזאַציע זענען שווערע, איז נאָך נוייטיגער, ווי אַנדערשוואו, געווען, אַז אַ קאָלאָניזאַציאָנס־געזעלשאַפט זאָל קומען צו הילף די קאָלאָניסטען, בפרט נאָך אַז די יודישע קאָלאָניסטען זענען אַן ערגערער קאָלאָניזאַציאָנס־עלעמענט, איידער קאָלאָניסטען פון אַנדערע פעלקער. נאָר אָנשטאָט צו העלפען די קאָלאָניסטען זעלבשטענדיג צו אַרבייטען און צו בעפעסטיגען זיך אין לאַנד, האָבען די קאָלאָניזאַציאָנס־געזעלשאַפטען, וואָס האָבען זיך פערנומען מיט קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע, איינגעפיהרט די סיסטעם פון אַפּיטראָפּסות און תמיכה, וועלכע האָט אַרויפגעלעגט אַ בעזונדער צדקה־ און קנעכטשאַפטס־שטעמפּעל אויף דער גאַנצער קאָלאָניזאַציע, אָבגענומען ביי איהר יעדע נאַטירליכקייט, אַזוי אַז לויט דער פּאַלעסטינישער קאָלאָניזאַציע איז אָפטמאָל שווער צו אורטיילען אפילו, ווי מיר האָבען שוין בעמערקט, וועגען דער מעגליכקייט בכלל פון אַ נאַטירליכער יודישער קאָלאָניזאַציע. די ווירקוני פון דער אַפּיטראָפּסות־ און תמיכה־סיסטעם איז געווען אַזוי גרויס און קענטיג, אַז איבער איהר האָבען איינינע אפילו ניט בע־

דעם באַלאַנס פון דעם ה. נ—א'ס ווירטשאַפט אין ימה: די ווירטשאַפט — ערד, בנינים, אינוועטאַר, דאַס לעבען דאַס ערשטע יאָהר א. א. וו. — האָט איהם אָבגעקאָסט ביז 35 טויזענד פראַנק. אין תרע"א האָט זיין באַיאָדער אַנגעטראָפען 3990 פר. איז געבליבען 1441 פר. אָדער 4,1 פּראָצ. פון דעם אַריינגעלעגטן קאַפּיטאַל. דער באַלאַנס פון דעם ה. ל־ע'ס ווירטשאַפט אין אם־אל־גמול ווייזט נאָך אַ קלענערען פּראָצענט.

מערקט די שטענדיגע אויסוויינינגסטע שטערונגען, וועלכע בלייבען ביי יעדער קאָלאָניזאַציאָנס־סיסטעם.

די ערשטע, וועלכע האָבען געשיקט קאָלאָניסטען אין פּאַלעסטינע אָדער צוגערעדט זיי אהין צו פֿאָהרען, זענען געוועזן די חובבי־ציון פון רומעניען און רוסלאַנד. נאָר באַלד נאָכ'ן אָבשיקען די קאָלאָניסטען (אין ראש־פּנה, זכרון, ראשון), האָבען די חובבי־ציון זיי אויפגעהערט צו שטיצען, ווי זיי האָבען זיי געהאַט צוגעזאָגט. און די קאָלאָניסטען האָבען זיך דאַן אָנגעהויבען צו ווענדען נאָך הילף צו כל תפוצות־ישראל. ווי אַן ענטפער אויף זייער ווענדונג, איז געקומען אין פּאַלעסטינע דעם באַראָנס אַדמיניסטראַציע.

די ווירקונג פון דעם באַראָנס אַדמיניסטראַציע אויף דעם באַלאַנס פונ'ם ישוב איז געווען א צווייענדיגע: אַן אומדירעקטע — אויף די קאָלאָניסטען, און אַ דירעקטע אויף די קאָלאָניעס גופא.

דער באַראָן האָט געקוקט אויף די פּאַלעסטינישע קאָלאָניעס — זי אויף זיינער א קליינער מלוכה'לע און אויף די קאָלאָניסטען — זי אויף זיינע אונטערטאַנען*). ער איז געווען אַן אליינהערשער, נאָר ער האָט געוואָלט זיין אַ מלך של חסד, אַ פֿאָטער פאר זיינע קאָלאָניסטען. ניט העלפען זיי אַליין איינאָרדנען זיך, נאָר גוטס טון זיי, מאַכען זיי גליקליך האָט ער געוואָלט. די ערשטע בעדינגונג, וואָס ער האָט דערפאַר געשטעלט די קאָלאָניסטען, איז געווען — זיי זאָלען זיך אָבזאָגען פון זייער זעלבשטענדיגקייט און איבערשרייבען אויף זיין נאָמען אלע אומבעוועגליכע גיטער, וואָס זיי האָבען געהאט: זיי, די קינדער־קאָלאָניסטען, פערשטעהען דאָך ניט, ווי און וואָס צו אַרבייטען, און וואָלטען נאָך געקאָנט שטערען דער ארבייט, וועלכע זיין אדמיניסטראציע רעכענט צו אונטערנעהמען צו־ליעב זייער גליק. מען האָט ביי זיי געדאַרפט אָבנעמען די פריי־הייט, כדי וואָס גיכער צו קאָנען זיי גליקליך מאכען. די קאָלאָניס־טען האָבען אויף אַזא אופן אָנגעוואָרען זייער זעלבשטענדיגקייט. אויף דעם באָדען, וואָס זיי האָבען געקויפט, אויף דעם הויף, וואו זיי האָבען געוואוינט, האָבען זיי אָהן דער ערלויבניש פון דער אדמי־ניסטראציע ניט געטאָרט אריינשלאָגען א פלעקעל: פאר זיי האָבען געטון און געקלערט אנדערע. האָט ווער פון די קאָלאָניסטען גע־פֿאָדערט, מען זאָל איהם בעסער לאָזען זעלבשטענדיג איינאָרדנען זיך (אַזוינע פאלען זענען געווען אין ראש־פּנה), האָט מען איהם דערין אָבגעזאָגט און געסטראשעט משלח צו זיין, אויב ער וועט ניט

*) די קאָלאָניסטען האָבען דעם באַראָן געמאַכט „הנותן תשועה" גלייך מיט'ן סולטאַן. אין פּתח־תקוה'ר שול הענגט נאָך איצט אזא „הנותן תשועה" אויף דער וואַנט.

אָבזאָגען זיך פון זיין פאָדערונג; און ער האָט זיך געמוזט אונ־
טערגעבען. און אין משך פון יאָהרען האָבען זיך די קאָלאָניסטען
צוגעוועהנט צו אַזאַ פערזאָרגעריי מצד אנדערע, פערלאָרען יעדע
איניציאַטיווע און געבליבען עד היום מענשען אָהן אונטערנעמערישען
גייסט. וואָס מען האָט זיי געגעבען ביים לעצטען איינאָרדנען,
דאָס האָבען נאָך פיעל פון זיי, קיין נייעס האָבען זיי ניט איינגע־
פיהרט, קיין זאַך כמעט ניט געביטען.

און האָט מען אָבגענומען ביי די קאָלאָניסטען זייער זעלבסט־
שטענדיגקייט און גענומען אויף זיך צו זאָרגען וועגען זיי, האָט
מען זיי פריהער פאַר אַלץ געדאַרפט בעזאָרגען מיט מיטלען צום
לעבען. און עס איז בעשאַפען געוואָרען אַ נייער מין חלוקה. מען
האָט אָנגעהויבען צו געבען די קאָלאָניסטען מאָנאַטליכע: 10—15
פראַנק אויף אַ נפש. בעזונדער האָט מען געגעבען קליידער; אויף
ימים־טובים האָט מען געגעבען העכערע „שכירות". פון צייט צו
צייט פלעגט מען צושיקען פון פּאַריז „מתנות" פאַר די קאָלאָניס־
טען: וועש, קליידער פאַר די פרויען וכדומה. די קאָלאָניסטען האָ־
בען זיך ביסלעכווייז אויסגעלערנט אָנצונעמען די מתנות און זע־
נען מיט דער צייט געוואָרען אמת'ע מקבלים. און נאָך איצט, אַכט
יאָהר נאָכדעם, ווי די אָפיציעלע תמיכה האָט אויפגעהערט, לעבט
ביי פיעל פון די קאָלאָניסטען די איבערצייגונג, אַז אין פּאַלעסטי־
נע קאָן מען אָהן צדקה ניט אויסקומען, און איהר הערט זייערע
בסדר'דיגע טענות, אַז מען האָט קעגען זיי ניט יוצא געווען, און אַז
אַלע בעגעהען קעגען זיי עולות: די ציוניסטען — וואָס זיי שאַ־
פען ניט פאַר זיי קיין אָהנפּראָצענטיגע הלוואות; די יק"א —·וואָס
זי מאָנט ביי זיי — זיי זאָלען שליסען אַ קאָנטראַקט און אויסצאָה־
לען זייערע חובות; די גאַנצע יודישע וועלט, — וואָס זי שטיצט זיי
ניט. די קאָלאָניסטען האָבען זיך צוגעוועהנט צו קוקען אויף זיך, ווי
אויף קדושים, און רעכענען, אַז דאָס יודישע פאָלק דאַרף זיי דאַנקבאַר
זיין, וואָס זיי זענען קאָלאָניסטען אין פּאַלעסטינע, און זיי דער־
פאַר עהרליך בעצאָהלען.

אַזוי ווי דער באַראָן אַליין איז אין פּאַלעסטינע ניט געווען,
האָט דאָרטען געוועלטיגט זיין אַדמיניסטראַציע. אין איהר האַנד
איז געלעגען די גאַנצע מאַכט: אי די געזעצגעבערישע, אי די אויס־
פיהרענדיגע, אי די געריכטליכע. מיט דער מיינונג פון די קאָלאָניס־
טען האָט מען זיך ניט גערעכענט, קיינער האָט ביי זיי קיין דעה
ניט געפרעגט. כדי אונטערצוהאַלטען דעם פּרעסטיזש פון דער
מאַכט, פלעגט מען ביי יעדען סכסוך פון אַ קאָלאָניסט מיט דעם
קלענסטען פון די בעדיענטע פון דער אדמיניסטראַציע בעשטראָפען
דעם קאָלאָניסט, ווען ער איז אפילו דורכאויס גערעכט געווען. דאָס
וואָס אַ פּאָר ארבייטער האָבען אָנגעריהרט דעם כבוד פון דעם
גערטנער ביי די טאַבאַק־פּלאַנצונגען, איז געווען די ערשטע סיבה,
וואָס דער גאַנצער עסק פון טאַבאַק איז בטל געוואָרען. כדי לייכטער

צו הערשען איבער די קאָלאָניסטען, האָט די אַדמיניסטראַציע זיי צעטיילט אויף מקורבים און ניט־מקורבים, פֿאָלגער און ניט־פֿאָלגער; האָט געשטיצט די ערשטע און גע'רודפ'ט די צווייטע. זי האָט איינגעפֿיהרט אַ גאַנצע סיסטעם פֿון שפּיאָנעריי, וואָס האָט געפֿיהרט צו רכילות און מסירות. דאָס האָט צעשטערט די אחדות צווישען די קאָלאָניסטען און איינגעפֿלאַנצט אַ שנאה פֿון איין טייל קאָלאָניסטען צום אַנדערן. נאָך איצט הערשט אַזאַ שנאה אין פֿיעל קאָלאָניעס און שטערט זייער ענטוויקלונג. אין מסהא, למשל, האָבען אין תרע"א עטליכע קאָלאָניסטען ניט געהאַט קיין מיטלען צו נעמען זיך פֿאַר דער אַרבייט. די אַדמיניסטראַציע האָט זיי געוואָלט אויסלייהען בתנאי, דער ועד זאָל גאַראַנטירען. דער ועד האָט אָבער ניט געוואָלט — כאָטש ער איז געווען זיכער מיט'ן חוב — און די קאָלאָניסטען האָבען געמוזט אַוועקגעהן פֿון קאָלאָניע. זייער באָדען האָבען דערנאָך אָבגעדונגען... די ועד'ניקעס.

אַזוי האָט די אַדמיניסטראַציע דערנידעריגט די קאָלאָניסטען, אָבגערויבט ביי זיי די איניציאַטיוו, געמאַכט זיי פֿאַר פֿוילערס און שנאָרערס און דערמיט געווירקט אויך אויפ'ן שפּעטערדיגען גורל פֿון דער קאָלאָניסטישער ווירטשאַפֿט. נאָר חוץ דעם האָט זי געווירקט אויף דעם באַלאַנס פֿון'ם ישוב דירעקט. זי האָט זיך מעהר גערעכענט מיט די אייגענע קאַפּריזען, איידער מיט דעם אמת'ען נוצען פֿון דער אַרבייט. זי האָט צו נישט געמאַכט די פֿעלד־אַרבייט, ביי וועלכער די קאָלאָניסטען וואָלטען געקאָנט נאָך זיין מעהר אָדער ווענינער זעלבסטשטענדיג, און גענומען זיך צום פֿלאַנצען. נור זי האָט ניט געמאַכט פֿריהער קיין פּרובען, וועלכע זאָלען ווייזען, צי מען קאָן דערוואַרטען פֿון די פֿלאַנצונגען דעם געהעריגען איינטראַג. עס איז געקומען אַן אָגראָנאָם פֿון פּאַריז און געזאָגט, אַז מען קאָן פֿלאַנצען, האָט מען גלייך געפֿלאַנצט הונדערטער און טויזענדער דונאַמען. אַז מען מאַכט אַ פֿעהלער ביי פֿעלד־אַרבייט, איז דאָס אַ גרייז אויף אַ יאָהר. דעם אַנדער יאָהר קאָן מען איהם אויסבעסערען, און די פֿערלאָרענע הוצאות זענען ניט קיין גרויסע. ביי פֿלאַנצונגען איז אָבער יעדע אַרבייט — אַן אַרבייט אויף יאָהרען, און יעדער פֿעהלער — אַ פֿעהלער אויף יאָהרען, און די פֿערלאָרענגעגאַנגענע הוצאות זענען דערביי זעהר גרויסע. און די גאַנצע אַרבייט פֿון דער אַדמיניסטראַציע האָט זיך טאַקע צום סוף אַרויסגעוויזען זעהר ניט פּראָדוקטיוו. די כרמים אין ראש־פּנה און זכרון האָט אויפֿגעגעסען די פֿילאָקסעראַ. די אַמעריקאַנער שטעקער, וועלכע מען האָט שפּעטער געפֿלאַנצט, און וועלכע האָבען אָבגעקאָסט זעהר פֿיעל, האָבען געטראָגען זעהר ווענינ און געגעבען גאַנץ געוועהנליכען וויין. פֿון דער באַיאַרע אין עקרון איז קיין זכר ניט געבליבען, און אין יסוד שטעהען נור איינזאַמע טרוקענע מאַראַנצען־ביימער — אַ זכר לחורבן. די שולע פֿון אָליווען אין ראש־פּנה איז חרוב געוואָרען; די מאַנדלען אין זכרון זענען חרוב גע־

ווארען: די אבריקאסען האט דארטען אראבגעשווענקט דער רעגען: די מאנדלען אין עקרון טראגען כמעט גארנישט. די באיארע אין נעזלי — די גרעסטע באיארע אין פאלעסטינע — טראגט קוים אריין, וואס איהר ארבייט קאסט.

און ווי מיט די פלאנצונגען, אזוי איז אויך געוועזן מיט די איבעריגע אונטערנעהמונגען פון דער אדמיניסטראציע. פריהער האט מען גיט אויסגערעכענט, שפעטער האט מען דאס געשעפט שלעכט געפיהרט און גע׳גנב׳עט, וויפיעל ווער עס האט געקאנט, און דער סוף איז — אלץ איז חרוב געווארען. אין ראש־פנה און מעטולע האט מען געפלאנצט טאבאק. האט די אדמיניסטראציע ניט געוואלט אבגעבען דעם טאבאק א לאנדאנער סוחר, וועלכער האט איהם געוואלט נעהמען אויף גוטע בעדינגונגען, נור זי האט געפיהרט דעם טאבאק קיין מצרים. אויפ׳ן וועג אהין איז אבער א גרויסער טייל פון׳ם טאבאק „פערנעצט" געווארען... און די ארבייטער האבען גארנישט בעקומען. אז די ארבייטער האבען פראטעסטירט, איז מען פון זיי גיך פטור געווארען: דעם געגעבען דאמיניטע, יענעם ארויסגעטריבען, און דאס טאבאק־פלאנצען איז בטל געווארען. אין יסוד האט מען געפלאנצט בלומען און געבויט א פארפום־פאבריק; שטעהט איצט די פאבריק ווי א פוסטקע אהן טירען און פענסטער, וועלכע די קאלאניסטען האבען צענומען אויף הייצען. אין ראש־פנה האט מען געפלאנצט טוט־בוימער און געבויט א זיידענפאבריק. האט מען די טוט־בוימער שוין כמעט אויסגעהאקט; און וואס מען האט ניט בעוויזען אויסצוהאקען ביז איצט, האקט מען נאך איצט אויף האלץ, ווייל די טוט־בוימער שטערען צו אקערן. און די זייד־פאבריק שטעהט מיט פערשלאגענע טיר און פענסטער. אין טאנטורע האט דער בארָאן געבויט א הוטע, קאסט איצט יעדען יאהר עטליכע הונדערט פראנק שומרים צו היטען, די אראבער זאלען ניט צעשלעפען זי אויף שטיינער. דערזעלבער סוף איז אויך געוועזן מיט די ראש־פנה׳ר ראזינקעס און מיט אלע אנדערע אונטערנעהמונגען. וואס מען האט נור אנגעהויבען צו טון, האט זיך שפעטער ארויסגעוויזען, אז דאס ברענגט קיין נוצען ניט, און מען האט זיך דערפון אבגעזאגט. צי קאנען בכלל אזוינע אונטערנעמונגען זיך ניט איינגערען אין פאלעסטינע? ווער קאן וויסען? קיין אנדערע אונטערנעהמונגען פון דעמזעלבען מין, וועלכע מען זאל קאנען נעהמען פאר א בעוויז פאר אדער קעגען זייער מעגליכקייט, זענען דערווייל ניטא. און די אונטערנעמונגען פון דער אדמיניסטראציע קאנען אפילו פאר א בעוויז ניט דיענען. עס קאן זיין, אז ביי אנדערע — נ א ט י ר ל י כ ע ר ע בעדינגונגען זאל זיך די אדער יענע אונטערנעהמונג יא איינגעבען. עס איז איבעריג אנצו־ווייזען, אז אויף די אלע אונטערנעהמונגען זענען אוועקגעגאנגען ניט איין מיליאן.

יעדער אדמיניסטראטאר האט שטענדיג געשטרעבט ארויסצוּווייזען וואס מעהר טעטיגקייט, אזוי ווי ער וואלט געוואלט בערעכטיגען זיין עקסיסטענץ. דאס האט געבראכט דערצו, אז עס זאלען געבארען ווערען אלץ נייע פלענער און געשאפען ווערען אלץ נייע אונטערנעהמונגען. און אויב מען האט ניט געקאנט שאפען קיין נייעס, האט דער נייער אדמיניסטראטאר צעשטערט, וואס דער פריהערדיגער האט געבויט. אבער צעשטערט ממש. אויסגעריסען, וואס יענער האט געפלאנצט, צעווארפען, וואס יענער האט אויפגעבויט.

די אדמיניסטראציע האט אין יעדער קאלאניע געהאט איהר „הויף" מיט איהר שטאט, מיט א גאנצער מחנה משרתים, מיט פערד און רייטוועגען און האט זיך אויפגעפיהרט זעהר רייך. אויף אויסצוהאלטען דעם גאנצען הויף איז אוועק ניט א קליינער טייל פון'ם ביודזשעט. און אויב דער בעשטימטער טייל פון'ם ביודזשעט איז געווען ווייניג, האט מען פשוט גע'גנב'עט. דער אדמיניסטראטאר פלעגט, צ. ב. אבנעהמען ביי א קאלאניסט א פערד און געבען איהם אן אקס און דאס פערד אבגעבען א צווייטען קאלאניסט און פערשרייבען דערנאך א נייע הוצאה פון אן אקס און א פערד. די קלענערע משרתים, וואס פלעגען פערצייכענען די צאהל ארבייטער, פלעגען אנגעבען גרעסערע צאהלען און טיילען דעם „פערדיענסט" מיט די קאלאניסטען. די קאלאניסטען פלעגען אליין אויך גנב'ען: איינער פלעגט אוועקשטעלען ארבייטען, למשל, א צעהנדליג אראבער, און אז דער אדמיניסטראטאר פלעגט זיי פערצייכענען, פלעגט ער זיי אבשיקען מיט היינטער־וועגען צו אן אנדער קאלאניסט, און ביי יענעם פלעגט זיי דער אדמיניסטראטאר נאך אמאל פערצייכענען.

דעם באראנס קאלאניעס אין פאלעסטינע זענען אויף אזא אופן געווארען א לעבערדיגער זאק. מען האט געפיהרט אין די קאלאניעס גרויסע, פולע זעק מיט נאפאלעאנס (20־פראנקעדיגע גאלדענע מטבעות) און דארט פלעגט נאר א טייל פון זיי בלייבען אין די קאלאניעס גופא. דאס איבעריגע פלעגט זיך צעשווימען איבער די קעשענעס פון די אדמיניסטראטארס און זייערע משרתים, צו די אראבער און אין די מאגענס פון די קאלאניסטען. לסוף אבער האט זיך דער באראן אליין, מיט זיין ברייטער קעשענע, אויך איינגעמאטערט צו געבען און ער האט בעשטימט איבערצוגעבען די הנהגה פון די קאלאניעס דער יק"א. ער האט איהר געגעבען א גרויסע סומע געלד אויף איינצוארדענען די קאלאניסטען דאס לעצטע מאל און איז אליין אבגעגאנגען אן א זייט פונ'ם ישוב.

די יקא"א־אדמיניסטראציע האט אליין געשאפען אין פאלעסטינע נור משמר און סעדזשערע. אלעס איבעריגעס, וואס זי פיהרט איצט אן, איז די ירושה פון'ם באראן. זי איז אויך ניט ריין פון די „מעלות", וואס יעדע אדמיניסטראציע האט און מוז האבען. זי וויל אויך בעווייזען, אז זי איז נויטיג, אז זי „טוט".

איהר ארבייט איז דערפאר אָפּט ניט אויסגערעכענט און ברענגט שאָ־
דען. פאר דער העכערער אדמיניסטראציע וויל זי שטענדיג בע־
וויזען, אז אַלץ געהט כשורה; מוז זי שילדערן די לאגע ניט ריכ־
טיג. איך וועל נאָר ברענגען אַ פּאָר ביישפּיעלען. אין אָנהויב
תרע"ב, ווען די מעטולער קאָלאָניסטען, וואָס מען האָט ביי זיי דעם
גאנצען באַיאַדער ארייננעשאָטען אין דעם שפּייכלער פון דער אדמי־
ניסטראציע פאר'ן חוב, האָבען ניט געהאט מיט וואָס ארויס צו דער
ארבייט און אפילו וואָס צו עסען, איז דער אדמיניסטראַטאָר פונ'ם
אויבערשטען גליל געווען אין פּאַריז און האָט געשילדערט די לאגע
פון די מעטולער קאָלאָניסטען ווי זעהר אַ גוטע. דערזעלבער אדמי־
מיניסטראטאָר האָט איין צייט געהאט אן אידעע: פיקס צו קאָלאָני־
זירען גרים און גורדזשעס (קאווקאזער יודען); האָט ער אראָבגע־
בראַכט אין פּאַלעסטינע עטליכע משפחות פון גרים און איינגערעדט
צו קומען אהין אויך עטליכע משפחות פון קאווקאז. פון די גר'ישע
משפחות זענען עטליכע געבליבען זיצען אין פּאַלעסטינע. נאָר די בע־
דינגונגען, וועלכע ער האָט זיי געשטעלט, זענען ניט אלע מאָל גלייך
צו די תנאים, וואָס ער נעהמט אויס מיט די יודישע קאָלאָניסטען, און
דאָס רופט ביי זיי ארויס אַ פערביטערונג און לאָזט זיי ניט פעסט
איינאָרדענען זיך. און בנוגע צו די גורדזשעס, וואָס ער האָט בע־
זעצט אין מחנים, האָט ער ניט מקיים געווען דאָס, וואָס ער האָט
זיי צוגעזאָגט, ניט געגעבען זיי גענוג באָדען, און דער רעזולטאַט איז,
אַז נאָך אַ סקאַנדאליעזער געשיכטע — וועלכע עס וואָלט כדאי גע־
ווען, מען זאָל זי גענויער אויספארשען און דערגעהן דעם אמת וועגען איהר — האָבען אלע גורדזשעס־קאָלאָניסטען, נאָכדעם, ווי זיי
זענען שרעקליך רואינירט געוואָרען, פערלאָזען מחנים און פיעל פון
זיי אויך דאָס לאַנד.

די קאָלאָניזאציאָנס־פּאָליטיק פון דער יק"א־אַדמיניסטראציע
קאָן מען בדרך כלל כאראקטעריזירען ווי אַ נ ' ע ק אָ נ אָ מ י ז י ־
ר ע נ ד ע אָדער פ ע ר ש פּ אָ ר ע ר י ש ע. נאָר מיט איהר
שפּאָרען און קארגען ברענגט די יק"א־אַדמיניסטראַציע אָפט ניט ווע־
ניגער שאָדען, איידער דעם באראָנס אַדמיניסטראציע מיט איהר
פּזרנות. סוף כל סוף ברענגט די קארגקייט צו פיעל גרעסערע
הוצאות, נאָר ווי יעדען קארגען איז איהר שווער ארויסצולאָזען פון
האנד די עטליכע פראנק. אָנשטאָט צו געבען ביים איינאָרדענען
אַ קאָלאָניסט מיט אמאָל אַזוי פיעל, וויפיעל עס איז נויטיג צו איינ־
אָרדענען זיך פעסט — אַ 4—5 טויזענד פראנק — גיט זי אלע מאָל
געקארגט: 2500—3000 פראנק, אזוי אַז דעם קאָלאָניסט קומט
אויס ניט נאָר צו שפּאָרען, נאָר פּשוט צו פערקירצען די נויטיגסטע
הוצאות. אָנשטאָט צו קויפען אַ פּאָר פערד אָדער פרדות פאר 6—7
הונדערט פראנק, קויפט ער אַ פּאָר אויסגעמאָגערטע פערדלעך פאר
4 הונדערט פר.; אָנשטאָט אַ נייעם וואָגען פאר 5 הונדערט פר.,
קויפט ער אַ געניצטען פאר אַ פּאָר הונדערט; נאָר צום סוף יאָהר

טרעפט, אַז די פערדלעך אַרבייטען זיך אויס אָדער זיי פּאַלען, און מען דאַרף האָבען נייע; און דער וואָגען צעברעכט זיך און פּאָדערט רעפּאַראַטור אויף הונדערט פראַנק. און דער באָדען איז נאָך דערצו שלעכט בעאַרבייט און טראָגט וועניג אַריין, אַזוי אַז צום אָנהויב פון דעם צווייטען יאָהר האָט דער קאָלאָניסט ניט מיט וואָס אַרויס־צוגעהן צו דער אַרבייט. און דאַן — אָדער ער לאָזט אַלץ איבער און אַנטלויפט (אַזוי האָט געטראָפען אין אַטלית, אין כנרת, אין בית־גן און אין אַנדערע קאָלאָניעס), אָדער יק"א גיט איהם אַ נייעם קרעדיט און קאַרגט דערביי ווידער, אַזוי אַז צום דריטען יאָהר קומט איהר ווייטער אויס צו געבען א. א. וו. אַזוי האָט זי, למשל, אין מצפּה געגעבען יעדען קאָלאָניסט — אויסער ערד און געביידעס — 3000 פר. און 300 פר. אויף קיה. האָט זי דאָס צווייטע יאָהר ווי־דער געמוזט געבען צו 700 פר. און דאָס דריטע יאָהר האָט זי ווי־דער געמוזט געבען יעדען קאָלאָניסט צו 1000 פר. (דאָס צווייטע יאָהר איז געוועזען ניט קיין גוטעס) און צום פערטען יאָהר האָט זי ווי־דער געדאַרפט געבען; האָט זי דאָרט געגרינדעט א מלוה און געגע־בען 3700 פר. צו 500 פר. יעדען קאָלאָניסט (איינעם 900).

און אַז זי גיט שוין דאָס געלד ביים איינאָרדענען, גיט זי ניט מיט אַמאָל, און ניט גלייך אויפ'ן האַנד. זי האָט צום קאָלאָניסט קיין צוטרוי ניט. און דאָס פערשאַפט אויך איבעריגע הוצאות, אויסער פּיעל אונאָנגענעמליכקייטען. דער קאָלאָניסט געהט צוערשט אָנ־זעהן אין ערגעץ בהמות אָדער אַנדערע טיילען פונ'ם אינוועטאַר. און דאַן ערשט, ווען ער האָט אָנגעזעהן, גיט מען איהם געלד, און ער געהט דאָס קויפען. ער פערלירט דערביי אָפט צייט און געלד.

זעהר ניט פּראַקטיש און ניט אויסגערעכענט איז אויך די פּאָ־דערונג פון דער אַדמיניסטראַציע, אַז די נייע קאָלאָניסטען אָדער מעטיע (אַרענדאַטאַרס), זאָלען אָנהויבען אויסצאָהלען זייער חוב שוין פונ'ם ערשטען באַיאָהר. געוועהנליך טראָגט דער באָדען די ערשטע פּאָר יאָהר זעהר וועניג, און ערשט מיט דער צייט ווערט ער אויסגעאַרבייט בעסער. דער קאָלאָניסט בעקאָנט זיך מיט איהם מעהר און וויים, וואו וואָס צו זייהען א. ד. ג. דאַן ערשט הויבט דער באָדען אָן מעהר צו טראָגען, און דער קאָלאָניסט קאָן, ניט שאָדענדיג דער ווירטשאַפט, אָנהויבען אויסצוצאָהלען זיינע חובות. די אַד־מיניסטראַציע רעכענט זיך אָבער מיט דעם ניט. זי דאַרף בעוויי־זען מסתמא דאָרטען ערגיץ העכער, אַז די „קאָלאָניסטען צאָה־לען". און זי מאָהנט אויף דעם חוב — דאָס ערשטע יאָהר א 250 פר., — כאָטש זי וועט איהם באַלד, אָפט מיט א מותרות, מוזען אומקעהרען דעם קאָלאָניסט צוריק אונטער דעם נאָמען פון אַ נייעם קרעדיט. און אַזוי איז רעכט, אַז עס חזר'ט זיך איבער עטליכע יאָהר. דעם קאָלאָניסט קומט אויס יעדען יאָהר ווידער בעטען און קליאַנטשען א הוספה'לע אויפ'ן קרעדיט. דאָס דערנידעריגט איהם,

ענטוויקעלט אין איהם שנאַרעריי און שוואַכט אָב זיין ארבייטספעהיגקייט.

אַ שלעכטע ווירקונג אויף די קאָלאָניסטען מאַכט אויך דאָס, וואָס די אדמיניסטראַציע, ווען זי דאַרף פאַר זיך, נעהמט זי שטענדיג אראבישע ארבייטער און ווייכט כמעט פון יודישע. „אויב איהר האָט אייערע מאַהאַמעדס, האָבען מיר אויך אונזערן אַ מאַהאַמעד", אזוי גיט מען איבער אין פּאַלעסטינע דעם תירוץ פון דער אדמיניסטראַציע. מען קאָן אָבער ניט זאָגען, אז דער תירוץ פּאַסט שטאַרק פאַר אַנ׳אינסטיטוציע, וואָס „פיהרט אָן" די קאָלאָניזאַציע און בעשולדיגט די קאָלאָניסטען אין פוילקייט, ווייל יענע בענוצען אראַבישע אַרבייטער.

די לעצטע צייט רעדט מען אין פּאַלעסטינא פיעל וועגען דעם קאָנטראַקט, וואָס די אדמיניסטראַציע פאָדערט פון די אַלטע קאָלאָניסטען אונטערצושרייבען, אַ קאָנטראַקט, וואָס לויט איהם זענען זיי זיך מתחייב אין משך פון עטליכע יאָהרען אויסצוצאָהלען אַ געוויסען טייל פון זייער חוב. גאָר שווערע פּונקטען זיינען אין דעם קאָנטראַקט פאַרהאַן נאָר אַ פּאָר: דער פּונקט, אז די אדמיניסטראַציע מעג אָבנעהמען די ווירטשאַפט ביי דער אלמנה אָדער ביי די מינדעריעהריגע יורשים, ווען זיי צאָהלען איהר ניט פּינקטליך זייערע חובות, און דער פּונקט, אז אלע סכסוכים צווישען דער אדמיניסטראַציע און די קאָלאָניסטען ווערען בעטראַכט ביים פּאַריזער רב: דער לעצטער פּונקט שמעקט מיט „לועג לרש", ווייל דער קאָלאָניסט איז קיין מאָל ניט בכח צו פאָהרען אליין אין פּאַריז אָדער שיקען אהין זיינעם אַ מורשה אויסצו׳טענה׳ן זיך מיט דער אדמיניסטראַציע. אין אלע איבעריגע פּונקטען איז דער קאָנטראַקט אפילו גאַנץ גינסטיג פאַר די קאָלאָניסטען, דערהויפּט אין דעם, וואָס איז שייך צו די צאָהלונגען. דערפאַר איז אבער דער גאַנצער טאָן פון׳ם קאָנטראַקט אזא, אז ביי שלעכטע בעציהונגען מיט די קאָלאָניסטען קאָן די אדמיניסטראַציע טייטשען דעם קאָנטראַקט און אויסנוצען איהם צו דריקען די קאָלאָניסטען. דער דאָזיגער קאָנטראַקט האָט געשאַפען די לעצטע צייט אַ שטילען ברוגז צווישען דער אדמיניסטראַציע און אייניגע קאָלאָניעס. די עקרונ׳ער קאָלאָניסטען האָט די אדמיניסטראַציע אפילו שוין כמעט אויפגעהערט צו געבען די געוועהנליכע שטיצע איהרע אויף הוצאות המושבה, רעכענדיג דערמיט צו ברעכען זייער עקשנות.

נאָר בכלל איז די ארבייט פון דער יק"א־אַדמיניסטראַציע אין פּאַלעסטינא ניט אזוי שרעקליך, ווי אנדערע שטעלען זיך פאָר. אין אנדערע ערטער, צ. ב., אין דעם אונטערשטען גליל, איז זי אפילו אַנ׳עהרליכע און אַ מוסטערהאַפטע — אויף וויפיעל אַנ׳ארבייט פון אַנ׳אדמיניסטראַציע קאָן זיין אַ מוסטערהאַפטע. זי לאָזט די קאָלאָניסטען פריי ארבייטען, העלפט דורכפיהרען ווּאסערלייטונגען,

עפּענט קאָאָפּעראַטיווע קראָמען און אין איינינע קאָלאָניעס האָט
זי אפילו צוגעזאָגט העלפֿען פּלאַנצען גערטנער.

די חובבי־ציון האָבען על פּי רוב ניט געהאַט קיין
איינענע אויסגעהאַלטענע קאָלאָניזאַציאָנס־פּאָליטיק. זיי האָבען זיך
ביז דער לעצטער צייט געוועהנליך געהאַלטען אָן די זעלבע פּרינ־
ציפּען, וואָס דעם באַראָנס אַדמיניסטראַציע: אָן אַפּיטרופּסות און
תמיכה. נאָר אין דער צייט, וואָס דער באַראָן האָט געשאָטען מיט
געלד און האָט סוף כל סוף געשאַפֿען מעהר ווי א צעהנדליג מעהר
אָדער ווענינער בעדייטענדע קאָלאָניעס, איז די תמיכה פֿון די חובבי־
ציון בעשטאַנען „פֿון אַ ציג, אַן אייזעל און גערשטען פֿאַר די פערד",
ווי מען דריקט זיך אויס אין פּאַלעסטינע. און דער רעזולטאַט פֿון
זייער גאַנצער אַרבייט איז אויך אַזאַ קליינליכער, ווי די תמיכה. פֿון
די קאָלאָניעס, וואָס זיי האָבען געשאַפֿען, האָט נאָר א געוויסע בע־
דייטונג גדרה. פּתח־תקוה איז אויפגעבויט געוואָרען מייסטענס
דורכ'ן באַראָן, און הדרה איז געהאָלפֿען געוואָרען אויך דורך איהם.
ווייל איידער ער האָט דאָרט אויסגעטריקענט דעם זומפּ, איז חדרה
געווען ניט קיין קאָלאָניע, נאָר אַ בית־עלמין פֿון צעהנדליגע יונ־
גע לייט, פרויען און קינדער, וואָס זענען דאָרט געשטאָרבען פֿון
פֿיבער. אַלע איבעריגע פּונקטען, וועלכע זיי האָבען געשאַפֿען, זענען
שוין גאָר אומבעדייטענדע. אין קאַסטינע איז אין תרע"ב גע־
ווען 19 פֿאַמיליעס, וואָס 10 פֿון זיי האָבען געהונגערט, און סוף
תרע"ב האָבען כמעט א העלפֿט קאָלאָניסטען געגרייט זיך צו פֿער־
לאָזען די קאָלאָניע. אין עין־גנים, וועלכע בעשטעהט פֿון 31 חלקים,
זענען דאַן בעאַרבייט געווען נאָר 11. אין באר־יעקב איז איין טייל
באַדען געווען בעאַרבייט דורך גורדזשעס, וואָס פיעל פֿון זיי וואָל־
טען מיט'ן גרעסטען פֿערגעניגען פֿערקויפֿט זייערע חלקים, ווען
עס וואָלט זיך נור געפֿונען א קונה. אין דעם אַנדערען טייל האָ־
בען געאַרבייט יונגע לייט, וועלכע האָבען געוואוינט אין ברעטער־
הייזלאַך 2½ מעטער די לענג און 2 מעטער די ברייט; און אינגאַנ־
צען נפשות זענען דאָרטען געווען 43.

די לעצטע עטליכע יאהר האָבען אָנגעהויבען צו אַרבייטען אין
פּאַלעסטינא די ציוניסטען. דער רעזולטאַט פֿון זייער אַר־
בייט ביז תרע"ב איז געווען א גאַנץ קליינער: אין לוד און הולדה
האָט מען געפּלאַנצט דעם יער־הרצל און מען האָט אַריינגעלעגט
אַלץ נייע געלד. וואָס וועט טראָגען דער אַריינגעלעגטער קאַפּיטאַל,
וועט מען ערשט קאָנען זעהן אין פֿיעל יאהרען אַרום, ווען די ביימער
וועלען אָנהויבען צו געבען איינטראָג. כנרת האָט גענעבען א דעפֿיציט
פֿון 35 טויזענט מאַרק; מרחביה האָט זיך געהאַלטען אין אָרגאַ־
ניזירען, און דגנינה האָט געבראַכט 1528 פֿר. רוח, ½ פּראָצ. פֿון דעם
ווערט פֿון דער ווירטשאַפֿט.

די ציוניסטען האָבען נאָך ניט דערווייל קיין בעשטימטע סיס־
טעם פֿון אַרבייט, זיי האַלטען אין זוכען. און לויט זייער אַרבייט אור־

טיילען וועגען דער מעגליכקייט אָדער אונמעגליכקייט עטוואָס אויפצוטון דאָרט איז דערפאר דערווייל ניט מעגליך.

ג. קאָלאָניזאַציאָנס־מעטאָדען

אין דער גאנצער יודישער קאָלאָניזאציע אין פאַלעסטינע ווארפט זיך באַלד אין די אויגען דאָס פעהלען פון א וועלכען עס איז סדר. ווען די ערשטע גרופּעס קאָלאָניסטען זענען געקומען אין לאנד, האָבען זיי ניט אויסגעפאָרשט אפילו דורך מבינים דעם באָדען, וואָס זיי האָבען געקויפט. מען האָט גענומען, וואָס עס איז געקומען אונטער דער האנד. די ראשונ'ער האָבען דערפאר איינגעהאנדעלט א שטיק זאמד, וואָס האָט ניט געטויגט אויף פעלד־ארבייט, די זכרונ'ער האָבען אָבגעקויפט ביים איטאליענישען קאָנסול דעם בארג סאַמארין, אַ שטיין, וועלכען מען האָט גאָרניט געקאָנט ארבייטען. און אין וועלכען נור דעם באראָנס מיליאָנען האָבען בכח געהאט אריינצובלאָזען לעבען.

יעדען שטיקעל באָדען האָט מען געקויפט צופעליג. אזוי אז עס זענען נאָך איצט אין פאַלעסטינע, אויסער זכרון מיט איהרע טעכטער: שפיה און אם־אל־גמל און פתח־תקוה מיט איהר קאמער עין־גנים, ניטאָ קיין צוויי קאָלאָניעס, וואָס זאָלען זיך גרענעצען איינע מיט דער אנדערער. דאָס פערגרעסערט אויף פיעל די הוצאות אויף שמירה, ווייל מען מוז די קאָלאָניע ־ גיטער היטען פון אלע זייטען. ביי א מעהר שכנ'ישער לאגע פון די קאָלאָניעס, וואָלטען זיי אויך פאָרגעזטעלט א גרעסערע וועהרונגס־קראפט, ווייל זיי וואָלטען לייכטער געקאָנט קומען איינע די אנדערע צו הילף ביים אָנפאלען פון די אראבער.

באָדען האָט מען געוועהנליך געקויפט, וויפיעל עס האָט זיך געמאכט, אזוי אז פיעל קאָלאָניעס זענען צו קליין. דאָס רופט זיך אָב אויף די קאָלאָניעס זעהר שלעכט. ערשטענס, לײדען אזוינע קאָלאָניעס פון די גרויסע קאָלאָניע־הוצאות. אין דער צייט וואָס אין פתח־תקוה, למשל, (1681 נפשות) פאלט אויף יעדען נפש 25,8 פר. הוצאות (אויסער שולע און רעגיערונגס־הוצאות), מאַכט אוים אין קאסטינא (130 נפשות) העכער 40 פר. אויף אַ נפש. חוץ דעם קאָנען די קליינע קאָלאָניעס ניט אויסהאלטען אליין קיין סטאָליער, קיין שמיד און אנדערע בעלי־מלאכות, וועלכע זענען פאר יעדער קאָלאָניע אומבעדינגט נויטיג. אין קאסטינע, למשל, טרעפט, אז ווען עס צוברעכט זיך עפּעס אין מיטען דער ארבייט, קומט אוים צורייבען פיעל שטונדען, ביז מען פאָהרט אין א צווייטער קאָלאָניע עס צו פעררריכטען.

ווייל די קאָלאָניעס האָבען געהאט וועניג באָדען, און אָפטמאָל אפשר פשוט ווייל מ'האָט ניט ריכטיג פערשטאנען דעם עניין קאָלאָניזאציע, האָט מען אין יעדער קאָלאָניע בעזעצט גלייך אזוי פיעל קאָלאָניסטען, וויפיעל מעגליך. אָפט האָט מען נאָך געקארגט אין

באָדען און בעזעצט וואָס א גרעסערע צאָהל קאָלאָניסטען. קיין באָדען־רעזערוו האָט מען געוועהנליך ניט איבערגעלאָזען. וועגען א ווייטערדיגער נ א ט י ר ל י כ ע ר פערגרעסערונג פון די קאָלאָניעס, דורכדעם וואָס עס וועלען מיט דער צייט צוקומען נייע מיטגלידער, אָדער עס וועלען זיך דאָרט בעזעצען די קאָלאָניסטישע זיהן, — האָט דערפאַר קיין רייד ניט געקאָנט זיין.

ניט קלאָר איז די גאַנצע צייט געווען און איז נאָך איצט אויך ניט די פראַגע וועגען דעם א י נ ה א ל ט פון דער ווירטשאַפט אין פּאַלעסטינע: צי איז דאָרט גלייכער פערנעמען זיך מיט פלאַנצונגען, צי מיט פעלד־ארבייט, אָדער די ווירטשאַפט דאַרף גאָר זיין א געמישטע. די ערשטע קאָלאָניסטען האָבען זיך בתמימות געווען גענומען פאַר פעלד־ארבייט. נאָך דעם באַראָנס אדמיניסטראַציע האָט באַלד צונישט געמאַכט די פעלדארבייט און אָנגעהויבען פלאַנצען, ווייל בכדי איינצואָרדענען ביי פעלדווירטשאַפט איז ניט געווען גענוג באָדען, און ווייל פון פלאַנצונגען האָט מען ערוואַרטעט גרעסערע גליקען. מען האָט געפלאַנצט וויינגערטנער מיט'ן אויסזיכט צו מאַכען פון די טרויבען וויין. קוקענדיג אויפ'ן באַראָן, האָבען דאָרט שוין אַלע אָנגעהויבען צו פלאַנצען שטאָק. עס פערשטעהט זיך, אז עס האָבען זיך באַלד געפונען גוטע בעלי־חשבון, וועלכע האָבען אויסגערעכענט גענוי די גרויסע הכנסות, וואָס די כרמים וועלען טראָגען, און האָבען אונטערגעגעבען דעם עולם חשק צו מעהרען פלאַנצען, און ניט ווייניג יודען פון רוסלאַנד האָבען דאַן געפאַנטאזירט וועגען א וויינגאָרטען אין פּאַלעסטינע און ניט ווייניג האָבען צוליעב דעם צוועק זייערע לעצטע רובלים אויסגעגעבען אין אזוינע חברות, ווי די „אגודת־אלף“, למשל. נאָר דער וועלטמאַרק רעכענט זיך אפילו ניט מיט די קאַפּריזען פון א באַראָן, און דער וויין, וואָס מען האָט אויסגעארבייט אין פּאַלעסטינע, האָט ניט געפונען קיין אבזאַץ. דעם גרעסטען טייל פון איהם איז מען געווען געצוואונגען צו שיקען אין האַמבורג אויף קאָמיסיע, און דאָרטען פלעגט מען פאַר איהם נעהמען א דריט־חלק דערפון, וואָס ער האָט אַליין זיך געקאָסט. ניט איין פאַס וויין — דערצעהלט מען בסוד אין פּאַלעסטינע — האָט מען אין ים אויסגעגאָסען, ווען מען האָט געדאַרפט אויסליידיגען די פעסער פאַר'ן נייעם וויין. דער באַראָן האָט געצאָהלט 30 — 70 פר. א קאַנטאַר (אַן ערך 17 פוד) טרויבען, בעת לויט די פּרייזען, וואָס מען פלעגט נעמען פאַר'ן וויין, פלעגט אויסמאַכען ווייניגער, ווי 20 פראַנק. דער סוף איז געווען, אז מען האָט א טייל פון די וויינגערטנער — אין ערטער א ¼, אין ערטער א דריטעל און מעהר — א ו י ס ג ע ר י ס ע ן ! די צאָהל טרויבען האָט זיך דאַן פערקלענערט, און דעם וויין איז שוין לייכטער געווען אויסצוברענגען. דערנאָך האָבען די קאָלאָניסטען אַליין געמאַכט א חברה און איבערגענומען דעם קעלער. דאָס יאָהר תרע"א האָבען די קאָלאָניסטען בעקומען צו 22 פר. א קאַנטאַר טרויבען.

קיין נייע טרויבען האט מען נאך'ן „אויסרייסען" כמעט ניט גע־פלאנצט, און די געפלאנצטע ווערען גערעכענט פאר „טרפה", און דער קעלער האט רעכט זיי ניט צו נעמען אויך. וועגען פלאנצען איצט נייע וויינגערטנער אין א גרעסרען מאסשטאב קלערט שוין איצט קיינער ניט אין פאלעסטינע.

נאר ניט אלע האבען זיך דארט פון דער טרויבען־געשיכטע אבגעלערנט א מוסר־השכל. און איהר געפינט דארט נאך איצט מענשען, וועלכע לעגען זייערע גאנצע האפנונגען אויף פלאנצונגען און פראפאגאנדירען איצט די אידעע פון באיארעס און מאנדעל־גערטנער, ווי אמאל פון די כרמים ,און זיי ווילען ניט פערשטעהן, אז דערמיט פיהרען זיי ווידער צו קריזיס. אין דער אמת'ן : בעת תבואה איז אן ערשט־נויטיגער, און דערפאר א גאנגבארער ארטיקעל, און קאן דערפאר שטענדיג געפינען א קונה, — און סוף כל סוף וועט די תבואה, וואס מען וועט קאנען ארויספיהרען פון פא־לעסטינע, אלע מאל זיין נאר א טראפען אין דעם ים פון די תבואות, וואס די פעראייניגטע שטאטען, רוסלאנד און ארגענטינע ווארפען ארוים אויפ'ן פעלט־מארק — זענען שוין פערשיעדענע פרוכטען און וויין מעהר אדער ווייניגער א לוקסוס־ארטיקעל, און א שטארקע פערגרעסערונג פון זייער צאהל אין פאלעסטינע קאן זיך לאזען פיהלען. בפרט נאך, אז ביי וויין און פרוכטען שפיעלען א גרויסע ראל דער גוסט פונ'ם קונה. דער, וואס טרינקט געוועהנליך אונגארער אדער באררא, וועט ניט קויפען קיין כרמל, און דער, וואס עסט איטאליענער אפעלסינעס, וועט ניט גערן נעהמען קיין יפו'ער. פערגרעסערען דעם פערקויף פון אזוינע פראדוקטען איז דערפאר זעהר שווער. חוץ דעם קאנען פרוכטען ניט ליעגען. טרויבען דארף מען גלייך פערוואנדלען אין וויין, ווייל איבערשיקען זיי ווייט איז כמעט אוממעגליך. אראנזשען מוזען פערקויפט ווערען אין משך פון עטליכע חדשים, ווייטער קאנען זיי אין פאלעסטינע ניט ליעגען. מאנדלען קאנען ליעגען מעהר, אבער יעדעם יאהר זענען פארהאן נייע, און ווען דער אנבאט וועט זיך פערגרעסערן, וועט זייער פרייז מוזען שטארק פאלען. אויף דעם אויסגאנג פון יאהר פאר די פרוכ־טען קאנען ווירקען צום שלעכטען נאך אנדערע סבות. אזוי האבען, צ. ב., אין תרע"א, ווען עס האט געהערשט כאלערע אין דער טערקיי, די קאלאניסטען געמאכט שלעכטע געשעפטען מיט מאראנ־צען, ווייל אין פיעל לענדער האט מען דאן ניט געלאזען ארייןפיהרען קיין פרוכט פון טערקיי. און בכלל איז יעדער פלאנטאטאר איינגאנ־צען אבהענגיג פונ'ם מארק : פאר זיין אייגענעם געברויך קאן גענוג זיין די פרוכט נאר פון א פאר בוימער. די פרוכט פון אלע איב־

ריגע מוז ער פערקויפען, כדי צו בעפריעדיגען אלע זיינע בעדערפּע־נישען. יעדע ענדערונג אין די וועלט־פּרייזען מאכט שוין דער־פאר א ווירקונג אויף זיין ביודזשעט. און מען מוז נאָך בעמערקען, אז פאר פּלאנצונגען קאָן זיך לייכטער נעהמען א ניט גענוג פערמעג־ליכער מענש, איידער פאר פעלדארבייט, כאָטש צום סוף דארף די פּלאנטאַציע אבקאָסטען ניט וועניגער, נאָר אפילו מעהר, איידער א פעלדווירטשאפט. ווייל ביי פעלדווירטשאפט דארף מען שוין גלייך ביים צוגעהען צו דער ארבייט האָבען די גאנצע נויטיגע סומע, און ביי פּלאנצונגען קאָן מען די סומע פונאנדערלעגען אָפט אויף איינינע יאהר און צוטרעטען צו דער ארבייט קאָן מען אויך מיט א קליינע סומע. און דערביי קאָנען אָפט זיין פאלשע האָפנונגען אויף די אייגענע שפּעטערדיגע רעסורסען אָדער ווידער האָפנונגען אויף דער הילף פון כלל־ישראל. אזוינע ווירטשאפטען קאָנען ניט זיין קיין פעסטע.

קיין גרויסע האָפנונגען אויף פּלאנצונגען אליין קאָן מען אין פּאלעסטינע דערפאר ניט לעגען. נאָך וויינינער האָפנונגען קאָן מען לעגען אויף דער ענטוויקלונג פון העכסט אינטענסיווע קולטורען אין פּאלעסטינע, ווי איינינע פאנטאזירען דאָרט. ווייסענדיג, אז פרייע ערד איז דאָרטען פארהאן זהער וועניג, האלטען די דאָזיגע פאנטאזיארען אלס דאָס איינציגע מיטעל צו קאָנען בעזעצען אַ גרעסערע צאָהל קאָלאָניסטען אין פּאלעסטינע איינצופיהרען דאָרט אַ העכסט אינטענסיווע פּלאַנצונגס־ווירטשאפט. אזוי לעגט איינער פאר צו פּלאנצען ריצין, בוימער דער אנדערער — קאָלאָציינט(אַזוינע ביטערע קירבעסלעך) און אנדערע מעדיציינישע ספּעציעס און ד. ג. נאָר זיי פערגעסען, אז אַן אינטענסיווע ווירטשאפט, וועלכע זאָל האָבען פאר אַן אבזאץ־מארק פּאלעסטינע גופא, איז דאָרט אוממעגליך צו שאפען. אַזאַ ווירטשאפט איז מעגליך נאָר ביי גרויסע שטעדט, וואו גרינס, פרוכט, בלומען א. ד. ג. קאָנען שטענדיג געפינען אַן אָבזאַץ, און אויף הויכע פרייזען. דאָרטען איז טאקע גענוג אויף דורכצולעבען זיך — נאָר א פאָר העקטאר באָדען און די אינטענסיווע ארבייט פונ׳ם פויער אָדער קאָלאָניסט צוזאמען מיט אלע ארבייטס־פעהיגע מיטגליעדער פון זיין פאמיליע. אין פּאלעסטינע אָבער זענען אזוינע שטעדט ניטאָ, אויסער ירושלים, טיילווייז יפו און חיפו. ביי די דאָזיגע שטעדט זענען אזוינע ווירטשאפטען ווירקליך מעגליך, כאָטש די אראבער מאַכען זיי וועניגער איינטרעגליך דורך זייער קאָנקורענץ, און אין יפו און חיפו האָבען דעם מארק אויף אזוינע זאכען ביז איצט שוין פערכאפּט די דייטשען. און פּלאנצען בלומען, גרינס א. ד. ג. זאַ־כען, וועלכע ווערען באלד פערוועלקט, אויף צו שיקען קיין אויס־

לאנד, וועגן דעם קלערט מסתמא קיינער ניט. און וועגן די פער־שיעדענע ספעציעס, וועלכע די „אידעאליסטען“ לעגען פאר צו פלאנ־צען, וואלט כדאי געווען זיי זאלען זיך דערמאנען דעם כאראקטעריס־טישען אנעקדאט מיט דעם באראנס מעלאנען*), אנ׳אנעקדאט, פון וועלכען זיי לאכען אליין אויך גאנץ פרעהליך. די ספעציעס, וואס עטליכע צעהנדליג קאלאניסטען וואלטען פערזייהט, וואלטען גענוג געווען אויף רפואות פאר א שליש וועלט.

מיט אזוינע קולטורען קאנען זיך פערנעהמען נאך א פאר צעהנדליג קאלאניסטען און — אז מען זאל גוט אויסנוצען דעם מארק — ווידער אמאל א פאר צעהנדליג קאלאניסטען. אבער אויף אזוינע קולטורען בויען די צוקונפט פונ׳ם ישוב אדער בכלל לעגען אויף איהם גרויסע האפענונגען — איז א פאלשע און דערפאר א שעדליכע פאנטאזיע.

די לאגע פון דער פעלד־ווירטשאפט איז שוין א פיעל זיכערערע, ווייל ביי אזא ווירטשאפט איז דער קאלאניסט פיעל וועניגער אב־הענגיג פון מארק. ער קאן א גרויסען טייל פון זיינע בעדערפעני־שען בעפרידיגען דערמיט, וואס ער ארבייט אליין אויס. ער קאן האָ־בען ווייץ אויף ברויט, גערשט און שטרוי פאר די פערד און אָק־סען, א ביסעל קארטאפעל, גרינס און מילך, א ביסעל פלייש און אייער. אין פאלעסטינע צאהלט מען דאך דער רעגירונג דעם עשור אויף מיט תבואה. און אפט אויך דעם אראבישען ארבייטער מיט ווייץ. דעם קאלאניסט קומט אויס ווענינ צו קויפען און פערקויפען, און ער איז כמעט שטענדיג זיכער, אז זיין תבואה וועט ביי איהם ניט פערלעגען ווערען אין שפייכלער, אז ער וועט שוין געפינען אויף איהר א סוחר.

דאס האט פערשטאנען די יק״א, ווען זי האט איבערגענומען דעם באראנס קאלאניעס, און זי האט בעשטימט אין די אלטע קאלא־ניעס וואס מעהר איבערגעהן צו פעלדוויטרשאפט און די נייע קא־לאניעס בויען אויסשליסליך אויף פעלדווירטשאפט. און דא איז זי, ווי עס פאסט פאר א רייכער צדקה־געזעלשאפט, וועלכע עס דארף קיינעם קיין חשבון ניט אבגעבען און וועלכע איז דערפאר ניט מחויב גוט אויסצורעכענען און אויסצופארשען, גלייך איבערגעגאנגען צו

---

*) ווען איך בין געוועז אין פאלעסטינע, האט די אדמיניסטראציע אין מלחמיה אנגעהויבען פלאנצען מעלאנען. דערביי האט מען דערצעהלט וועגען דעם פאלגענדען אנעקדאט. דער באראן איז געווען אין דער שווייץ. מען האט איהם דארט אין א האטעל דערלאנגט א מעלאנע און דערנאך צוגעשטעלט פאר איהר א חשבון פון10 פראנק. „אויב אזוי“ — האט דער באראן פלינק א רעכען געטאן — „איז דאך דאס א טייערער געשעפט. אויב אין פאלעסטינע קאנען וואק־סען מעלאנען, קאן מען דאך די קאלאניסטען גליקליך מאכען. איין קליין־גערטענדעל מיט מעלאנען, און דער קאלאניסט איז בעזיכערט מיט חיונה“. און ער האט גלייך פערארדענט, מען זאל אין פאלעסטינע אנהויבען צו זעצען מעלאנען.

דער צווייטער עקסטרעמיטעט. זי האָט אין ערטער, צ. ב., אין ראש־פּנה, אפילו אויסגעריסען פלאַנצונגען, כדי צו האָבען מעהר באָדען פאַר זריעה. נאָר זי האָט ניט אויסגערעכענט, אז אין פּאַלעסטינע איז אוממעגליך צו פעראייניגען די פעלדווירטשאַפט מיט פיהצוכט און מיט אַנ׳ענטוויקעלטער הויף־ווירטשאַפט (מילכיגס, עופות, גרינס), און אז די פעלדווירטשאַפט בלייבט דאָרט דערפאַר צו איינזייטיג, און קאָן דעריבער שוין פון איין אומגערעטעניש אויף תבואה לייכט צעטרייסעלט ווערען אַזוי, אז זי זאָל נאָכדעם לאַנג ניט קאָנען צו זיך קומען, און אַז כדי זי פעסטער צומאַכען דאַרף מען די פעהלענדיגע הויף־ווירטשאַפט און פיהצוכט פערבייטען דורך אַנ׳אַנדער הילפס־ווירטשאַפטס־צווייג — דורך פלאַנצונגען. צו דעם דאָזיגען געדאַנק זענען די קאָלאָניסטען אין גליל און אויך די אדמיניסטראַציע געקומען די לעצטע עטליכע יאָהר. און אין אַלע גליל־קאָלאָניעס האַלטען איצט די קאָלאָניסטען אין איין פאָדערן ביי דער אַדמיניסטראַציע, זי זאָל זיי פלאַנצען. אין איינינע ערטער איז די אדמיניסטראַציע שוין צו דעם מסכים.

אַלזאָ, דער ניט ריכטיג צוגעפּאַסטער צו די פּאַלעסטינער בעדינגונגען ווירטשאַפטס־אינהאַלט האָט געבראַכט פיעל שאָדען דעם ישוב אַמאָל און לאָזט ניט פערפעסטיגען זיך דאָרט דער ווירטשאַפט איצט. און ווייל אין דער פּאַלעסטינער קאָלאָניזאַציע שפּיעלט שוין אַ צו גרויסע ראָלע דער אידעאַליסטישער מאָמענט, ווערט דאָרט ביי די קאָלאָניזאַציאָנס־טוער די פּראַקטישע זייט אָפט פערנאַכלעסיגט, און יעדער, ווער עס האָט נאָר אַנ׳אידעאַליסטישען אָדער ציוניסטישען פונק אין הארצען, רעכענט זיך שוין בכלל פאַר קאָמפּעטענט און בערעכטיגט ניט נאָר צו שאַפען טעאָריעס וועגען דער פּאַלעסטינער קאָלאָניזאַציע, נאָר אויך צו אַגיטירען פראַנק און פריי פאַר זיי. דאָס וועט אויך ווייטער געוויס ניט ווייניג שאָדען ברענגען דעם ישוב.

ניט ווייניגער וויכטיג, איידער דער אינהאַלט פון דער ווירטשאַפט, איז די *פאָרם פון דער ווירטשאַפט* (די פעלדטיילונג) און די פאָרמען פון דער ארבייט. צוקוקענדיג זיך צו דער אַראַבישער ווירטשאַפטס־פאָרם, וועלכע הערשט כמעט אין אַלע יודישע קאָלאָניסטישע פעלד־ווירטשאַפטען, און צו די אַראַבישע ארבייטס־פאָרמען, וועלכע הערשען אויך אין דער גרעסטער מעהרהייט פון די יודישע ווירטשאַפטען, מוז מען קומען צו דער איבערצייגונג, אַז ווי פרימיטיוו זיי זענען ניט, זענען זיי דאָך ניט שלעכט צוגעפּאַסט צו די בעדינגונגען פון לאַנד. מען זייהט כסדר אַ יאָהר ווינטער־תבואה (ווייץ און גערשט, טיילווייז ארבעס און באָב) און אַ יאָהר זומער־תבואה (דורע און שמישום). דערביי בייטען זיך די תבואה

געוויקסען מיט די באָב־געוויקסען, וועלכע זאמלען אַן שטיקשטאָף אינ'ם באָדען, וואָס עס פערהיט איהם מעהר אָדער ווייניגער פון אויסצעהרונג. דער אראַבישער אקער ריהרט אַן נאָר די סאמע אויבערשטע שיכט פונ'ם באָדען און עקספּלואַטירט איהם דערפאר לפי ערך ניט פיעל. די דרעש־ברעט איז אויך זעהר גוט צוגעפּאסט: זי צערייבט דאָס שטרוי און מאכט פון איהם תיבן (צעריבענע שטרוי) וועלכען מען גיט עסען די בהמות. פערקעהרט, די אייראָפּעאישע מאַשינעס בעגעגענען פיעל נאַטירליכע שטערונגען ביי דער ארבייט: דער באָדען איז אין פּאַלעסטינע אָפט בעדעקט מיט שטיינער און מיט סידרעס (אַזוינע קוסטעס), און עס איז שווער איהם צו בעארבייטען דערפאר מיט א פּלוג און נאָך מעהר איז שווער צו שניידען אויף איהם מיט אַ שניידמאַשין, וועלכע האָט האָלט א גלייכען און גלאטען באָדען. די גערשט וואקסט נאָך דאָרט אָפט זעהר נידעריג אויס, אַזוי, אז מען קאָן זי ניט שניידען מיט אַ מאַשין. און עס טרעפען זיך אָפט אויך משופּע'דיגע ערטער אראָב אַ בארג, וואו מען קאָן ארבייטען נאָר מיט אָקסען און מיט'ן אראַבישען פּלוג. די געוועהנליכע דרעש־מאַשין צורייבט ניט די שטרוי, ווי עס איז נויטיג אין פּאַלעסטינע. ניט־צעריבענע שטרוי איז דאָרט צו טרוקען און צו האַרט, מען זאָל עס קאָנען געבען עסען די בהמות.

נאָר די גאַנצע אראַבישע אַרבייטס־סיסטעם, ווי זי איז ניט צוגעפּאסט צו די אָרטיגע בעדינגונגען, איז זי געוונג און גוט נור פאר די אראבער, אָבער ניט פאר די יודען. די בעדערפעניששען פונ'ם אַראַבער זענען מינימאַלע. א העמד און אַ לאַנגער כאַלאַט איז זיין גאַנצע קליידונג; אַ רייכער אראַבער טוט נאָך אָן אַ פּאָר שיך פּאר א פּאָר פראַנק. די קליינע קינדער געהען אום ביז אַ געוויסען עלטער גאָר הוילע. פון קיין שולע פאר קינדער ווייסען זיי כמעט ניט. עסען עסט מען רויהע ניט געזייערטע ברויטלעך מיט א ציבעלע אָדער מיט אַן אַנדער גרינס, אָדער גאָר מיט נישט. די ווייבער און די קינדער פון דעם אראַבער ארבייטען. פאר דעם אַראַבער איז דערפאר גענוג דאָס, וואָס די ערד טראָגט איהם אריין ביי זיין אראַבישען אקער און ביי זיין פּרימיטיווער סיסטעם פון ארבייט. דער יוד האָט אָבער גאָר אַנדערע בעדערפעניששען, ניט אין אַן ערך גרעסערע. די קאָלאָניע־הוצאות אליין ביי א יודישען קאָלאָניסט מאכען אָפט אויס מעהר, איידער די גאַנצע הוצאה פון דעם אראַבער. דער יודישער קאָלאָניסט נויטיגט זיך אין א שולע פאר קינדער, אין אַנ'אַפּטייק און אַ דאָקטאר, אָפט אויך אין א שוהל און אין אַ שוחט, אמאָל אויך אין א צייטונג און אַ ביכעל. דער יודישער קאָלאָניסט האָט אויך גרויסע הוצאות אויף שמירה, אויף בעציהונגען מיט דער

רעגירונג א. ד. ג.*) דער יוד קאן אויך ניט אומגעהן הויל, און מוז נאָך אפילו האָבען אַ בעזונדערן שבת'דיגען מלבוש. ער קאָן אויך ניט אויסקומען מיט דיזעלבע אכילות, וואָס דער אראבער. דער יוד האָט אין משך פון טויזענדער יאָהרען געלעבט אין שטאָדט. דאָרטען זענען זיינע בעדערפענישען אויסגעוואקסען. זיי קאָן שוין דער אראבישער אקער און די פּרימיטיווע אראבישע ארבייט ניט בעפרידיגען. דער יוד קאָן זיך ניט בעגנוגענען מיט די קליינינקייטען, וואָס דער באָדען טראָגט אריין ביי אזא ארבייט. ער דאַרף אויסנוצען דעם באָדען, שעפּען פון איהם, וויפיעל עס לאָזט זיך נאָר. די בעדערפענישען פונ'ם יודישען קאָלאָניסט פאָדערן פון איהם, ער זאָל ארבייטען ניט ווי אַנ'אָבגעשטאַנענער אראבער אָדער רוסישער פּויער, נאָר ווי א פאָרטגעשריטענער אייראָפּעאישער אקערבויער אָדער אמעריקאנער קאָלאָניסט — מיט די בעסטע מאַשינעס, מיט אַנ'ענטוויקעלטער פעלד־טיילונג, מיט בעמיסטיגונג א. ד. ג. קורץ, ער זאָל ארבייטען לויט די לעצטע פאָדערונגען פון דער וויסענשאַפט.

אמת, עס זענען אפילו פאַרהאַן „קענער" פון קאָלאָניזאציע ביי יודען, ביי וועלכע די פערקירצונג פון די בעדערפענישען ביי די יודישע קאָלאָניסטען רופט ארויס א פרייד: „זיי ווערען אמת'ע פּויער־

*) איך ברענג דאָ, אלס ביישפּיעל, די גענויע צאָהלען פון די קאָלאָניע־הוצאות פון א פּאָר קאָלאָניעס אין תרע"א.

א) הדרה: 1) דאָקטאָר, אקושאָריז, פעלדשער און אפּטייק — 7000 פר.; 2) סעקרעטאָר, מוכתאר (סטאַראסטע) און אנדערע אנגעשטעלטע — 2040 פר.; 3) נסיעות פון מוכתאר און פון די ועד־מיטגלידער — 1000 פר.; 4) שמירה פון דער קאָלאָניע — 4700 פר.; 5) שמירה פון די פעלדער און די באַיארעס פון אויסען — 7000 פר. 6) שוחט — 1300 פר.; 7) שולע — 2420 פר.; 8) פאָסט און דיליזשאַנס — 800 פר.; 9) וואסער שעפּען — 1100 פר.; 10) דעם וועטערינאר — 1200 פר.; 11) א משפּט פאר די גרעניצען — 2000 פר.; 12) אלגעמיינע תיקונים — 700 פר.; 13) קליינע הוצאות — 2000 פר.; סך הכל 34260 פר. — צו 8, 978 פר. אויף יעדער קאָלאָניסטישער פאַמיליע; אויסער דעם: רעגירונגס שטייער — ווערקאַ און אנדערע 4000 פר. און עשור 20000 פר. און צוזאמען 58.260 פר., צו 1664 פר. אויף יעדען קאָלאָניסט

ב) מעסחא. 1) אפּטייקער — 1440 פר.; 2) אקושאריז — 420 פר.; 3) דאָקטאָר 740 פר. און יק"א 700 פר.; וועטערינאר — 800 פר.; 5) שולע — 180 פר. און יק"א 5040 פר.; 6) שוחט — 720 פר.; 7) שומרים — 2700 פר.; 8) אנדערע הוצאות — 1440 פר. און יק"א 2820 פר.; צוזאמען 17030 פר., צו 473 פר. אויף א קאָלאָניסטישער פאַמיליע, אויסער עשור.

ערים!"*) זאָגען די דאָזיגע קענער מיט התפּעלות. זיי פערשטעהען אָבער ניט, אז מיט דער פערקירצונג פון די בעדערפעניששען דעגראַדירט דער קאָלאָניסט פון אַ העכערער קולטור־מדרגה אויף אַ נידעריגערער און פאַר־איינס ווערט אָבגעשוואכט זיין ענערגיע. דער יודישער קאָלאָניסט וועט קיינמאָל ניט דערגרייכען צו דער מדרגה פון דעם אַראַבער אין דעם, וואָס איז נוגע די בעדערפעניששען; עס איז איהם אָבער גענוג נאָר אביסעל אַראָבצולאָזען זיך פון דער ענטוויקלונגס־מדרגה, אויף וועלכער ער איז געשטאַנען, ער זאָל שוין קיינמאָל ניט האָבען גענוג ענערגיע צו דער ארבייט און גענוג פערשטאַנד — ווי צו אַרבייטען. ער וועט שוין קיינמאָל ניט קאָנען זיין קיין קאָלאָניסט אינ'ם מאָדערנעם זין פון וואָרט.

אז דעם קאָלאָניסט קומט אויס צו ליידען די ע ר ש ט ע פּאָר יאָהר, און ער האָפט דורך זיין ארבייט זיך א בעסערע צוקונפט צו שאַפען, פיהלט ער געוועהנליך ניט די ליידען. אָפטמאָל גיט איהם צו די פערקירצונג פון די בעדערפענישען אין דער דאָזיגער צייט נאָך מעהר ענערגיע: ער קוקט אויף זיך, ווי אויף אַ העלד, וועלכער קאָן גובר זיין אַלע שוועריגקייטען. און איז דער קאָלאָניסט אַנ'אידעאַליסט, ווערט זיין אידעאַליזם ניט אָבגעשוואכט, ווען עס איז נאָר פאַרהאַן א האָפענונג אויף בעסערע צייטען. ווען די ווירקליכקייט אָבער בעווייזט, אז די פערקירצונג פון די בעדערפענישען איז ניט קיין צייטווייליגע, נאָר אַ שטענדיגע, אז ניט א יאָהר אָדער אַ פּאָר, נאָר אייביג וועט אויסקומען צו ליידען און קוועלען זיך, ווערט אויסגעלאָשען די האָפענונג, עס לאָזען זיך אָב די הענד, עס פערשווינדט די ענערגיע און דער ווילען צו ארבייטען. דער קאָלאָניסט בעדויערט נור, וואָס ער האָט פערביטען א בעסער לעבען אויף אַנ'ערגערס. און דער אידעאַליסט פערלירט זיין גלויבען, ווייל קולטורעלע דעגראַדאַציע קאָן ניט זיין קיין אידעאַל. מאַכען יודען פאַר „פּויערים" — אין דעם זין, ווי מען פערשטעהט דאָס אין רוסלאַנד און גאַליציען — איז דערפאַר אַנ'אוטאָפּיע און אַנ'אומזין. יודען וועלען קיינמאָל קיין פּויערים ניט ווערען. און וועט מען אונטערנעהמען עטוואס אין

*) ווען איך בין געוועזען אין ארטוף האָבען מיר די דאָרטיגע קאָלאָניסטען דערצעהלט פאָלגענדעס: אין יאָהר 1904 איז ביי זיי געוועזען אוסישקין. מיט אַ ביסעל צייט צוריק איז ביי זיי געוועזען א שרפה, און אַ גרויסער טייל פון זייערע שטאַלען האָבען אָבגעברענט. אַ טייל פון די קאָלאָניסטען האָבען זיך דערפאַר געמוזט נאָך מעהר פעראייִנגען. געוועהנליך וואוינט יעדער ארטופער קאָלאָניסט אין איין צימער, וואָס דיענט צו גלייכער צייט אויך אַלס שפּייכלער, און איצט האָבען זיי זייערע אייזלעך און קיה אויך געדאַרפט אריינפיהרען אין דיזעלבע צימערען. ווען אוסישקין האָט דערזעהן די דאָזיגע „אידיליע", האָט ער געמאַכט די ברכה „שהחינו", און געזאָגט, אַז ער דאַנקט גאָט, וואָס ער האָט דערלעבט צו זעהען אמת'ע יודישע פּויערים.

דער ריכטונג, וועלען די רעזולטאטען געוויס זיין דיזעלבע, וואס פון דער ביז איצטיגער קאלאניזאציע אין פאלעסטינע — ד. ה. מען וועט פערזייהען פאר א רובל, און עס וועט אויסוואקסען פאר א דרייער.

מען דארף נאך ניט פערגעסען, אז דער יודישער קאלאניזאציאנס־עלעמענט שטעהט אין דעם זין פון ערדארבייטערישע טראדיציעס, פון ליעבע צו דער נאטור, פון קענען די ערדארבייט, פון צוגעוועהנט זיין צו שווערער פיזישער ארבייט און פון אויסגעהאלטענקייט אין דער ארבייט נידעריגער אפשר, איידער די קאלאניסטען פון אלע אנדערע פעלקער. און אויב ער קאן ווען עס איז פערנעהמען אנ'ארט ביי ערד, איז דאס נור מיט זיין העכערער ענטוויקלונג, מיט זיין פעהיגקייט צו לערנען און מיט זיין אידעאליזם. און אין דעם פרט איז דאס פעהלען פון פעסטע טראדיציעס אפטמאל אפילו א מעלה — וועט לייכטער זיין איבערצוגעהן צו נייערע העכערע פארמען פון ארבייט.

אין פאלעסטינע האט מען זיך אבער מיט דעם אלעמען ניט גערעכענט. און אויב ביי פלאנצונגען האט מען דארט דאך פיעל וועניג אבגעלערנט פון די פראנצויזישע אגראנאמען, איז מען אין פעלדארבייט געבליבען ביי די פרימיטיווע ארבישע ארבייטס־פארמען, וועלכע קאנען נאך ווי עס איז דערנעהרען די אראבער, אבער ניט די יודען. דאס איז אויך געוויס איינע פון די וויכטיגסטע סבות פון דער ארימקייט און אומפעסטקייט פון די קאלאניסטישע ווירטשאפטען.

צי איז אבער דארט מעגליך איבערצוגעהן צו העכערער אייראפעאישער ארבייט? ביי דער איצטיגער אינדיווידועלער ווירטשאפט כמעט ניט. יעדער קאלאניסט קאן נאך אויף א טייל פון זיין באדען אדער אויף זיין גאנצען באדען בענוצען אן אייראפעאישען פלוג. ווען דער גאנצער אייראפעאיזם בעגרעניצט זיך אבער נור מיט'ן פלוג (אהן איינצושפארען ארבייט דורך אנדערע מאשינעס, אהן בעמיסטיגונג און אהן אויסבעסערן דעם סדר פון די פעלדער), איז, ווי מיר האבען שוין געזעהן — יצא שכרו בהפסדו. די ערד גיט עטליכע יאהר מעהר ארויס; זי ווערט אבער גיך אויסגעמאגערט אויף א גרויסער טיעף און איז עלול גאר אויפהערען צו טראגען מיט דער צייט. קיין אנדערע מאשינעס בענוצען קאן יעדער קאלאניסט בעזונדער ניט. א זייה־מאשין דארף ער איינגאנצען אויף 3—4 טעג אין יאהר; א שנייד־מאשין אויף א וואך, די דרעשמאשין אויף א טאג, צוויי. צוליעב בענוצען זיך מיט די מאשינעס אויף אזא קורצער צייט לוינט זיי ניט צו קויפען. אויסנוצען די דאזיגע מאשינעס ווי געהעריג, איז נאר מעגליך בשותפות. ביי א פשוט'ער שותפות — ניט ביי אן ענגערער קאאפעראטיווער ארבייט — איז דארט אבער מעגליך צו בענוצען נור די שניידמאשין. ווייל ביים שניידען שטעהען דארט די וועטערן געוועהנליך גוט, און די פאלעסטינער ווייץ און גערשטען האבען נישט

שטאַרק מורא פאַר איבערשטעהן זיך אויפ'ן פעלד און פאַר'ן אויס־שיטען זיך פון די קערנער. דערפאַר זענען טאַקע אין פיעל קאָלאָ־ניעס פאַרהאַן שנייד־מאַשינעס. יעדע צוויי־דריי קאָלאָניסטען האָ־בען בשותפות א מאַשין. א זייה־מאַשין און א דרעש־מאַשין איז אָבער דאַרטען ביי א פּשוט'ער שותפות זעהר שווער אָדער אוממעג־ליך צו בענוצען. אין איין קאָלאָניע האָט מען געפּרובט קויפען בשותפות זייה־מאַשינעס, האָט מען זיי אוועקגעוואָרפען, און אַט פאַרוואָס. מיר האָבען שוין געזעהן, אז ביים פערזייהען קומט אויס אין פּאַלעסטינע צו לאַווירען צווישען די רעגענס. דער קאָלאָניסט זעהט אויסצונוצען דעם גוטען טאָג צו פערזייהען, וויפיעל ער קאָן. ווען צוויי קליינינסטען וואָלטען געהאַט א שותפ'ישע זייה־מאַשין און וואָלטען אפילו על פּי גורל זיך בענוצט מיט איהר, וואָלט איי־נער אין אזא צופעליגען גוטען טאָג פערזייהט זיין גאַנץ פעלד און וואָלט געהאַט א גוט יאָהר, און דער אַנדערער, וואָס וואָלט דעם טאָג אריבערגעלאָזען, וואַרטענדיג אויף דער מאַשין, וואָלט געבליבען אָהן א פערזייהט פעלד און וואָלט געהאַט אן אומגליקליך יאָהר. און דער ערשטער וואָלט זיך, פערשטעהט זיך, מיט'ן צווייטען ניט געטיילט: ער איז דאָך נאָר שותפות מיט איהם אין דער זייה־מאַשין, אָבער ניט אין די פּראָדוקטען פון זיין אַרבייט. אזוינע פאַלען האָבען באמת פּאַסירט און האָבען געבראַכט, מען זאָל אוועקוואַרפען די שותפ'ישע זייה־מאַשינעס. איצט זענען זייה־מאַשינעס פאַרהאַן נאָר אויף די פערמעס. עטוואָס עהנליכעס איז אויך מיט דער דרעש־מאַשין. איצט איז דאָס דרעשען איינע פון די אומגליקליכסטע, וואָלט איך זאָגען, אָפּעראַציעס אין דער פּאַלעסטינער ווירטשאַפט. אין משך פון צוויי־דריי חדשים זענען פערנומען די מענשען און די אַרבייטס־בהמות; די גאַנצע לופט איז פול מיט מעקענע און שטויב, וועלכע עסען אויס די אויגען און דריקען דעם אָטעם; די גאַנצע צייט נויי־טיגט זיך דער באַיאַדער אין א בעזונדערער שמירה, וואָס עס מאַכט אַן אַן איבעריגע הוצאה. מיט א גוטער דרעש־מאַשין (איצט זע־נען שוין פאַרהאַן מאַשינעס, וואָס צוהאַקען ניט די שטרוי און וואָס מען קאָן זיי דערפאַר בענוצען אין פּאַלעסטינע; אזא מאַשין קאָסט א 10—12 טויזענד פראַנק) וואָלט יעדער קאָלאָניסט געקאָנט האָ־בען זיין גאַנצע תבואה אויסגעדראָשען העכסטענס אין צוויי טאָג, און דאָס וואָלט איהם געקאָסט א 150—200 פר. (א העלפט דערפון וואָלט ער געקאָנט דערביי אָבשפּאָרען פון דעם עסען פון די אַר־בייטס־בהמות). די איבעריגע צייט וואָלט ער געווען פריי און די אַרבייטס־בהמות ניט אָבגעמאַטערט, און עס וואָלט מעגליך געווען כאָטש א טייל פונ'ם לייכטערן, ווייל דער שווערער באַ־דען ווערט פון היץ פערוואַנדעלט אין א שטיין, און עס איז איהם ניט מעגליך צו אַקערן פאַר'ן רעגען) צו אַקערן זומער־צייט, וואָס עס וואָלט זיך גוט אָבגערופען אויפ'ן איינטראַג פונ'ם קומענדיגען יאָהר. נאָר דאָ קומט ווידער די פראַגע וועגען דער שותפות. קיי־

נער וויל ניט זיין פון די לעצטע. ווער עס דרעשט אב פריהער, קאן זיך פריהער אויסצאהלען זיינע חובות און האבען א מזומנ'עם גראשען אין קעשענע, און דאס קאנען די קאלאניסטען, ווען עס קומט אויס צו ווארטען, ניט צוקוקען. אין דער סעדזשערער פערמע האט די אדמיניסטראציע אזא דרעשמאשין. האבען מיר דארטען די קאלאניסטען געזאגט: „ווען מיר וואלט אויסגעקומען צו זיין דער צוואנציגסטער, וואלט איך די דרעש־מאשין ניט גענומען, ווען קרויז (דער אדמיניסטראטאר) וואלט מיר אפילו צוגעצאהלט". אגב, איז אין פאלעסטינע פארהאן נאך א שטערונג: די רעגירונג לאזט ניט צונעהמען די געדראשענע תבואה פון פעלד, ביז זי מעסט ניט אב ביי אלעמען איהר חלק, דעם עשור.

ביי אן **ענגערער קאאפעראטיווער** ווירטשאפט וואלט מען די אלע שטערונגען געקאנט לייכט בעזייטיגען, אפילו די שטערונג מצד דער רעגירונג. ווייל אלס **איין** גרויסע ווירטשאפט, וואלט זי געקאנט אויסרעכענען זיך מיט'ן בעל־עשור, ווען זי וואלט ווען, אדער זי וואלט אליין געקאנט אבקויפען דעם עשור ביי דער רעגירונג, וואס עס גיט זיך איצט אויך איין ווען עס איז אין איינינע קאלאניעס. אזא קאאפעראטיווע ווירטשאפט וואלט געהאט נאך פיעל מעלות: מען וואלט געקאנט איינשפארען אויף געביידעס פאר די פיה און טיילווייז אויך אויף ארבייטס־פיה גופא; מען וואלט אויך געקאנט אבשפארען אויף אבצוימען די הויפען איינעם פון'ם אנדערן און אויף מאשינעס; מען וואלט געקאנט מאכען די נויטיגע פרובען א. אז. וו. און אז. וו.

בכלל וואלט א קאאפעראטיווע ווירטשאפט ניט אין אן ערך אויפגעהויבען די פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט. דער ציוניסטישער טוער דר. ד"ר רופין האט געגרינדעט א פאר קאאפעראטיווע גרופעס, און קוקענדיג אויף איהם, האבען אויך אנדערע (אין סעדזשערע, אין מגדל) אזוינע גרופעס געשאפען. און עס איז גענוג צוצוקוקען זיך צו דער ארבייט אין אזוינע גרופעס — איבערהויפט אין דגניה, וועלכע איז עלטער און בעסער ארגאניזירט, איידער די איבעריגע, מען זאל גלייך בעמערקען, אויף וויפיעל פראדוקטיווער און בעסער זייער ארבייט איז אין פערגלייך מיט דער ארבייט אין די פריוואטע, אינדיווידועלע ווירטשאפטען. נאר וועגען איינפיהרען קאאפעראטיווע ארבייטס־פארמען אין די אלטע קאלאניעס קאן, פערשטעהט זיך, קיין רייד ניט זיין. ווארטען אויף אנ'אויסבעסערונג פון זייערע ווירטשאפטען פון דער דאזיגער זייט איז דערפאר ניט מעגליך. די איינציגע מעגליכקייט אויסצובעסערען כאטש וויפיעל עס איז זייער צושטאנד ווענדט זיך איצט דערפאר דערהויפט דערפון, צי וועט זיך זיי איינגעבען צו פועל'ן ביי דער אדמיניסטראציע, זי זאל זיי העלפען פלאנצען, צי ניט.

צוקוקענדיג זיך צו דער גענויער הכנסה און הוצאה פון פיעלע ווירטשאפטען פאר תרע"א, קאן מען קומען צו פאלגענדע שלוסען:

1) ביי ש ל ע כ ט ע ר ארבייט איז אפילו ביי נאָרמאַלע בעדינגונגען זעהר שווער דורכצולעבען זיך. און ווען עס טרעפט נאָך אַזאַ צופאַל, ווי דאָס פאַלען פון די ארבייטס־בהמות, מוז דער קאָלאָניסט שוין אָנקומען צו אויסערליכער הילף. 2) ביים ארבייטען דורך אראבער און בכלל דורך פרעמדע ארבייטער, בעקומט דער אייגענטימער פונ'ם באָדען ניט גענוג אויף דורכצולעבען זיך, און 3) ביי אייגענער ארבייט טראָגט די פּאַלעסטינער ווירטשאַפט אריין ביי נאָרמאַלע בעדינגונגען דעם אייגענטימער נור דעם ווערט פון זיין ארבייט.

מיר האָבען בעטראַכט די אַלע פאַקטאָרען, וועלכע ווירקען אויף דער לאַנדווירטשאַפט אין פּאַלעסטינע. נור איידער מיר געהען איבער צו מאַכען אַ סך־הכל פון אַלץ, וואָס מיר האָבען געזאָגט ביז איצט, ווילען מיר נאָך זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען דער אינדוסטריע אין פּאַלעסטינע. עס איז ניט קיין צופעליגקייט, וואָס מען האָט ביז איצט גערעדט כסדר וועגען דער לאַנדווירטשאַפטליכער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע און מען האָט קיינמאָל כמעט ניט געשטעלט די פראַגע וועגען אינדוסטריעלער קאָלאָניזאַציע. איצט איז די אינדוסטריע אין פּאַלעסטינע זעהר אָרים. אויסער די רויהע פּראָדוקטען פון ערד־ארבייט, ווי תבואה און פרוכט, פיהרט פּאַלעסטינע אַרויס נאָר צוויי וויכטיגע מינים: ווײַן און זייף. די לעצטע ווערט געאַרבייט אויף די אָרטיגע אראַבישע פאַבריקלעך, אָפט זעהר פּרימיטיוו, פון די רעשטען פון דעם אייל. די לעצטע יאָהרען האָבען יודען אויך געגרינדעט אַ פּאָר אַזוינע פאַבריקלעך: אין חיפה, אין לוד, ביי מוצא. די פערשיעדענע נויטיגע פאַבריק־פּראָדוקטען: מאַשינעס, מעטאַלענע און גלעזערנע כלים, בעסערע קליידער און שיך, אפילו מעהל ווערען אריינגעפיהרט אין פּאַלעסטינע פון אַנדערע לענדער. די סבה פון אַזאַ אָרימקייט אין אינדוסטריע ליגט דער עיקר אין די נאַטור־בעדינגונגען פון פּאַלעסטינע גופא. ערשטענס, איז דאָס לאַנד אָרים אין הייץ־מאַטעריאַלען. פון די וועלדער, וועלכע זענען דאָרט אמאָל אפשר געווען, איז איצט כמעט קיין זכר ניט געבליבען; קיין שטיינקויהלען האָט מען אויך ביז איצט אין פּאַלעסטינע אין ערגעץ ניט געפונען. מען הייצט דאָרט איצט מיט קויהלען, וואָס מען ברענגט פון ענגלאַנד און בעלגיען, אָדער מיט נאַפט, וואָס מען ברענגט פון רוסלאַנד און אַמעריקע. צווייטענס, זענען ניטאָ אין פּאַלעסטינע קיין אייזען אָדער וואַסערע עס איז אַנדערע וויכטיגע מעטאַלען. קיין נאַטירליכע גינסטיגע בעדינגונגען פאַר אַ בעדייטענדער אינדוסטריע זענען דאָרט, הייסט עס, ניטאָ. די איצטיגע לאַגע פון טערקיי, ביי וועלכער זי קאָן אויף די אריינגעפיהרטע סחורות ניט ארויפלעגען קיין אָבצאָהל העכער ווי 7—11 פּראָצענט, לאָזט נאָך וועניגער ענטוויקלען זיך דער אינדוסטריע. ביי אַנדערע בעדינגונגען וואָלט אפשר אַ גרעסערער טייל פון די איצטיגע רויהע

פּראָדוקטען איבערגעארבייט געוואָרען אין לאַנד גופא. איצט לוינט אָבער בעסער ארויספיהרען די רויהע מאטעריאלען — וואָל, פעל, ווייץ — און איבערארבייטען זיי אויף די גוט איינגעאָרדענטע פאבּ־ריקען, למשל, אין ענגלאנד, און דערנאָך ברענגען די פּראָדוקטען: שטאָף, שיך, מעהל אין פּאַלעסטינע אריין, איידער איבערארבייטען די פּראָדוקטען אין לאַנד גופא און אריינפיהרען דערצו מאַשינעס און הייץ־מאַטעריאל. ווארטען אויף אַ שטאַרקע ענטוויקלונג פון אינדוסטריע אין פּאַלעסטינע אין דער צוקונפט קאָן מען דערפאר ניט.

ווען פּאַלעסטינע וואָלט פערמאָגט הייץ־מאטעריאל, וואָלט א טייל פון איהרע לאַנדווירטשאפטליכע פּראָדוקטען איבערגעארבייט ווערען אין לאַנד גופא. אויסער ווייז און בוימעל, וואָלטען אפשר אויך צוקער, פערשיעדענע איינגעמאכטסען א. ד. גל. ווערען וויכטי־גע ארטיקלען פון דעם פּאלעסטינער עקספּארט, און ביים ברעג פונ׳ם ים־המלח, וועלכער איז רייך מיט פערשידענע מינעראלען, וואָלט זיך אויך קאָנען ענטוויקלען אַ כעמישע פּראָדוקציע. נאָר ביים פעהלען פון הייץ־מאטעריאלען איז די ענטוויקלונג אפילו נור פון דער דאָזיגער ארט אינדוסטריע אונטער אַ פראַגעצייכען.

דער האַנדעל איז אויך ביז איצט אין פּאַלעסטינע ניט ענטוויקעלט. זיין ענטוויקלונג שטערען: ערשטענס, דאָס, וואָס דער אינערליכער מארק איז זעהר אָן אָרימער, ווייל די בעדערפענישען פון דער בעפעלקערונג זענען זעהר קליינע; צווייטענס — פעהלען גוטע וועגען און די וואָס זענען פארהאן, זענען ניט זיכער, און דריטענס איז אין פּאַלעסטינע ניטאָ קיין איין גוטער האפען. אפילו אין די בעסטע האפענס פון חיפו און יפו מוזען זיך די שיפען אבּ־שטעלען ווייט פון ברעג, און די סחורה קומט אויס אָך און איבער־צולאדען פון שיפלעך. א פּאָר חדשים אין יאָהר איז צושטעהן צו די דאָזיגע האפענס כמעט אינגאנצען אוממעגליך איבער די שטורעמס, וועלכע הערשען דאָרט. צי וועט פּאלעסטינע אמאָל פערנעהמען א בעזונדער וויכטיגען אָרט אין דעם האנדעל פון מזרח? בעהויפּטען דאָס אויף געוויס, ווי עס טוען איינינע ציוניסטען, טאָר מען בשום אופן ניט. אמאָל אין אַלטערטום, ווען דער גאנצער האנדעל איז געגאנגען אויף קאראוואנעס, האָט דער וועג צווישען אשור, בבל און פעניקיען פון איין זייט און פון מצרים פון דער אנדערער, געמוזט דורכגעהן דורך פּאלעסטינע און ווייטער דורך דעם סועץ. איצט אָבער זענען פאר די אלע לענדער, וועלכע ליעגען אין מזרח און צפון פון פּאלעסטינע, פארהאן נעהענטערע און בעסערע האַ־פענס, איידער די פּאלעסטינישע. דאָס איז ביירוט, אלעקסאנדרעטא און אנדערע אין סיריען. און דער מזרח־ברעג פון דעם סועץ־קאנאל איז ניט שטארק מסוגל צו קיין ישוב, ווייל ער שטעלט פאָר כמעט אינגאנצען אַ וויסטעניש.

שלום.

מיר האָבען אָנגעוויזען די סבות, די אויסווייניגסטע ווי די אינעווייניגסטע וועלכע האָבען ניט געלאָזען, עס זאָל זיך אויסבילדען אַ געזונטער און ענטוויקלונגס־פעהיגער יודישער ישוב אין פּאַלעסטינע, און געשטערט דער פערפעסטיגונג פון דער קאָלאָניסטישער ווירטשאַפט. די ווירקונג פון פיעל פון די אינווייניגסטע פאַקטאָרען און אויך פון אייניגע אויסווייניגסטע, וועט אין דער צוקונפט געווים זיך לאָזען אָבשוואכען, און די קאָלאָניזאציע וועט פון זיי וועניגער ליידען. צוויי זאכען אָבער ווערען קלאָר ביים נעהענטערן און אָהן פּניות'דיגען בעטראַכטען און שטודירען די קאָלאָניזאציע אין פּאַלעסטינע און די בעדינגונגען, וועלכע הערשען דאָרט. דאָס איז ערשטענס: **אַז קיין בעדייטענדער יודישער ערד־אַרבייטערישער אָדער אינדוסטריעלער ישוב וועט זיך קיינמאָל אין פּאַלעסטינע ניט אויסבילדען**, ווייל דערצו פעהלען דאָרט די נויטיגסטע בעדינגונגען. 1) עס איז דאָרט כמעט ניטאָ קיין פרייער ניט בעארבייטעטער באָדען. יעדער שטיקעל באָדען ווערט שוין דאָרט איצט בעצאָהלט מיט גראָב געלד, און מיט יעדען יאָהר ווערט דער באָדען טייערער, ווייל ער איז ניט בנמצא. בעזעצען **פיעל** יודען אויף **וועניג** באָדען דורך איינפיהרען אַ העכסט אינטענסיווע ווירטשאַפט איז אַן אוטאָפּיע, ווי מיר האָבען אויבען געזעהן. 2) פּאַלעסטינע איז שוין איצט גאַנץ געדיכט בעזעצט; די אראבער בילדען דאָרט אַן אומגעהויער גרויסע מעהרהייט — העכער 80 פּראָצ. פון דער גאַנצער בעפעלקערונג; די בעוועגונג פון די אראַבער ארום פּאַלעסטינע, וועלכע וואַכען אויף צו אַ זעלבשטענדיגען נאַציאָנאלען לעבען, וועט נאָך מעהר פערשטאַרקען דעם אראַבישען עלעמענט, ווייל זי וועט מיטהעלפען זיין ענטוויקלונג; יעדע נייע יודישע קאָלאָניע פערשטאַרקט איצט אויך דעם אַראַבישען עלעמענט און מאכט נאָך שווערער די ווייטערדיגע יודישע קאָלאָניזאַציע. 3) אין פּאַלעסטינע פעהלען די נויטיגסטע בעדינגונגען פאַר דער ענטוויקלונג פון אַן אינדוסטריע — קויהלען און מעטאַלען. און צווייטענס: **אַז אין פּאַלעסטינאַ קאַן זיך ניט אויסבילדען קיין נאַטירליכער און ענטוויקלונגס־פעהיגער יודישער ישוב**, ווייל דער פּראָצענט, וואָס די ערד־ארבייט אין פּאַלעסטינא טראָגט אריין איז אַזוי קליין, אַז עס איז אַ ספק, צו וועלען יודישע קאַפּיטאַליסטען אָדער בכלל רייכערע יודען וועלען אריינלעגען אהין זייערע קאַפּיטאַלען. און וועלען זיך יאַ געפינען אַזוינע רייכע לייט, וואָס וועלען קומען אין פּאַלעסטינא כדי דאָרט מאַכען אַ לעבען, וועלען זיי זיך מוזען בענוצען מיט וואָלוועלע אראַבישע הענד און דער יודישער ישוב וועט זיך דורכ־

דעם פּאקטיש כמעט ניט פּערגרעסערן. און ווען דער אָדער יענער וועט אפילו נעהמען יודישע ארבייטער, וועט זייער ארבייטס-לוין מוזען זיין — איבער דער ארומיגער וואלוועלער ארבייט — אַזוי נידעריג, אז זיי, די ארבייטער, וועלען גאָר נישט קאָנען אנשפּארען און וועלען אליין קיינמאָל ניט קאנען זיך קאָלאָניזירען. זיין אָבער שטענדיג אַנ׳ארבייטער ביי ערד און דאַרפען שטענדיג אויסקומען מיט זעהר וועניג — דאָס איז ניט קיין אנציהענדע פּערספּעקטיוו פּאר׳ן יודישען ארבייטער, און ער וועט דערפאר אין פּאַלעסטינא קיינמאָל זיך לאַנג ניט האַלטען*). די הויכע פּרייזען אויף באדען און די גרויסע הוצאות ביים איינאָרדנען זיך מאכען שווער פאר׳ן מיטעלען אידען צו איינאָרדנען זיך אין פּאַלעסטינא אָהן דער הילף פון א קאָלאָניזאַציאָנס - געזעלשאפט. און די לעצטע מוז ביים איינאָרדנען א קאָלאָניסט שפּארען אין באָדען. די קינדער פון די קאָלאָניסטען וועלען דעריבער ניט האָבען ביי וואס צו בלייבען און וועלען מוזען זיך צופּאהרען פון לאַנד. די נאַציאָנאלע פּערמעס זע־נען נור קינסטליכע פּלאנצונגען, וועלכע קאסטען אונגעהויער פיעל און האָבען פאר דער פּערגרעסערונג פון׳ם ישוב א גאנץ קליינע בע־דייטונג. האָפען, אז אין פּאַלעסטינע וועט זיך אמאָל אויסבילדען אַן עקאָנאָמישער צענטער, וועלכער וועט אין זיך קאָנען ארייננעמען א בעדייטענדען טייל פון דער יודישער עמיג־ראַציע, קאָנען דערפאר נאָר מענשען, וועלכע ווילען זיך ניט רעכע־נען מיט דער ווירקליכקייט און לעבען אין עולם הדמיון.

דאָס וואָס עס איז אפשר נאָך יאָ מעגליך פאר יודען אין פּאַ־לעסטינע, איז — דאָ און דאָרט, פונאַנדערגעווארפען איבער׳ן לאַנד, קויפען קלענערע שטיקלעך באָדען און בויען אויף זיי מיט דער הילף פון אַ קאָלאָניזאַציאָנס-חברה, — קליינע קאָלאָניעס פון אינדיווידועלע קאָלאָניסטישע ווירטשאפטען אָדער פון קאָאָפּעראַ־טיווע גרופּעס. און כאָטש די בעדינגונגען פון דער ארבייט זענען דאָרט זעהר און זעהר שווערע, דאָך ווען מען זאָל פיהרען אַן אויס־גערעכענטע ווירטשאפט, און פלייסיג ארבייטען און בעזונדערס, אויב מ׳וועט איינפיהרען העכערע פאָרמען פון ארבייט, און ווען עס וועלען ניט טרעפען קיין אומגליקען, וועט מען פיליכט אין אַזוינע קאָלאָניעס זיך קאָנען דורכלעבען ווי עס איז אויך אָהן צדקה.

נאָר עס וואָלט געוואונשען געווען, דער יודישער עולם זאָל מעהר בעקאנט זיין מיט דעם, וואָס מען קאָן באמת ערווארטען פון ארבייטען אין פּאַלעסטינע, מען זאָל איהם געבען ריכטיגע, ניט בעפּוצטע ידיעות און גענויע ציפערן וועגען דעם, וואָס עס דארף קאָסטען איינאָרדנען אין פּאַלעסטינע די אָדער יענע ווירטשאפט,

---

*) גענויער וועגען דעם זעה דעם נעכסטען אַרטיקעל איבער „דער ארבייטער פראגע אין פּאַלעסטינע“).

— אַ פעלד־אָדער פלאַנצונגס־ווירטשאַפט — און וואָס קאָן זי טראָגען, כדי די, וואָס האָבען ניט די מעגליכקייט איינצואָרדענען זיך דאָרט פּ ע ס ט, זאָלען ניט פאָהרען אהין און רואינירט ווערען, און די, וואָס פאָהרען, זאָלען וויסען פאָראויס, וואָס זיי האָבען צו וואַרטען, און זאָלען דערנאָך קיין חרטה ניט האָבען און אין יאוש ניט אריינפאַלען.

איך וועל דאָ דערווייל אָנווייזען די קאַטעגאָריעס יודען, וועלכע מען טאָר פאַר קיין פאַל ניט ראטען צו פאָהרען אין פּאַלעסטינע. דאָס זענען : 1) די, וואָס זוכען גליקען, וואָס ווילען אין פּאַלעסטינע ר י י ך ווערען. רייך ווערען אין פּאַלעסטינע ביי ערדאַרבייט איז אָהן נסים אוממעגליך. רייכע לייט זענען איצט אין פּאַלעסטינע נאָר די, וואָס האָבען זיך אַמאָל געריבען ביי דעם באַראָנס מיליאָנען, — וואָס זענען אליין געוועזן אדמיניסטראַטאָרס אָדער געשטאַנען נאָהענט צו זיי — אָדער די, וואָס זענען געקומען אין פּאַלעסטינע שוין מיט פיעל געלד. 2) די, וואָס זוכען אַ גרויסען פּראָצענט אויף זייער קאַפּיטאַל. 4—6 פּראָצענט דאָס קאָן מען ערוואַרטען ביי געוועהנליכע בעדינגונגען און ביי א י ג ע נ ע ר אַרבייט. אַלענפאַלס איז דער פּראָצענט, וואָס די ערדאַרבייט טראָגט, בעדייטענד קלענער, איידער דער געוועהנליכער פּראָצענט אויף געלד אין פּאַלעסטינע. 3) די, וואָס ווילען אָדער קאָנען אליין פיזיש ניט אַרבייטען, ווען זיי האָבען נאָר ניט קיין גענוגע מיטלען אויף פלאַנצען אָדער אַ גרויסען גאָרטען אָדער אַ גרויסע באַיאַרע. 4) די, וואָס האָבען גרויסע פאַמיליעס און ווענִיג אַרבייטס־הענד אין דער פאַמיליע, אַזוינע וועלען נאָר פּטר'ן דאָס געלד, וואָס זיי האָבען און וועלען ניט דערגרייכען דאָס, צו וואָס זיי שטרעבען.

II.

די ארבייטער פראגע אין פאלעסטינע.

ווי וועגען אלץ, וואס האט א שייכות צום יודישען ישוב אין פאלעסטינע, אזוי הערשט אויך אויף דער יודישער גאס וועגען די יודישע ארבייטער און דער יודישער ארבייט אין פאלעסטינע אדער אונוויסענהייט, אדער א מטושטש׳ער בעגריף. און יודישע ארביי־טער פאהרען אפט אין פאלעסטינע, ווייל זיי פערלאזען זיך אויף די „ידיעות", וואס די ציוניסטישע צייטונגען ברייגנען; און ווען זיי קומען אהין און איבערצייגען זיך — אבער שוין צו שפעט — אין דער „ריכטיגקייט" פון די דאזיגע ידיעות, זוכען זיי א געלעגענהייט צוריקצולויפען און פאלען אפט אריין אין יאוש.

איך וועל דערפאר פרובען דא אויפ׳ן גרונד פון מיינע בעאב־אכטונגען געבען א ריכטיג בילד פון דעם יודישען ארבייטער און זיין לעבען אין פאלעסטינע.

1

צוערשט וועגען די לאנדווירטשאפטליכע ארבייטער, לויט די ציפער, וואס זענען אנגעגעבען געווארען אויף די קאנפערענצען פון די יודישע לאנדווירטשאפטליכע ארבייטער אין יהודה און אין גליל, און לויט דער סטאטיסטיק, וואס איך אליין האב געזאמעלט אין יעדען ארט בעזונדער זענען איצט (תרע"ב) איננאנצען פארהאן אין ארץ ישראל, ביז 500־600 יודישע לאנדווירטשאפטליכע ארבייטער, זיי ווערען איינגעטיילט לויט די קאלאניעס פאלגענדער־ווייזע:

אין יהודה

אין פתח־תקוה—100־200 (*; ראשון לציון—8 (**; וואדי־חנין — 4; באר יעקב — 2; רחובות — 15; חולדה — 29; גדרה — 1; לוד — 45, סך הכל — 204־304.

אין שומרון:

אין חדרה—20; זכרון***)—4; שפיה — 1; אטליט — 4; ס"ה 29.

---

*) די צאהל שטענדיגע אשכנז׳ישע ארבייטער אין פתח־תקוה איז 70־100; נור צוזאמען מיט די יודישע באיארזשעס (אויפפאסער פון אפעל־סינעס גערטנער), יודישע שומרים אין גאנצע פאמיליעס, פון וועלכע עס ארבייטען אפט די טאטעס מיט די זיהן און טעכטער, זאגען אייניגע אין פתח־תקוה, אז די צאהל קאן דערגרייכען ביז 200.

**) און ביי 15 ארבייטער אין וויין־קעלער.

***) און א פאר ארבייטער אין וויין־קעלער.

א י ן ג ל י ל

אין חיפה — 2; מרחביה — 68; כנרת — 31; פוריה — 30; מלחמיה — 4; מעסחא — 4; יעמא — 5; מצפה — 4; סעדזשערע — 12; מגדל — 73; דגניה — 15. ס"ה 248.

אויסערדעם זענען נאָך אין איניגע קאָלאָניעס פארהאַן שומרים: אין רחובות — 14; חדרה — 13; מרחביה — 2; מעסחא — 3; יעמא — 3; בית־גן — 2; פוריה — 1; כנרת — 2; מצפה — 1; סעדזשערע — 2; ס"ה 43.

און אלע צוזאַמען 524־624 יודישע ארבייטער.

די צאָהל פון אלע געדונגענע ארבייטער אין די פאַלעסטינער יודישע קאָלאָניעס איז אָבער ניט אין אַנ'ערך גרעסער. אין פּתח־תקוה אליין ארבייטען דורכ'ן יאָהר טעגליך פון 1000 ביז 3000 אראַבער; אין ראשון — מאָנאַטליכע און טאָג־ארבייטער — ביז 800־1200 אראבער; אין רחובות—500־700; אין וואדי־חנין— ביז 150; אין חדרה—500. אריינגעהענדיג אין חדרה, גלויבט איהר ניט אז איהר זענט געקומען אין א יודישער קאָלאָניע; כמעט אז איהר זעהט אויף די גאַסען קיין יודען ניט, נאָר אויסשליסליך אראַבער. די גרויכע צאָהל אראבער וואַרפט זיך אויך אין די אויגען אין זכרון־יעקב. אין עקרון (40 קאָל.), גדרה (23 קאָל.) און קאַסטינע (19 קאָל.)—צוזאמען 82 קאָלאָניסטישע פאַמיליעס—איז ביי יעדען קאָלאָניסט פארהאַן וועניגסטענס צו איין שטענדיגען אראבישען ארבייטער, אין גליל התחתון מיט זיינע 137 קאָלאָניסטישע פאַמיליעס (מלחמיה — 21; סעדזשערע — 22; יעמא — 31; בית־גן — 11; מעסחא — 36; מצפה — 8; כנרת — 8) ארבייטען נור א 40 קאָלאָניסטען אָהן דעם הילף פון שטענדיגער געדונגענער ארבייט, און 16 קאָלאָניסטען האָבען יודישע ארבייטער. די אלע איבעריגע 80 פאַמיליעס האָבען אראבישע ארבייטער. אין גליל העליון מיט זיינע 127 קאָלאָניסטישע פאַמיליעס (עין־זיתים — 6; ראש־פנה — 42; משמר־הירדון — 15; יסוד־המעלה —32; מעטולע — 32) איז ניטאָ קיין איינציגער יודישער ארבייטער; אָבער יעדער קאָלאָניסט האָט דאָרטען וועניגסטענס איין אראַבישען ארבייטער.

אויף דעם יודישען ארבייטס־מארק אין פאַלעסטינע הערשט אלזא דער אראבישער ארבייטער, און נור מיט גרויס מיה רוקט זיך וואו ניט וואו דורך דער יודישער ארבייטער אויך. נור אין אזוינע ערטער, וואו מען נעהמט דעם אראבישען ארבייטער פּ ר י נ ־ צ י פּ ע ל ניט צו: אין די נאַציאָנאַלע פערמעס (ליד, חולדה, כנרת) און אין די פּריוואַטע ציוניסטישע פערמעס (מגדל, פוריה), אָדער אין די קאָאָפּעראַטיווע גרופּען (דגניה, מרחביה און אגודה), וואו די חברים ארבייטען אליין פאר זיך, דאָרטען געפינט זיך דער יודישער ארבייטער אין א גרעסערער צאָהל. אין די פּריוואַטע קאָ־

לאָניסטישע ווירטשאפטען אָבער סיי ביי פלאנצונגען, סיי ביי פעלד־ארבייט אין זייער צאָהל אונבעדייטענד אין פערגלייך מיט די אראַבישע ארבייטער. און די לאגע איז אזא, אז ווען אַ יודישער בעל־הבית הויבט אָן צוצונעהמען יודישע ארבייטער, איז דאָס אַ גאַנצע געשעהעניש. אין פּתח־תקוה איז פארהאַן איין בעל־באיארע — הער ק., וואָס בענוצט זיך מיט יודישע ארבייטער, איז ער מיט זיין דאָזיגער „זאַנדערבאַרקייט" בעקאַנט אין גאַנץ יהודה.

קיין טענדענץ זיך צו פערמעהרען האָט דער יודישער ארבייטער אויך ניט, די פאקטען ווייזען זאגאר אַ געגענזעצליכע טענדענץ: אין זכרון, למשל, איז מיט אַ צוויי־דריי יאָהר צוריק געווען ביז 60 יודישע ארבייטער, און איצט נור — 4; אין גדרה איז דאַמאָלסט געווען 12 יודישע ארבייטער, איצטער נור 1. אין עקרון איז דאמאָלסט געווען 8 יוד. ארבייטער, אין מעטולע — 12, אפילו אין ראש־פּנה און קאַסטינע זענען דאן געווען צו עטליכע ארבייטער, און איצט איז אין די אַלע קאָלאָניעס אפילו קיין איינציגער יודישער ארבייטער ניטאָ. און אויך אין ראשון, רחובות און אַנדערע קאָלאָניעס האָט זיך די צאָהל פון די יודישע ארבייטער פערקלענערט, דער יודישער ארבייטער איז נאָך ביז היינטיגען טאָג אין די פריוואַטע קאָלאָניסטישע ווירטשאפטען אַ פלאַנצונג, וואָס נעהמט זיך זעהר שווער צו; ער איז ניט בכח אויסצוהאַלטען די קאָנקורענץ מיט'ן אראבער און ווערט נאָך אפילו דורך איהם ארויסגעשטויסען פון די ערטער, וועלכע ער, דער יוד, האָט אמאָל מיט גרויס מיה פערנומען.

וואו זענען די סבות דערפון?

2.

מיר געהען דאָ צו צו דער פראגע, וועלכע איז כמעט די ברענענדסטע אין ארץ־ישראל. די ארבייטער און אַ טייל פון די ציוניסטען האָבען פערשטאַנען, אז יודיש געלד מאכט נאָך ניט פּאלעסטינע פאר אַ יודיש לאַנד, כל זמן די ארבייט איז דאָרט ניט קיין יודישע; אז לאַנד אָהן א ר ב י י ט האָט קיין שום בעדייטונג ניט פאר דער יודישער מאכט אין פּאַלעסטינע;" אז ביי די איצטיגע בעדינגונגען ווערט די גאַנצע יודישע קאָלאָניזאציע אין פּאַלעסטינע געבויט אויף זאמד, אָדער בעסער אויף אַ וואולקאַן. דער אָרימער, דערשלאָגענער, אונקולטורעלער אראבער וועט זיך סוף כל סוף ענטוויקלען און וועט דערזעהען די יודישע קאָלאָניעס מיט אַ קליינער יודישער בעפעלקערונג, ער וועט זיך דערוויסען, אז זיינע הענד און זיין שוויים האָבען געשאַפען די דאָזיגע רייכקייט און ער וועט גאַנץ דרייסט און אָפען דערקלערען זיינע רעכט אויף דער דאָזיגער רייכקייט".

כמעט אין אלע קאָלאָניעס — און איבערהויפּט אין יהודה און שומרון — איז די צאָהל פֿון די אראבישע ארבייטער גרעסער, איידער די ג אַ נ צ ע יודישע בעפעלקערונג אין זיי. אין פּתח־תקוה, למשל, וואו די גאנצע יודישע בעפעלקערונג בעשטעהט (אין תרע"א) פון 1681 נפשות, ארבייטען ביז 3000 אראַבער; אין ראשון מיט איהרע 1200 אראבישע ארבייטער איז פאַרהאַן א יודישע בעפעלקערונג נור פון 928 נפשות; אין חדרה מיט איהרע 500 אראַבישע ארבייטער סך הכל 180 יודישע נפשות. און כמעט דאָס אייגענע אויך אין די איבעריגע קאָלאָניעס.

און דאָס, וואָס די יודישע קאָלאָניעס בויען זיך אויף אראבישע ארבייט, שטערט דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פֿון דעם יודישען ישוב אין פּאַלעסטינע. האָבען די ארומיגע אראבער ארבייט, האָבען זיי אויך געלד; בעפלאַנצען זיי זיך ביסלעכווייז און בעפעסטיגען זיך אַלץ מעהר פון יאָהר צו יאָהר. די יודען גרייטען זיך אויף אַזאַ אופן צו ביי דער זייט שטארקע שכנים, וועלכע ווילען שוין ניט פערקויפען זייער באָדען, און וועלכע די יודען וועלען קיינמאָל ניט קאָנען בייקומען. עס איז גענוג זיך צו בעקאָנען מיט דעם איצטיגען צושטאַנד און מיט דער פערגאַנגענהייט פון די אראבישע דערפער סעראפענד און בית־דגן ארום ראשון לציון, כדי עס זאָל ווערען קלאָר, אז דער געדאנק איז ריכטיג, „דאָס איז א סוד, וועלכער איז בעקאנט יעדערען, וואָס אינטערעסירט זיך מיט דעם יודישען ישוב אין ארץ־ישראל, אז יעדע יודישע משפחה, וואָס בעפעסטיגט זיך אין יהודה, פערפעסטיגט פינף אראבישע משפחות און מיט יעדען יודישען קאָלאָניסט אין גליל קאָלאָניזירען יודען 2־3 א ר א ב י ש ע פ א מ י ל י ע ס. מען צושטערט אַלזאָ מיט אַ האַנד דאָס, וואָס מען בויט אויף מיט אַ פינגער".*)

און וועט דאָס אויך ווייטער אזוי געהן, זאָגען די ארבייטער, וועלען די יודען אין ארץ־ישראל אַלע מאָל אויסמאַכען נור א קליינע מינדערהייט און דאָרט וועט זיין דער זעלבער גלות, וואס אין אנדערע לענדער.

אויב מען זאָל ניט רעכענען אַ טייל פון דעם באראנס קאָלאָניסטען, וועלכע ווייזען ארויס ווענינ אינטערעס צום וואַקסען פון'ם ישוב, אָדער זענען גאָר געגנער פון זיין פערגרעסערונג, פערשטעהען אַלע איבעריגע קאָלאָניסטען זעהר גוט די ריכטיגקייט פון די דערמאָהנטע טענות. אזוינע גוטע ציוניסטען, ווי די העררען ראזאוו, לעוואָנטין און מרדכי בן הלל הכהן**) למשל, פערשטעהען די טענות אודאי און דאָך נעהמען זיי ניט צו קיין יודישע ארבייטער צו דער ארבייט, און פיעל פון יענע, וואָס זענען פריהער אליין געווען ארביי־

*) זעה א. מוטשניקס אַרטיקעל אין הצפירה, ווארשא, 1912 נומ. 28.

**) ראזאוו האָט א באיארע אין פּתח־תקוה, די אַנדערע צוויי אין ראשון.

טער און געקעמפפט פאר „איינגעהמען די ארבייט“, האבען נאכדעם, ווי זיי זענען אליין געווארען קאלאניסטען, געפעלשט אן זייערע חברים און בענוצען זיך ביי דער ארבייט מיט פרעמדע, ניט יודישע ארבייטער.

איינינע קאלאניסטען בעהויפטען, אז די וויכטיגסטע סבה, פאר וואס מען נעהמט ניט צו קיין יודישע ארבייטער איז דאס, וואס מען קריגט זיי ניט. נאר אזא ערקלעהרונג איז פון גרונד אויס פאלש, וואו מען נויטיגט זיך אין דעם יודישען ארבייטער אין ארץ־ישראל, געפינט מען איהם שטענדיג. אין די נאציאנאלע פערמעס פעהלען קיין יודישע ארבייטער קיינמאל ניט אויס. פערקעהרט, שטענדיג קאן מען נאך אין די קאלאניעס טרעפען א גרויסע צאהל יודישע יונגע לייט, וואס ניט ווילענדיג געהען זיי ארום לעדיג, ווייל זיי בעקומען קיין ארבייט ניט. אויף דער קאנפערענץ פון די יהודה'ר ארבייטער אין פתח־תקוה האט מען איבערגעגעבען א פאקט, אז א יודישער ארבייטער האט געזוכט ארבייט אין א קאלאניע, האט אבער ניט געפונען און איז א געוויסע צייט אומגעגאנגען צו די קאלאניסטען עסען טעג. און וואלט אין פאלעסטינע ווירקליך געווען א פאדערונג אויף יודישע ארבייטער, וואלטען זיי זיכער קיינמאל ניט געפעהלט. אין אמעריקע לאזט מען קיין קול קורא'ס ניט ארויס צו די יודען אין רוסלאנד, זיי זאלען פאהרען אהין, און דאך הערט ניט אויף די עמיגראציע אהין. יעדער איינער, וועלכער האט זיך איינגעארדענט אין אמעריקע, רופט געוועהנליך אליין צו זיך זיינע קרובים און פריינד. און ווען אין פאלעסטינע וואלט געווען מעגליך פאר נייע אנגעקומענע ארבייטער זיך איינצוארדענען, ד. ה. ווען מען וואלט זיך גענויטיגט אין זיי, וואלטען די ארבייטער, וועלכע זענען דארט שוין איצט פארהאן, געוויס ארויסגעבראכט אהין זייערע פריינד און בעקאנטע און עס וואלט דארט גאר אהן אלע קול קורא'ס שטענדיג געווען גענוג יודישע ארבייטער.

די סבות, איבער וועלכע דער קאלאניסט גיט אפ דעם אראבישען ארבייטער דעם פארצוג, ליעגען פיעל טיעפער; און ניט איין סבה, נור פיעל סבות זענען פארהאן דערצו. אייניגע פון זיי זענען מעהר וויכטיג, די אנדערע וועניגער, אייניגע זענען שטענדיגע, די אנדערע צייטווייליגע, אייניגע ווירקען שטארקער אין די פלאנצונגס־קאלאניעס, די אנדערע אין די פעלד־ווירטשאפטליכע קאלאניעס.

3.

די הויפט סבות, פערשטעהט זיך, זענען עקאנאמישע, אויפ'ן ערשטען פלאן שטעהט דאס, וואס דעם יודישען ארבייטער, כדי ער זאל קאנען עקזיסטירען, מוז מען צאהלען טייערער, איידער דעם אראבער, די בעדערפענישען פון דעם אראבער זענען וואונדערליך

קליין. עטליכע פּתות (האַלב רויהע אראבישע ברויטלעך) זענען איהם גענוג אויפ'ן טאָג צום עסען. א ציבעלע, עטליכע טייטלען. טרויבען־צייט א הענגעל טרויבען צו די פּתות — הייסט שוין ביי איהם א מאָהלצייט. אין דער צייט פון וואנדאזש (טרויבען הערבּ־סטען), זאָגט מען, בענוגענט ער זיך מיט זיינע ווייבער און קינדער, וועלכע געהען אלע אויף דער ארבייט, מיט טרויבען אליין דעם גאַנ־צען טאָג. זיינע קליידער בעשטעהען פון א לאנגען העמד, פון א פאטשיילקע אויפ'ן קאָפּ, מיט אַ שווארצען וואָלענעם באַנד ארומ־געדרעהט, און א שטיק גראָבען שטאָף אלס אויבער־בגד. דאָס קאָסט איהם אין גאנצען 12-15 פראנק אַ יאָהר, קליידונג פאר א פרוי קאָסט איהם ביז 6 פראנק א יאָהר, א דירה האָט דער ארבייטער אין נאָהענטען דאָרף, אויב ער איז א מאָנאַטליכער ארבייטער, שלאָפט ער ביים בעל־הבית אין שטאַהל צוזאַמען מיט די פערד. אין אייניגע ערטער: אין משמר־הירדן, און יסוד־המעלה א. א. מאכען זיך די אראבישע ארבייטער ביידלעך נעבען דער קאָלאָניע, אלענ־פאלס קאָסט זיי דירה געלד ניט און דער יודישער בעל־הבית איז אויך ניט געצוואונגען צו געבען זיי א דירה. די קינדער פון דעם דאָרפישען אראבער ווייסען נאָך ניט פון קיין שול; און ווי זיי וואקסען נור א ביסעל אונטער, שיקט זיי דער פאָטער אויף ארבייט. ער שיקט אויך אויף ארבייט זיינע ווייבער, וועלכע זענען אייגענט־ליך זיינע דיענסטען, דערפאר איז קיין וואונדער ניט, וואָס פון זיין קליינעם ארבייט־לוין — 5-8 גרוש*) א טאָג, אָדער 25-28 פראַנק א מאָנאט (די ווייבער און קינדער בעקומען 2½-5 גרוש א טאָג) קאָן נאָך דער אראבישער ארבייטער עטוואָס אָבשפּאָרען.

דער יודישער ארבייטער קאָן זיך אָבער מיט אזוי וועניג ניט בעגעהן. ערשטענס, מוז ער האָבען א דירה, און דאָס קאָסט אין א קאָלאָניע צום וועניגסטען 4-6 פראנק א מאָנאַט. אויב ער איז א מאָנאַטליכער, מוז איהם דער בעל־הבית פערזאָרגען מיט א דירה. און מיט די דערמאָנטע אראבישע קעסט קאָן ער אויך ניט אויסקומען.

אמת, ווען איהר קוקט אריין אין קאָרב פון דעם יודישען ארבייטער — אין פּתח־תקוה למשל — ווען ער געהט צו דער ארבייט, זעהט איהר דאָרט אויך ניט גאָר קיין רייכען מיטאָג: אַ שטיקעל ברויט, אַ שטיקעל חאַלווא, אַ פאָר שטיקלעך צוקער, ווען עס איז אַנ'איי, א טאמאטע, און ווען גאָר רייך — א שטיקעל קעז. דערפאר אָבער אווענד־צייט, ווען ער קומט פון דער ארבייט, חאפט ער זיך געוועהנליך אריין אין אַנ'ארבייטער־האָטעל און נעהמט אַ טעלער זופּ, אמאָל אויך אַ שטיקעל פלייש, און אָט די „קעסט" קאָסט ניט וועניגער, ווי 30-35 פר., א מאָנאַט. א ביסעל בעסערע אר־

*) אַ גרוש — 6-7 קאָפּיקעס — 3 - 3½ סענט; אַ פראנק — 37½ קאָפּ — אנ'ערך 20 סענט.

בייטער־קעסט אין א פריוואט הויז — לאנג עסען אין אנ'ארבייטער האטעל איז שווער, ווייל מען לעבט דארט גאנץ אפט אן א מאגען־קאטער — קאסט שוין ניט ווענינער, ווי 40 פר. א מאנאט. דעם מאנאטליכען ארבייטער גיט געוועהנליך קעסט דער בעל־הבית און רעכענט איהם דערפאר 35 פר. א מאנאט.

בכלל קאסט דאס לעבען אין די פאלעסטינער קאלאניעס פיעל טייערער, ווי אין רוסלאנד — ווען מיר זאלען עס פערגלייכען ניט מיט א פעטערבורג אדערווארשא, פערשטעהט זיך, נאר מיט א שטעדטעל פון תחום. ברויט קאסט דארטען 5־7 קאפיקעס א פונט, פלייש 24־32 קאפ. א פונט, מילך 2־6 קאפ. א גלאז, פוטער 50־90 קאפ א פונט, אייער 15־25 קאפ א צעהנליג, קארטאפעל 2־3 קאפ א פונט א. ד. ג. אמת דארטען קאסטען אביסעל ביליגער פערשיע־דענע גרינסען, פרוכטען און בוימעל, אבער ערשטענס איז דאס ניט דאס גאנצע יאהר פארהאן, און צווייטענס קאן ניט יעדע בעל־הבית'־טע צוגרייטען פון דעם געשמאקע מאכלים.

דעם יודישען ארבייטער מוז מען אלזא צאהלען טייערער, איידער דעם אראבער, כדי ער זאל נור קאנען בעפרידיגען זיינע נויטיגסטע בעדערפעגישען. מיר וועלען לאזען אן א זייט אזוינע זאכען, ווי קליידער, שיך, א ביכעל א. ד. ג.; קעסט מיט א דירה אליין בעטרעפען 35־40 פר. א מאנאט, וואס עס מאכט אוים, ווען מען זאל רעכענען 26 ארבייטס־טעג אין חודש, — 8־10½ גרוש א טאג, אין דער אמת'ן אבער, ווי מיר וועלען שפעטער זעהן, קומט דעם יודישען ארבייטער כמעט קיינמאל ניט אוים צוארבייטען אזוי פיעל טעג אין חודש: ווינטער צייט די רעגענס און זומער צייט (און אפט אויך אין ווינטער) די קדחת רויבען ביי איהם אוועק פיעל טעג אין יאהר.

דער איצטיגער לוין פון דעם יודישען ארבייטער אין פאלעס־טינע איז געוועהנליך 7־12 גרוש (45־75 קאפ.) א טאג, אדער, אויב מאנאטליך, דירה, קעסט, און 10־15, זעלטען 20 פר. נידריגער, ווי מיט דעם לוין, איז שוין כמעט אונמעגליך אויסצוקומען.

א געוויסע צייט האט ה. אוסישקין אפילו גע'עצה'ט די יודישע יונגע לייט „זיי זאלען קומען אין די יודישע קאלאניעס און פאר־לעגען זייער ארבייט פאר דעמזעלבען לוין ווי די אראבער, זיי זאלען לעבען אין די זעלבע שווערע בעדינגונגען, ווי עס לעבט א געוועהנ־ליכער סאלדאט אין דער קאזארמע", און עס האבען זיך דאמאלסט אפילו געפונען אזוינע יודישע ארבייטער, וועלכע האבען געהאלטען פאר צ ד ק ה דאס, וואס מען צאהלט זיי טייערער נור פאר זייער יודישקייט. ביי אזוינע פעסטע פרינציפען איז אבער שווער געוועז לאנג זיך צו האלטען. ווען עס איז אונאנגענעהם אדער אונמעגליך געווארען צו בעקומען שטיצע פון דער היים, אדער עס האבען זיך צו ריסען די שיך און די קליידער, וועלכע מען האט מיט זיך געבראכט, האט מען געמוזט אנהויבען צו קלעהרען וועגען א העכערען לוין.

אַנדערע, וועלכע האָבען פון דער היים גאָרניט בעקומען, זענען פּשוט מיד געוואָרען צו הונגערן. מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז אין א רוסישער קאַזאַרמע לעבען די סאָלדאַטען מאַטעריאַל פיעל בעסער, איידער פיעל יודישע ארבייטער אין די פּאַלעסטינער קאָלאָניעס, שוין ניט רעדענדיג פון די אראבישע ארבייטער. אלזא, דאָס וואָס דעם יודישען ארבייטער מוז מען צאָהלען טייערער, איידער מען צאָהלט דעם אראבישען, איז איינע פון די וויכטיגסטע סבות, פאַר וואָס דער יודישער קאָלאָניסט נעהמט גיכער דעם אראבער צו דער ארבייט, איידער דעם יודישען ארבייטער.

.4

די צווייטע סבה איז, וואָס דעם יודישען ארבייטער קאָן מען ניט אזוי פיעל עקספּלואַטירען, ווי דעם אראבישען. איבער דעם לעצ־טען שטעהט שטענדיג דער בעל־הבית אָדער זיין משגיח און טרייבט איהם אונטער. דער אויסרוף י א אַ ל אַ ! (גיכער, שנעלער) קלינגט נאכאנאנד אין די אויערן, וואו עס ארבייט נור אַנ׳אראבער. עס טרעפט אויך, אז דער בעל־הבית איז מכבד דעם אראבער מיט אַ פּאַטש אָדער א שטויס, די בעציהונגען צו דעם אראבישען ארבייטער דערמאָנען אין פיעל פּרטים די אמאָליגע קנעכטשאפט. זיין מאָנאַט־ליכען אראבער גיט דער קאָלאָניסט די פערשיעדענסטע ארבייטען ביז צו די סאמע מאוס׳ע; סיי די וואָס האָבען א שייכות צו דער ווירטשאפט, סיי די וואָס האָבען מיט דער ווירטשאַפט גאָרניט צו טון; סיי ביי טאָג און סיי ביי דער נאכט, סיי אומדערוואָכען און סיי שבת (זיין שבת — דעם פרייטאָג — היט ניט אָפּ דער אראַ־בער). און האָט דער אראבישער ארבייטער א פאמיליע און וואוינט מיט איהר ביים קאָלאָניסט אין הויף, שאפט זיך דער יודישער בעל־הבית מיט דעם אראבערס ווייב און קינדער, גלייך ווי זיי וואָלטען זיינע קנעכט געוועזן.

מיט דעם יודישען ארבייטער קאָן זיך דער קאָלאָניסט אזוי ניט בעגעהן. האָטש פיעלע קאָלאָניסטען, איבערהויפּט פון דעם באַ־ראנס „קעסט קינדער" קוקען אויף די יודישע ארבייטער, ווי אויף מענשען פון א נידעריגערען גראַד, פון דעסטוועגען איז פערהאַלטען זיך צו זיי ווי צו אראבער פאַר זיי אונ־מעגליך. און דער יודישער ארבייטער ערלויבט אויך ניט, אַז מען זאָל זיך מיט איהם אזוי בעגעהן. ער וויל ניט ליידען, אז מען גיט אכטונג אויף איהם, אז מען טרייבט איהם אונטער, דער משגיח, ווען איהם קומט אוים אויפצופּאַסען אויף דעם יודישען ארבייטער, דערפיהלט גלייך, אז ער וועט זיך דאָ ווייניג וואָס קענען ארויס־ווייזען; ער ווייס, אז דער יודישער ארבייטער האָט איהם פיינט, און ער צאָהלט דעם יודישען ארבייטער מיט דער זעלבער מטבע. עס איז א פאַקט, אז אין פיעלע ערטער זענען די יודישע משגיחים — געוועזענע ארבייטער — גרעסערע געגנער פון דעם יודישען ארביי־

טער, איידער דער בעל־הבית אליין. דער יודישער ארבייטער היט אויך מעהר אפ די צייט, און נאך דער צייט וועט ער, געוועהנליך, ניט ארבייטען; און דעם שבת'דיגען טאג איז ער אינגאנצען פריי. דעם מאנאטליכען יודישען ארבייטער קאן דער קאלאניסט ווידער ניט הייסען טון אזוינע ארבייט, וועלכע האבען ניט קיין שייכות צו דערווירטשאפט, ווי וואשען די דילען, העלפען אין קיך א. ד. ג. איהם איז אויך ניט אנגענעהם איהם צו הייסען טון מאוס'ע ארבייט, ווי רייניגען דעם אבטרעט. דער קאלאניסט פיהלט, אז מיט'ן יודישען ארבייטער מוזען זיך ביי איהם איינשטעלען פרייערע און גלייכערע בעציהונגען, און אז ער וועט איהם ניט קאנען „אויסנוצען" אזוי ווי דעם אראבישען. און איהם שטעהט פאר א נסיון: אדער זיין „אנ־אמת'ער" בעל־הבית מיט א הערשער־מאכט איבער די אראבער, מיט וועלכע ער קאן זיך שאפען ווען, וואס און וואוהין ער וויל, אדער פון אזא מאכט זיך אפצוזאגען. ביישטעהן דעם נסיון איז ניט גרינג.

די דריטע סבה איז, וואס די ארבייט ביים קאלאניסט אין די פלאנצונגס־קאלאניעס, ווי אויך אין די פעלד־ווירטשאפטליכע קא־לאניעס, איז ניט קיין שטענדיגע. עס טרעפען טעג אדער וואכען, ווען דער קאלאניסט נויטיגט זיך מיט אמאל אין פיעלע ארבייטער, און נאכדעם קאנען אריבער גאנצע וואכען אדער אפילו חדשים, ווען ער דארף האבען זעהר וועניג ארבייטער, אדער גאר ניט. די פעלד־ווירטשאפט־קאלאניסטען נעהמען אפט דעם ארבייטער נור אויף דער צייט פון אקערן און זייהען און דערנאך לאזען זיי איהם אפ, אדער זיי האלטען איהם ביז איבער'ן דרעשען און לאזען איהם דערנאך אפ ביז נאכ'ן רעגען — אויף 2-3 מאנאטען. דער אראבער געפינט אפטמאל אויך אין דער צייט וואס צו טון ביי זיך אין דארף, וואו ער האט נאך אפט א שטיקעל פעלד אדער גארטען. און האט ער קיין ארבייט ניט, איז איהם גענוג אויף צו לעבען דאס, וואס ער האט אבגעשפארט אין די ארבייטס־טעג. דער יודישער ארביי־טער האט אבער נור דאן די מעגליכקייט ווי עס איז דורכצולעבען, ווען ער האט ארבייט. בלייבט ער אבער אהן ארבייט אויף א לענ־גערע צייט, זאל זיין אפילו נור צופעליג, צום ביישפיעל צוליעב פיבער, מוז ער שוין אריין אין חובות; און צאהלען חובות איז דעם יודישען ארבייטער אין פאלעסטינע בעזונדערס שווער. ביי צייט־ווייליגער ארבייט, ווי אין די פעלד־ווירטשאפט־קאלאניעס, למשל, וואלט זיך דער יודישער ארבייטער געקאנט אבשטעלען נור דאן, ווען ער וואלט בעקומען א העכערן פרייז און געקאנט אין די אר־בייטס־מאנאטען אבשפארען אויף דער „טויטער" צייט, אדער ווען ער וואלט אויף די עטליכע מאנאטען, וואס זענען פריי פון ארבייט ביים קאלאניסט, געקאנט קריגען ארבייט אנדערסוואו. דאס לעצטע איז אבער אונמעגליך, ווייל אין די מאנאטען, וואס דער פעלד־ווירטשאפטליכער קאלאניסט נויטיגט זיך אין איהם ניט, איז אר־

מ ע ט ו ם די ארבייט שוואַך. און צאָהלען איהם נאָך טייערער ווייל דער קאָלאָניסט ניט, ווייל ער קריגט שטענדיג פיעלע וועלוועלערע אראבישע הענד. קיין אידעאליסט, וואָס זאָל „אומזיסט“ צאָהלען געלד, איז דער קאָלאָניסט געוועהנליך ניט.

דאָס ביסעל יודישע ארבייטער וואָס זענען פאַרהאַן אין די קאָלאָניעס, האָבען געוועהנליך שטענדיגע ארבייט. אין פּתח־תקוה, למשל, ארבייט א טייל פון זיי פערשיעדענע ארבייטען ביים ועד. און פון די 17 ארבייטער אינ׳ם אונטערשטען גליל זענען דאָ רוב אויך אין אַזוינע ווירטשאַפטען, וואו מען נויטיגט זיך אין זיי דאָס גאַנצע יאָהר, צ. ב. וואו די בעל הבית׳טע איז אנ׳אלמנה און ס׳איז ניטאָ קיין בעל־הבית, וואָס זאָל אליין אכטונג געבען, אָדער וואו דער בעל־הבית איז ניט געזונד. און די איבעריגע עטליכע ארבייטער זענען ביי בעל־הבתים, וועלכע נעהמען פּ ר י נ צ י פּ י ע ל ניט קיין אראבישע ארבייטער. ביי צייטווייליגער ארבייט אָבער איז דעם פּשוט׳ען יודישען ארבייטער אין פּאלעסטינא ביי די איצטיגע בעדינגונגען אונמעגליך דורכצולעבען, סיידען ער בעקומט הילף פון דער היים. און אַזוינע אַרבייטער, וועלכע בעקומען שטיצע פון דער היים, זענען טאקע פאַרהאַן אין פּאלעסטינע ניט ווייניג.

די פערטע סבה איז, וואָס פיעל פון די יודישע ארבייטער קאָנען די ארבייט ניט. דער אראבער וואַקסט אויף אין דער אַרבייט פון קינדווייז אָן. יעדעס גליעד זיינס איז צוגעפּאסט צו דער ארבייט, און מיט יעדער ארבייט אין דער לאנדווירטשאפט, אויף וויפיעל זי איז עהנליך צו דער ארומיגער אראבישער ארבייט, איז ער זעהר גוט בעקאנט (און אין 85 פּראָצענט פון אלע יודישע קאָלאָניסטישע ווירטשאפטען ווערט געארבייט אויפ׳ן אראבישען שטייגער). דערום דאַרף דער קאָלאָניסט דעם אראבער ניט לערנען די ארבייט. דער יודישער ארבייטער אין פּאלעסטינע איז אָבער קיינמאָל פריהער קיין ערד־ארבייטער ניט געווען; ער לערנט די ארבייט ערשט אין פּאלעסטינע גופא. אָפט איז ער פון דער היים אויס גאר בכלל קיין ארבייטער ניט, נאָר א האלבער אינטעליגענט. אַ געוויסע צייט מוז דעריבער ביי איהם אוועק אויף צו פּאסען זיך צו דער ארבייט. דאָס ערשטע יאָהר, וואָס ער קומט אָן ארבייטען צו אַ קאָלאָניסט, דאַרף דער לעצטער איהם לערנען די ארבייט, און ער האָט פון איהם ניט דעם נוצען, וואָס מען קאָן האָבען פון אנ׳אויסגעלערנטען ארבייטער. און קיין נוצען אויף ווייטער פון דעם לערנען האָט אָפט דער קאָלאָניסט אויך ניט, ווייל דער יודישער ארבייטער אין פּאלעסטינע האָט אין זיך שטארקע טוריסטען־נייגונגען און זיצט ניט לאנג אויף איין אָרט. מייסטענס קומט ער אין פּאלעסטינא אלס אידעאליסט, מעהר אויס ליעבע צו פּאלעסטינע, איידער צו זוכען ארבייט. ער וויל דערום ז ע ה ן פּאלעסטינע, און דאָס איז מעגליך נור, ווען מען בייט אָפט די ערטער. אנדערע וואנדערן נאָך, ווייל זיי האָפען אין דעם צווייטען אָרט צו געפינען בעסערע ארבייטס־בע־

דינגונגען. דאָס שטענדיגע וואַנדערן פון די יודישע אַרבייטער האָט אפילו אַרויסגערופען אויף דער קאָנפערענץ פון די גליל׳ער אַרבייטער אַ בעשלוס, אַז אַן׳אַרבייטער זאָל ניט פערלאָזען זיין אַרבייטס־פּלאַץ, איידער ער וועט מודיע זיין דעם צענטראַלען קאָמיטעט וועגען די סבות פון זיין אַוועקגעהן. אַ טייל דעלעגאַטען האָבען אפילו פאָרגעלעגט, מען זאָל איינגאַנצען פערוועהרען דעם אַרבייטער צו פערלאָזען דאָס אָרט אָהן אַנ׳ערלויבניש פונ׳ם ועד. דער יודישער קאָלאָניסט קאָן אָט די דאָזיגע וואַנדער־אייגענשאַפט פון דעם פּאַלעסטינער אַרבייטער; ער איז שוין אליין דורך איהר אָנגעלערנט, אָדער ער האָט געזעהען אַזאַ פאַל ביי דעם צווייטען קאָלאָניסט און ער וויל געוועהנליך ניט ריזיקירען.

דאָס וואָס דער קאָלאָניסט **טרויט ניט אַן** דעם יודישען אַרבייטער די אַרבייט, איז אויך איינע פון די סבות, פאַר וואָס מען נעהמט איהם ניט צו דער אַרבייט. אין דעם גאַנצען אויבערשטען גליל, ווי אויך טיילוויז אין מעסחע און זכרון, בעאַרבייטען ניט די קאָלאָניסטען אליין זייער באָדען, נאָר זיי גיבען איהם אָב צו בעאַרבייטען איינעם אָדער צוויי, זעלטען דריי אַראַבער און צאָהלען זיי דערנאָך פאַר דער אַרבייט מיט אַ פינפטעל פון דער הכנסה און נאָך קליינינקייטען. דעם יודישען אַרבייטער אבער אָבגעבען אַזוי די גאַנצע אַרבייט טרויט ניט דער קאָלאָניסט, און נור איין ה. עפּעלבוים אין זכרון האָט אַנפערטרויט היי־יאָהר זיין ווירטשאַפט אויף דריזעלבע בעדינגונגען צוויי יודישע אַרבייטער. דערביי זענען אָבער שולדיג נאָך צוויי זאַכען: ערשטענס, קאָן דער יודישער אַרבייטער ניט צושטעלען קיין הילפס־אַרבייט אין דער צייט פון אַראָבנעהמען די תבואה. דער אַראַבער קאָן דאָס יאָ: ער שיקט דאַז אויף דער אַרבייט זיינע ווייבער און קינדער. צווייטענס, האָט דער יודישער אַרבייטער ניט מיט וואָס דורכצולעבען דאָס יאָהר ביז נאָכ׳ן שייער. קיין אַוואַנס קאָן איהם דער קאָלאָניסט ניט געבען, וויל מייסטענס קומט אויס דעם קאָלאָניסט אליין אויך צו באָרגען דאָס גאַנצע יאָהר און ער איז צופרידען, ווען מען שטעלט איהם ניט אָב זיין קרעדיט ביז נאָכ׳ן שייער. דריטענס, שפּיעלט דאָ אויך אַ ראָליע די מורא פאַר דער אַרומיגער אַראַבישער גנבה. די אַראַבער גנב׳ענען פון דער שטעהענדיגער תבואה גנב׳ענען אויך פון דער אַראָבגעשניטענער. עס האָט איינינע מאָל געטראָפען (אין מעסחע, אין ראש פּנה) אַז די אַראַבער, זענענדיג אין כעס פאַר וואָס עס איז אויף די יודען, האָבען אונטערגעצונדען די תבואה, און די קאָלאָניסטען רעכענען, אַז הינטער די פּלייצעס פון די אַראַבער — זייערע האַלבע אַרענדאַרס — קאָנען זיי זיין זיכערער פון אַזוינע צופעלען: איין אַראַבער ביים צווייטען, רעכענען זיי, וועט ניט אַזוי וואַגען צו גנב׳ענען אָדער אונטערצוצינדען.

5.

די מורא פאַר די אראַבער ווירקט אויך ביים צונעהמען שומרים. מיר האָבען אויבען געבראַכט אַ טאַבעלע פון די יודישע שומרים. די אַלע אָנגעוויזענע 43 מאַן געהערען צו דער אָרגאַניזאַציע „השומר“. אויסער זיי זענען נאָך פאַרהאַן אַביסעל יודישע שומרים אין פתח־תקוה, צוויי אין ראשון, איינער אין חולדה, איינער אין לוד. די אַלע איבעריגע שומרים אין פתח־תקוה אין ראשון און אין אַלע איבעריגע קאָלאָניעס זענען אַראַבער. אין פתח־תקוה אַליין איז די צאָהל פון די אַראַבישע שומרים גרעסער, איידער די צאָהל פון אַלע יודישע שומרים אין גאַנץ פאַלעסטינע. דאָס וואָס די קאָלאָניסטען פערגלויבען זייער האָב און גוטס פרעמדע שומרים און נעהמען ניט קיין יודישע, ערקלערען זיי ערשטענס דערמיט, וואָס די יודישע שומרים קומט אוים טייערער צו צאָהלען און צווייטענס מיט דער מורא פאַר די אַראַבער. ביי די לעצטע עקזיסטירט נאָך עד היום דער מנהג פון „גאולת הדם“ — פון בלוט־ראַכע. האָט איינער פון דער קאָלאָניע געה'רג'עט אַן'אַראַבער, זוכען די קרובים פון דעם גע'הרג'עטען נקמה צו נעהמען. און די גאַנצע קאָלאָניע איז דאַן אין געפאַהר, ווייל אַלע אין דער קאָלאָניע זענען ביי די אַראַבער אין די אויגען פעראַנטוואָרטליך איינער פאַר'ן אַנדערען. ביז וואַנען מען „וואַשט פון זיך אַראָב דאָס בלוט“, קאָסט געוועהנליך אויך פיעל געלד, אויסער דעם וואָס עס קומט אוים צו האָבען דערביי אַ געשעפט מיט'ן טערקישען געריכט, וואו מען קאָן זיך אָהן באַקשיש (חאַבאַר) ניט בעגעהן. אַזוינע פעלען — פון הרג'ענען אַן'אַראַבער — זענען שוין געווען עטליכע: אין ראש־פנה, יסוד־המעלה, גדרה, קאַסטיניע, סעדזשערע און גאָר די לעצטע צייט אין מרחביה. די קאָלאָניסטען האָבען יעדעס מאָל געהאַט שרעקליכע צרות און זיי האָבען דערפאַר מורא. אויב דער אַראַבישער שומר, זאָגען זיי, האָט גע'הרג'עט אַן'אַראַבער, איז ער נור אַליין פעראַנטוואָרטליך; און אויב אַ יוד — פאַלט די פעראַנטוואָרטליכקייט אויף דער גאַנצער קאָלאָניע.

אויסער די דערמאָהנטע זענען אויך פאַרהאַן פיעל פסיכאָלאָגישע סבות, וועלכע שפּיעלען אַ ראָליע ביים צונעהמען יודישע אַרבייטער. די קאָלאָניסטען פון ס'רוב אַלטע קאָלאָניעס זענען, אויסערליך וועניגסטענס, זעהר פרום. אין אַזוינע קאָלאָניעס, ווי עקרון, משמר הירדן, יסוד המעלה און אפילו פתח־תקוה זענען נאָך פאַרהאַן קאָלאָניסטען, וואָס בעקומען פון דעם רמבנ'ס חלוקה און וועלכע מוזען דערפאַר זיין פרום. און אָט דער דאָזיגער פרומער קאָלאָניסטישער עולם איז דער פערביטערטסטער געגנער פון דעם יודישען אַרבייטער. דער לעצטער איז נאָך אין רוסלאַנד געווען ווייט פון פרומקייט. ביים פאָהרען קיין פאַלעסטינע פאַנטאַזירט ער וועגען פולער פרייהייט — ווי אין פּאָליטישען, אַזוי אויך אין רע־

ליגיעזען זין. קומט אבער די ווירקליכקייט און ווייזט איהם זיין טעות. אויף זיין פרייער אויפפיהרונג ענטפערט איהם דער קאָלאָניסטישער עולם מיט א שנאה און אמאָל אויך מיט באיקאָט. די ארבייטער אין ארץ־ישראל געדענקען נאָך עד היום דעם פתח־תקוה'ער באיקאָט. א טייל פון די קאָלאָניסטען ערקלערען זייער פיינדליכע בעציהונג צום יודישען ארבייטער מיט דער מורא, ער זאָל ניט ווערקען שלעכט אין רעליגיעזען זין אויף זייערע קינדער. א טייל אבער זאָגען אָפען, אז דער יודישער ארבייטער, וואָס איז מחלל שבת, איז ביי זיי דאָס זעלבע, וואָס א גוי. זיי האָבען איהם פיינט און האַלטען ניט, אז ער איז בילכער אָנגענומען צו ווערען אויף דער ארבייט.

די קהל'ס־לייט לײדען געוועהנליך ניט דעם יודישען ארבייטער פאר זיין נייגונג צו מישען זיך אין קהל'שע ענינים. דער יודישער ארבייטער ווייס אויך פיעל בעסער, איידער דער אראבער, פון וואנען נעהמט זיך ביים קאָלאָניסט, וועלכער ארבייט אליין ניט, זיין גאנצער אייגענס, און דערפאר—וואָס נעהענטער דער קאָלאָניסט איז געווען צו דעם באראָנס תמיכה אָדער צו דער אמאָליגער אדמיניסטראציע, אלץ ווייניגער קאָן ער ליידען דעם יודישען ארבייטער. דער לעצטער ווייסט געוועהנליך אויך מעהר אָדער ווייניגער דעם בעל־הבית'ס חשבונות, און דאָס איז דעם קאָלאָניסט ניט אנגענעהם. ניט אנגענעהם איז איהם אויך צו פיהלען זיך פאר דעם יודישען ארבייטער אזוי אָפען און פריי, ווי פאר דעם אראבער, דערהויפּט, ווען מען רעדט אזוי פיעל אין פאַלעסטינע וועגען דער פוילקייט פון די קאָלאָניסטען.

און אָפט האָבען די קאָלאָניסטען פשוט מורא פאר דעם יודישען ארבייטער, ער זאָל ניט מאכען א שטרייק, אָדער ער זאָל זיי גאָר ניט ארויסשטעלען פאר דער וועלט מיט זייער אמת'ען פנים, — ווייל דאן וואָלטען זיי פערלאָרען דעם גאנצען חן, וואָס זיי האָבען איצט, ווען אלץ איז פערדעקט מיט'ן ארעאָל פון פיאָנערען און פערבאָרגען אין א נעבעל פון „קדושה“.

זאָל זיין, אז די אלע פסיכאָלאָגישע סבות ווייזען, אז די קאָלאָניסטען שטעהען קולטורעל גאנץ נידעריג. אבער ביי דאָס רוב פון זיי — איבערהויפּט ביי דעם באראָנס „קעסט־קינדער“, אָדער „אייניקלעך“, ווי מען רופט זיי אין פאַלעסטינע — קאָן מען קיין העכערעם ניט פאָדערן. ווי מען האָט זיי ביז איצט ערצויגען, אזוי זענען זיי אויסגעוואקסען; אין זייער אויסבעסערונג, אויסאיידלונג און איבערערציהונג דורך וועלכער עס איז אגיטאציע איז שווער צו גלויבען. און וואָס איז שייך צו די עקאָנאָמישע סבות דאַרף מען זיך, פערשטעהט זיך, שטעלען נור אויף דעם איינציג ריכטיגען שטאַנדפּונקט בנוגע צו פּריוואַט אייגענטום — אויף דעם ריוח־שטאַנדפּונקט. עס איז זעהר ניט קלוג און פשוט ניט פּראקטיש, ווען מ'ין

וועגדעט זיך צום „אידעאַליזם“ אָדער „ציוניזם“ פון די קאָלאָניסטען. ווי ביי אַלע אייגענטימער גרייכט דער אידעאַליזם אפילו פון די בעסטע קאָלאָניסטען נור ביז דער קעשענע, ביז די פּראָצענטען, און אויב דער קאָלאָניסט קאָן ווירקליך דורך אראבישע ארבייט בעקומען א העכערען פּראָצענט, א גרעסערען ריוח, זענען דאן אַלע טענות אומזיסט, און קיינע פּרינציפּען וועלען דאָ ניט ביישטעהן.

6.

צי זענען פארהאן וועלכע עס איז מיטלען, וואָס זאָלען פערניכטען, אָדער וועניגסטענס אבשוואכען די דערמאָהנטע סבות?

די ציוניסטישע טוער האָבען ביז איצט פארגעלעגט דריי אַזוינע מיטלען, דאָס ערשטע איז — די עצה פון׳ם ה. אוסישקין, וועלכע מיר האָבען אויבען דערמאָנט — די יודישע ארבייטער זאָלען זיך בענוגענען מיט דעם זעלבען לוין פאר זייער ארבייט, ווי די אראַבישע. נאָר ווי מיר האָבען שוין געזעהען, איז דאָס נור לייכט פארצולעגען, אבער אונמעגליך צו ערפילען. דאָס צווייטע איז — גרינדען ארבייטער־קאָלאָניעס, ווי למשל עין־גנים ביי פּתח־תקוה, וואו די ארבייטער וועלען בעקומען נור 12—15 דונאם באדען (די לעצטע צייט קלערען שוין די ציוניסטען נור וועגען 7 דונאם). דער רעכענונג איז, אז דאָס בעארבייטען זיין שטיקעל באדען וועט ביים ארבייטער ניט צונעהמען זיין גאנצע צייט, און ער וועט די איבעריגע צייט דערפאר געהן ארבייטען ביי אנדערע; און אויף אזא אופן וועלען געשאפען ווערען ארבייטער, מיט וועלכע דער קאָלאָניסט וועט זיך קאָנען בענוצען צו צייטווייליגער ארבייט. דער חשבון איז אבער ניט אַ ריכטיגער. ווייל ערשטענס, קאָנען נור אַזוינע ארבייטער ווערען מיטגליעדער פון די דאָזיגע קאָלאָניעס, וועלכע האָבען א געוויסע סומע געלד אָנגעשפּארט; קיין פּשוט׳ער ארבייטער קאָן אבער אין פּאַלעסטינע בשום אופן קיין געלד ניט אבשפּארען. אבשפּארען אביסעל קאָן נור דער ארבייטער, וועלכער האָט זיך שוין ארויפגעשלאָגען צו אַ העכערער ספּעציעלער ארבייט, ווי אַן אויפפּאַסער, א גוטער גרעפער, פּאקער א. ד. ג. און אַזוינע זענען פארהאן זעהר ווייניג. און צווייטענס, פערענטפערן ניט אַזוינע ארבייטער קאָלאָניעס די פראגע וועגען ו ו א ל ו ו ע ל ע ר צייטווייליגער ארבייט, ווייל אַנ׳עין־גנימער קאָלאָניסט וועט ניט געהן ארבייטען ווייניגער, ווי פאר 3—5 פראנק אַ טאָג. ער איז מייסטענס אַ ספּעציאַליזירטער ארבייטער, און פּשוטע ארבייט פון 1½ — 2 פּראנק א טאָג וועט איהם קיינמאָל פון זיין אייגענער ווירטשאפט ניט אבנעהמען, ווייל ביים גוטען ווילען קאָן ער איינאָרדנען זיין ווירטשאפט אַזוי, ער זאָל דאָרט כמעט שטענדיג האָבען ארבייט. די ארבייטער־קאָלאָניעס זענען גיכער א בעלוינונג פאר דעם ארבייטער, וואָס איז א לענגערע צייט אָבגעווען אין פּאַלעסטינע, איי־

דער אנ׳ענטפער אויף דער פראגע פון צייטווייליגער ארבייט.

דאָס דריטע מיטעל איז — דער לעצטער פּראָיעקט פון דר. רופּין, צו גרינדען ספּעציעלע פערמעס, וואו די ארבייטער זאָלען לערנען די ארבייט. די דאָזיגע פערמעס, אויף וויפיעל זיי וועלען שטעהן אויף אַ געניגענדער הויך, וועלען געוויס פיעל קאנען אויפטון אין דער הינזיכט פון אויסלערנען די יודישע ארבייטער די ערד־ארבייט. נאָר צי וועלען זיי העלפען צו פערגרעסערן די צאָהל פון די יודישע ארבייטער אין פּאלעסטינע איז אַ גרויסער ספק, ווייל זיי וועלען דאָך סוף כל סוף נור פערקלענערן די ווירקונג פון איין סבה: וואָס דער יודישער ארבייטער קאן די ארבייט ניט.

די יודישע ארבייטער ווידער לעגען פאר: מיט לעגאלע מיטלען צ ו ו י נ ג ע ן די קאָלאָניסטען, זיי זאָלען זיך בענוצען מיט יודישע ארבייטער. זיי זאָגען אזוי: זאָל זיין אז דעם יודישען ארבייטער דארף מען צאָהלען אביסעל טייערער, איידער דעם אראבער, אָבער דערפאר איז זיין ארבייט ווערט פיעל מעהר. ער וועט קיינמאָל זיין ארבייט ניט טון פאלש; ער וועט זיך היטען ביים ארומגראבען די בוימער, ער זאָל ניט אנריהרען די ווארצלען; ער וועט ניט איבערלאָזען ביים רייניגען דעם באָדען קיין אינדזשיל*), ווי עס טוען אָפט די אראבער, פערזארגענדיג זיך אויף אַזאַ אופן מיט ארבייט אויף שפּעטער. אויסערדעם, דעם אראבער מוז מען היטען, ווייל ער גנב׳עט צו אלץ, וואָס עס ליעגט נור ניט גוט. און ווען דער קאָלאָניסט וואָלט, זאָגען זיי, אויסגערעכענט, וואָס עס קאָסט איהם ווירקליך דער אראבער ביי זיין שלעכטער ארבייט און גוטער גנבה, וואָלט ער זיך איבערצייגט, אַז יענעמס ארבייט טראָגט איהם אויס ניט ביליגער, איידער די יודישע. דער קאָלאָניסט פערשטעהט אלזאָ אליין ניט גוט זיינע אינטערעסען. און די ארבייטער לעגען דערפאר פאָר צו ווירקען אויף דער אנגלאָ־פּאלעסטינע־באנק זי זאָל, אין די אינטערעסען פון דעם ישוב, אויסלייהען געלד נור יענע קאָלאָניסטען, וועלכע בעשעפטיגען נור יודישע ארבייטער און דערמיט צווינגען די קאָלאָניסטען צו בענוצען זיך מיט יודישער ארבייט.

אויף וויפיעל די ארבייטער זענען גערעכט — איז שווער צו זאָגען. אמת׳ע און פאלשע ארבייט, פלייסיגע און פוילע, און אפילו גנבה זענען אלץ זאכען, וועלכע לאָזען זיך שווער מעסטען און וועגען. דא האָט מען געדארפט האָבען פאקטען, ווייל נור זיי אליין וואָלטען געקאָנט איבערצייגען אין דער ריכטיגקייט פון דעם חשבון. אַזוינע פאקטען זענען אבער דערווייל נאָך ניטאָ. די איינציגע ווירטשאפט אין פּאלעסטינע, וועלכע בעשעפטיגט אויסשליסליך יודישע ארבייט — פון דעם אויבענדערמאָנטען ה. ק. אין פּתח־

*) אַזאַ גראָז, וואָס מאָגערט שטארק אויס דעם באָדען און וועלכעס מען מוז אינגאַנצען אַרויסגראָבען, איידער מען טרעט צו צו פלאַנצען אויף דעם אָרט.

תקוה — קאָן נאָך ניט דיענען אלס בעוויז, ווייל זי האָט אָבגעקאסט פיעל טייערער, איידער אנדערע ווירטשאפטען פון דער זעלבער גרויס, און רעכענען זי צווישען די בעסערע ווירטשאפטען קאָן מען אויך ניט.

צוקוקענדיג זיך צו דער אראבישער און יודישער ארבייט מוז מען קומען צו דער איבערצייגונג, אז איינינגע ארבייטען קאסטען ביי יודישער ארבייטער אָהן צוויי פּ ע ל טייערער, איידער ביי אראבישער. דאָס איז ערשטענס, ווען עס ארבייטען דערוואקסענע יודישע ארבייטער דאָרט, וואו מען קאָן זיך בענוצען מיט אראבישע פרויען און קינדער, צ. ב. ביים אראָבקלייבען איילבערטען, ביי יעטען די תבואות, פערשידענע הילפס־ארבייט ביי אַפּעלסינען שניידען און פּאקען, אדער ביי אזוינע פּשוט'ע ארבייטען, ווי מאכען און פערשיטען גריבער א. ד. ג. אזוינע יודישע ארבייטער, וואָס זאָלען קאָנקורירען מיט די אראַבער אין אָבארבייטען מ ע ה ר, ווי יענער, — ווייל ב ע ס ע ר איז דאָ כמעט ניט שייך — זענען פארהאן זעהר ווענינ. די מעהרהייט פון זיי שטעהט נאָך, פערקעהרט, אָפּ פון די אראבער אין כמות פון דער ארבייט. איך רעד דאָ ניט וועגען דער וועט־ארבייט, ביי וועלכער דער בעל־הבית נוצט אויס דעם אידעאליזם פון דעם ארבייטער אויף זיין סוחר'שען שטייגער און מאכט דעם יודישען ארבייטער פאר א בייטש פאר די אראבער. איך מיין דאָ די פעלען, ווען א קאָלאָניסט שטעלט אַוועק איין יודען ארבייטען צווישען א קאָמפּאַניע אראבער, מיט'ן רעכענונג, אז דער יודישער ארבייטער וועט וועלען בעווייזען, אז ער שטעהט ניט אָפּ פון די אראבער, אָדער אז ער ארבייט נאָך בעסער פון זיי, און אז ער וועט אנשטרענגען אלע זיינע כוחות און וועט מיט זיין ארבייט נאָך אונטערטרייבען די אראבער. וויפיעל קאָסט דאָס אזא „בעוויז“ דעם יודישען ארבייטער! די וועט־ארבייט קאן און דאַרף ביי יעדען ענטוויקעלטען ארבייטער ארויסרופען נור עקעל. וועגען די אלע איבעריגע, ניט אַזוינע פּשוט'ע ארבייטען איז זעהר שווער ארויסצוזאָגען א מיינונג, כל זמן עס איז ניטאָ קיין גענוגענדע צאָהל פאקטען. פון איינציגע ארבייטער, וואָס ארבייטען בעסער אָדער ערגער פון די אראבער, קאן מען נאָך גאָרנישט ניט אבלערנען.

בכלל אָבער, קאן מען זיך מיט די קאָלניסטען ניט בעגעהן, ווי מיט קינדער: „אַזוי ווי איהר אליין פערשטעהט ניט אייערע אינטערעסען, וועלען מיר אייך צווינגען זיי צו פערשטעהן“. זאָל זיין, אַז די קאָלאָניסטען האָבען פּשוט'ע קעפּ און זענען ניט פעהיג אדער ניט אויפגעלעגט צו מאכען חשבונות: זיי זעהען, אז דעם אראַבער צאָהלען זיי ווייניגער, צערעמאָניען זיך מיט איהם דארפען זיי אויך ווייניגער און קריגען איהם און אבשאפען איהם קאָנען זיי צו יעדער צייט, — נעהמען זיי דעם אראבער. צו איז אָבער דאָס

צווינגען א מיטעל צו ענטוויקלען זייערע רעכענונגס־פעהיגקייטען?

און עס איז נאך א פראגע, צו די קאלאניסטען גיבען זיך ווירקליך ניט אב קיין רעכענונג ביים צונעהמען ארבייטער. פערקעהרט, ביים צונעהמען קוואליפיצירטע ארבייטער האבען זיי בעוויזען, אז זיי פערשטעהען אבצושאצען ריכטיג דעם ווערט פון אראבישער און יודישער ארבייט.

צווישען די יודישע ארבייטער, דערהויפט אין פתח־תקוה און אין רחובות, זענען פאראן אזוינע, וועלכע האבען זיך אין משך פון די עטליכע יאהר, וואס זיי זענען אין לאנד, ספעציאליזירט אין דער אדער יענער ארבייט. אזוי זענען פאראן גוטע גרעפער, פאקער, שטאק־שניידער, ארבייטער ביי מאטארען און אנדערע. דאס זענען אלץ סעזאן־ארבייטער. ביים מאטאר, צ. ב. איז פאראן ארבייט נור זומער; ביים גרעפען — נור עטליכע מאל אין יאהר צו עטליכע וואכען; ביים פאקען נור עטליכע ווינטער־מאנאטען א. ד. ג. דערפאר אבער נעהמען די ארבייטער פון די פאכען הויכע פרייזען: אנ׳ארבייטער ביים מאטאר נעהמט 60—90 פר. א מאנאט; א פאקער — 3—4 פר. א טאג; א גוטער גרעפער — ביז 5 פראנק א טאג און העכער; א גוטער שטאק־שניידער אויך דאס זעלבע. און ווען דער סעזאן געהט אריבער, זוכען די דאזיגע ספעציאליסטען פשוט׳ערע ארבייט, אדער ארבייטען מייסטענס גאר ניט, ווייל סעזאן־צייט האבען זיי געקאנט אבשפארען אביסעל געלד.

און די קוואליפיצירטע ארבייטער, ווי עס ווייזט זיך ארויס, האבען ניט שטארק מורא פאר דער אראבישער קאנקורענץ, ווייל ביי אזויגע ארבייטען, ווי די אנגעמערקטע, וואו עס פאדערט זיך גרעסערע קענטניש, און די ערליכקייט ביי דער ארבייט שפיעלט א גרעסערע ראליע, נעהמען פיעלע קאלאניסטען בעסער די יודישע קוואליפיצירטע ארבייטער און צאהלען זיי פערהעלטניסמעסיג הויכע פרייזען. ביי געוועהנליכער פשוט׳ער ארבייט אבער נעהמען דיזעלבע קאלאניסטען אראבער, און אויף אלע אנווייזונגען פון דעם יודישען ארבייטער אויף די פאלשקייט און גנבה פון די אראבער, האבען זיי א פארטיגען תירוץ: אויף דעם איז פאראן אנ׳איפפאסער, ער זאל אכטונג געבען.

דאס צוואנג־מיטעל איז אלזא ווייט ניט קיין פאסענדעס. און בעזונדערס איז עס ניט פאסענד, ווייל די ארבייטער ווענדען זיך מיט זייער פארשלאג ניט לויט א ריכטיגען אדרעס. דען די פיהרער פון דער ״אנגלא־פאלעסטינע־באנק אליין, ווי דער ה. לעוואנטין און אנדערע נעהמען אין זייערע אייגענע באיארעס, ווי איך האב שוין אנגעוויזען, אויך קיין יודישע ארבייטער כמעט ניט צו.

פאראן איינגע יודישע ארבייטער אין פאלעסטינע, וועלכע רעכענען, אז מען דארף ענטוויקלען דאס בעוואוסטזיין פונ׳ם אראבישען ארבייטער און אויפהויבען זיינע בעדערפענישען. דאמאלסט

וועט ער ניט אַראָבלאָזען אזוי נידעריג דעם פּרייז פון דער ארבייט און דער יודישער ארבייטער וועט שוין קאנען קאָנקורירען מיט'ן אַראבישען. אזא בליק איז געוויס מעהר פּראַלעטאריש און סאָציאַליסטיש, איידער די פּאָדערונג צו פערטרייבען דעם אראבער (וועלכער איז מייסטענס שוין פריהער אראָבגעטריבען געוואָרען פון זיין באָדען, און וועלכער נויטיגט זיך אין ארבייט פיליכט פיעל מעהר, איידער דער יודישער ארבייטער, וואָס איז געקומען אין פּאלעסטינע אויס אידעעלע צוועקען) פון דעם יודישען גארטען און פעלד. עס איז אבער קיין ספק ניט, אז פיהרענדיג א פּאָליטיק פון גאנצען, אָדער אפילו נור טיילווייזען, אָפּענעם אָדער האלב פערשטעלטען באיקאָט פון דעם אראבישען ארבייטער, איז ניט מעגליך צו ענטוויקלען זיין קלאסען־בעוואוסטזיין.

פון אלץ וואָס מיר האָבען ביז איצט געזאָגט, קאן מען מאכען פאָלגענדען שלום: די אלע אנגעוויזענע סבות, ווירקענדיג איינציגווייז, אָדער עטליכע, אָדער אלע צוזאמען, שאפען א הויכען אונאיבערקריכבארען, צוים פאר דעם יודישען ארבייטער. און נור א 2 — 3 הונדערט, פון וועלכע א טייל זענען קוואליפיצירטע, האָט זיך איינגעגעבען מיט מסירת־נפש אריבערצוקריכען דעם צוים און פערנעהמען אנ'ארט צווישען די 6 — 7 טויזענט אראבער, וועלכע ארבייטען אין די פּריוואטע קאָלאָניסטישע ווירטשאפטען. די פערשיעדענע מיטלען, וועלכע מען לעגט פאר, זענען געוועהנליך געווענדעט נור געגען דער אָדער יענער איינציגער סבה און ווירקען וועניג, כל זמן עס עקזיסטירט די סבת כל הסבות — כל זמן ארום די יודישע קאָלאָניעס זענען פאַרהאַן וואלוועלע אראבישע הענד. דורך אגיטאַציע קאן זיך די צאָהל יודישע ארבייטער, דערהויפּט קוואליפירצטע, אפשר א ביסעל פערגרעסערן; אבער פאר קיין בעדייטענדער צאָהל יודישע ארבייטער איז אין פּאלעסטינע קיין ארט ניטאָ, און דער יודישער ארבייטער קאָן גאָרניט האָפען אפילו ווען עס איז צו ווערען א וויכטיגער פאקטאר אין דעם פּריוואטען יודישען ישוב אין ארץ־ישראל.

7.

אביסעל אנדערש זענען די בעדינגונגען פאר יודישער ארבייט אין די פערמעס. איינגאנצען זענען פאַרהאַן אין פּאלעסטינא 6 פערמעס: 3 נאַציאָנאַלע: לוד, חולדה, כנרת; 2 פון פּריוואטע גרופּעס: מגדל, וועלכע געהערט א גרופּע מאסקווער סוחרים, און פוריה, וועלכע געהערט א גרופּע אמעריקאנער יודען, און 1 יק"א'שע פערמע—סעדזשערע.

אויף די נאַציאָנאלע פערמעס נעהמט מען איצט קיין אראבישע ארבייטער גאָר ניט צו. מיט איניגע יאָהר צוריק, פאר דעם אגראנאם בערמאן, האָבען אין לוד יא געארבייט אראבער; נור די יודישע ארבייטער האָבען דאן געצוואונגען, אז די ווירטשאפטען, וועל־

בע ווערען געשאפּען און געפיהרט אויף פּאָלקס־געלד, ווי דער נאציאָנאל־פאָנד, זאָלען זיך בענוצען אויסשליסליך מיט יודישע ארבייטער. און פון דאַן אַן איז געוואָרען כמעט ווי א פּרינציפּ, אז די נאציאָנאלע פערמעס נעהמען ניט צו קיין אראבישע ארבייטער. עס זענען אפילו פארהאַן צווישען די אדמיניסטראטארס אזוינע, וואָס האלטען, אז באיקאטירען די אראבישע ארבייט טאָר מען ניט, ווייל, ערשטענס, קאן טרעפען, אז מען זאָל אהן איהר ניט קאנען אויסקומען, און, צווייטענס, קאן דאָס ברייננען דערצו, מען זאָל זאגען, אַז די יודען פערטרייבען די אראבער ביים בעזעצען זיך. וואָס עס קאָן, לויט זייער מיינונג, שאַדען דעם ישוב. די ארבייטער אַליין אָבער וואלטען בשום אופן ניט דערלאָזען, מען זאָל אויף די פערמעס צונעהמען אראבער; און וואָלט דאָס טרעפען, וואָלטען זיי געוויס ארויס אין א שטרייק.

אין די פּריוואטע פערמעס האָבען די גרינדער אויף מסכים געווען צו ארבייטען מיט יודען. אין מגדל זענען איצט פארהאן סבות, איבער וועלכע עס וואָלט אפילו ניט קלוג געווען צו נעהמען אראבער: נאָך ביז דער לעצטער צייט קומט דאָרט פאר א סכסוך מיט די שכנ׳ישע אראבער וועגען דעם באָדען, און עס זענען אפילו פארגעקומען צוזאמענשטויסען. עס פערשטעהט זיך, אז שטעלען זיך אנטקעגען מיט אראבישע ארבייטער וואָלט געווען ניט בעקוועם.

דערפאר זענען אין דער יק״א׳שער פערמע סעדזשערע די בעדינגונגען דיזעלבע, ווי אין די פּריוואטע ווירטשאפטען. מיט עטליכע יאָהר צוריק זענען דאָרט געווען ביז 30 יודישע ארבייטער, און איצט נור 4 מאָנאַטליכע און עטליכע טעגליכע (און 6 ארבייטער פון דער קאָאָפּעראטיווער גרופּע). אלע איבעריגע ארבייטער זענען אראבער. יק״א האלט בכלל ניט פון פּרינציפּען. אין איהר אדמיניסטראציע בענוצט זיך אין אלע איהרע אונטערנעהמונגען כמעט אויסשליסליך מיט אראבער. צ. ב. אין דער באַיאַרע נעזלי, נעבען זכרון, וועלכע געהערט דעם באראן און וועלכע איז די גרעסטע אין גאנץ פּאַלעסטינע, ארבייט אויסער דעם יודישען משגיח נור איין יודישער ארבייטער. אין די יקא׳שע באָיארעס אין וואדי־חנין זענען נור א אַ טייל פון די שומרים און די משגיחים יודישע, די ארבייטער — אַלע אראבישע.

אינגאנצען יודישע אשכנז׳ישע ארבייטער אויף די פערמעס איז איצט פארהאן ביז 200. ווען מען וואָלט אין די פּריוואטע און נאציאָנאלע פערמעס צופריעדען געווען מיט די יודישע ארבייטער, וואָלטען אזוינע פערמעס, אויף וויפיעל זיי קאָנען זיך פערמעהרען אין לאנד, געוויס געבילדעט אנ׳ארט, וואו דער יודישער ארבייטער וואָלט געקאָנט געפינען פאר זיך א פּלאַץ אין א גרעסערער צאָהל. אין די דאָזיגע פערמעס איז מען אבער אויך ניט צופרידען מיט דעם יודישען ארבייטער. אזוי צ. ב. וואָלט דער פערוואלטער פון

פוריה שוין לאנג פערביטען א טייל פון די יודישע ארבייטער מיט
אראבער, ווען די ארבייטער וואָלטען ניט געשטאַנען פעסט געגען
דעם. אין מגדל זענען שוין איצט פארהאן, אויסער די אשכנז׳ישע, אַ
ביסעל ספרד׳ישע יודישע ארבייטער פון צפת, וועמען מען צאָהלט
ביליגער, איידער די אשכנז׳ישע, און דער פערוואלטער פון פערמע
בעמיהט זיך אראָבצוברייננגען אהין א פּארטיע תימנ׳ער. די כנרת׳ער
פערמע ווארפט ארויף אויף די ארבייטער די שולד פון איהר פאר־
א־יאָהריגען דעפיציט פון 35 טויזענט פראנק. און אזא „קענער״
פון דעם יודישען ארבייטער אין פּאַלעסטינע, ווי מרדכי בן הלל
הכהן בעשולדיגט די יודישע ארבייטער אין „עסען אומזיסטען ברויט
אויף די פערמעס״ און אין נאָך ערגערס.

וואו ליעגט די שולד פון דער דאָזיגער אונצופריעדענהייט מיט
די יודישע ארבייטער — אין זיי גופא, אָדער אויסער זיי, אין די
ארומיגע בעדינגונגען? צו זענען זיי ווירקליך אונפעהיג צו ערד־
ארבייט, ווי אייניגע בעשולדיגען זיי, אָדער די ארומיגע אראבישע
אין די וועלוועלערע תימנ׳ישע הענד, דורך וועלכע מען וואָלט אפשר
געקאָנט פערקלענערן דעם ביודזשעט, אָדער פערקלענערן דעם דעפי־
ציט, לאָזען ניט רוהען די אדמיניסטראטאָרען פון די פערמעס?
צו די יודישע ארבייטער פוילען זיך, קלייבען זיך צונויף אויף די פער־
מעס כדי די צייט צו בטל׳ן און ברייננען די פערמעס נור שאדען,
ווי דאָס וויל האָבען מרדכי בן הלל הכהן, אָדער די איצטיגע אר־
גאַניזאציע פון די פערמעס און בכלל די פּאלעסטינער בעדינגונ־
גען פון לאנדווירטשאפט זענען שולדיג דערין?

צו איז דער יודישער ארבייטער פעהיג צו ערד־ארבייט? אין
פּאלעסטינא גופא קאָנט איהר וועגען דעם הערען צוויי געגענזעצ־
ליכע מיינונגען. אייניגע זאָגען אז דער יודישער ארבייטער — ניט
ער קאן און ניט ער וויל ארבייטען; אנדערע פערקעהרט זאגען, אז
דער יודישער ארבייטער קאן דיענען אלס מוסטער מיט זיין פלייסיג־
קייט און מיט זיין פערשטעהן די ארבייט. די דאָזיגע צוויי מיי־
נונגען נעהמען זיך דערפון, וואס מען נעהמט געוועהנליך פון איין
ארבייטער א ראיה אויף אלע און וואָס מען מאכט די ארבייטער פער־
אנטווארטליך איינעם פאר׳ן אנדערען. ווען מען זאָל זיך אבער גוט
צוקוקען צו דער ארבייט פון די יודישע ארבייטער, קאן מען בע־
מערקען צווישען זיי, ווי אומעטום, גוטע און שלעכטע, פלייסיגע און
פוילע, איבערגעבענע און פאלשע.

איך האָב פיעל מאל געזעהען יודישע ארבייט, און דאָס הארץ
האָט זיך אין מיר געפרעהט, צוקוקענדיג צו דער פלינקהייט און
גרינדליכקייט פון איהר. און אויך האָב איך געזעהן אזא ארבייט,
וואָס קוקענדיג אויף איהר, האָב איך זיך אינערליך געשעמט: די
ארבייט האָט זיך דאָרט געצויגען ווי פון פעך; אלע ווייל האָט
מען זיך צוגעזעצט אברוהען, און ווי נור מען פלעגט פון דערווייטענס

דערזעהען דעם בעל־הבית, האָט מען זיך גענומען צו דער ארבייט מיט אַ בעזונדערען פלייס.

מיין אייגען צוקוקען זיך צו דער יודישער ארבייט אין פאַלעסטינע האָט מיך געבראכט צו פאָלגענדער מיינונג וועגען דער פעהיגקייט פון דעם יודישען ארבייטער צו ערד־ארבייט:

1) דער יודישער ארבייטער איז זעהר וויסגיריג, און זעלטען ווער עס לערנט אויס אַזוי גיך די פערשיעדענסטע ארבייטען ביי דער לאנד־ווירטשאפט, ווי ער, — ווען ער האָט נור די מעגליכקייט זיך צו לערנען. די יודישע קוואליפיצירטע ארבייטער, וועלכע זענען אָפט אמת'ע ארטיסטען אין זייער ארבייט, בעווייזען דאָס בעסער ווי אלץ.

2) די ארבייטס־מעגליכקייטען פונ'ם יודישען ארבייטער זענען אַזוי עלאסטיש, ווי זיינע בעדערפענישען: ביי גוטע בעדינגונגען ווערען זיי זעהר גרויס. און די בעדינגונגען זענען צוויי: אָדער דער ארבייטער זעהט אין דער ארבייט אַ קוואל פון פרנסה, אָדער ער זעהט אין איהר א מיטעל צו דערגרייכען זיין אידעאל; און דאַן — וואָס אידעאַליסטישער דער ארבייטער איז, אלץ ענערגישער און פּראָדוקטיווער איז זיין ארבייט. און עס איז דערביי גאר קיין מוז ניט, ער זאָל שוין פון קינדווייז אָן זיין אנ'ערד־ארבייטער, אָדער אפילו אנ'ארבייטער בכלל. ווען איהר קוקט זיך צו צו דער ארבייט אין איינינע קאָאָפּעראטיווע גרופען און פון איינינע עין־גנים'ער און באר־יעקב'ער ארבייטער־קאָלאָניסטען, פערשטעהט איהר ערשט, וואָס הייסט גוטע און פלייסיגע ארבייט.

עס איז אבער אונמעגליך צו פאָדערן פלייסיגקייט און איבערגעבענהייט צו דער ארבייט דאָ, וואו עס איז ניטאָ ניט קיין פרנסה, ניט קיין אויסזיכט אויף בעסערס, און ניט קיין גלויבען און דערגרייכען דאָס אידעאל. צו קאָן מען דען פון אנ'ארבייטער, וועלכער בעקומט פאר זיין ארבייט א מינימאלען לוין, וועלכער האָט וואָכענלאנג ניט דערסען, וועלכער איז איבערצייגט, אז די ארבייט קאָן איהם ניט ערנעהרען, און וועלכער פיהלט, אז ער מוז פון דאָרט אָפּפאָהרען (נור ער האָט ניט מיט וואָס!) — צי קאָן מען דען פון אזא ארבייטער פאָדערן ער זאָל ארבייטען פלייסיג? אָדער, צי קאָן דען אנ'ארבייטער פון א נאציאנאלער פערמע ארבייטען פלייסיג, ווען ער זעהט, אז די ווירטשאפט פיהרט זיך דאָרט אויפ'ן ערגסט שלעכט; ווען ער איז איבערצייגט, אז ווי גוט ער וועט ניט ארבייטען, וועט דער דעפיציט אלץ זיין אין דער שעיר לעזאזל וועט ער אלץ בלייבען, די שולד וועט מען אלץ אַרויפוואַרפען אויף איהם? צי קאָן בכלל אנ'ארבייטער ארבייטען פלייסיג, ווען ער זעהט פאר זיך קיין צוקונפט ניט, וועלכער זעהט ניט ארוים קיין מעגליכקייט צו פערפיהרען ווען עס איז א פאמיליען־לעבען, ווייל זיין ארבייטס־לוין קלעקט קוים אויף זיין אייגענער הוצאה? קאָן דאָך דער ארבייטער אפילו ניט האָפען ווען עס איז צו בעפריעדיגען דאָס

שטאַרבען, וואָס ליגט אין דער טיעפעניש פון זיין נשמה — צו קאָלאָניזירען זיך, ווייל דערצו מוז מען האָבען א גע־וויסע סומע געלד, און אבשפּאַרען זי פון זיין ארבייט איז פאר איהם אבסאָלוט אונמעגליך.

ביי אזוינע בעדינגונגען איז פערקעהרט נאָך א וואונדער, וואָס מען בעגעגענט נאָך אפט אין פּאַלעסטינע יודישע ארבייטער, ביי וועלכע די ארבייטס־לוסט איז נאָך ניט אויסגעלאָשען געוואָרען און וועלכע קאָנען ווירקליך דיענען אלס מוסטער פון פלייסיגקייט און איבערגעבענהייט צו דער ארבייט. נאָר דער גרויסער אידעאַליזם פון דעם יודישען ארבייטער מאַכט איהם פעהיג דערצו.

ניט די יודישע ארבייטער זענען שולדיג, וואָס ארום ארבייט מען טיילווייז מיט אראבישע קינדער און מען שאצט אב דעם ווערט פון דער ארבייט לויט זייער לוין; ניט זיי זענען שולדיג, וואָס די ערד־אַרבייט אין פּאַלעסטינע טראָגט איין נור אזוי פיעל, מיט וויפיעל עס קאָן זיך בעגנוגענען דער אראבער און קאָן ניט געבען דעם יודישען ארבייטער אפילו אויף אָרים דורכצולעבען זיך; און ניט זיי זענען אויך שולדיג אין די פערשיעדענע פעהלער, וואָס די ארמינים־טראַטאַרען פון די פערמעס מאַכען.

8.

מיר געהען איצט איבער צו בעטראַכטען דאָס לעבען פון דעם יודישען לאַנדווירטשאַפטליכען ארבייטער אין פּאַלעסטינע. דערביי דארף מען פריהער אויסטיילען די קליינע גרופּע קוואַליפיצירטע ארבייטער. זייער לעבען איז אין פיעלע הינזיכטען העכער, איידער פון די איבעריגע. זיי פערדיענען מעהר און האָבען די מעגליכקייט זיך בעסער צו קליידען, בעסער צו עסען און וואוינען אין א בעסערע דירה. זיי זענען מייסטענס אויך מעהר ענטוויקעלט, ווייל זיי האָבען מעהר לײדיגע צייט צום לעזען און זיי שטעלען זיך ניט אב פאר די הוצאות אויף אויסצושרייבען צייטונגען און ביכער. צווישען זיי זע־נען אויך פאַרהאַן אזוינע, וואָס האָבען געוואָגט צו פערפיהרען א פאַמיליען־לעבען. זיי שטרעבען געוועהנליך אנ׳אנטייל צו נעהמען אינ׳ם געזעלשאַפטליכען לעבען פון די קאָלאָניעס, און עס טרעפט, אז די קאָלאָניסטען רעכענען זיך מיט זייערע מיינונגען און פאָדערונ־גען. אויף די פערזאַמלונגען טרעטען זיי געוועהנליך ארויס אין נאָ־מען פון די ארבייטער. מיט זיי שעמט זיך שוין אָפט ניט דער קאָלאָ־ניסטישער עולם, און עס טרעפט, אז די קאָלאָניסטען זענען זיך מיט זיי מתחתן. זיי שאַפען אויך, געוועהנליך, דעם עלעמענט פאר די ארבייטער־קאָלאָניעס. אזוינע ארבייטער בלייבען געוועהנליך תושבים אין לאַנד.

פיעל נידעריגער שטעהט דאָס לעבען פון דעם פשוט׳ען אר־בייטער. זיין לוין דערגרייכט ביז 30—50 פראַנק (6—10 דאָלאַר) א חדש, ווען ער האָט ארבייט דעם גאַנצען חדש. דאָס לעצטע טרעפט

אָבער זעהר זעלטען. די קדחת איז אנ׳אפטער גאסט ביי דעם ארבייטער. נור אין איין אָרט — אין מגדל — האָט דער ארבייטער די מעגליכקייט צו קריינקען טיילווייז אויפ׳ן רעכענונג פון דער פערמע — ווייל פאר 4 פיבער־טעג אין מאָנאט רעכענט מען איהם דאָרט ניט אַראָב פון זיין לוין. אָבער אויב מעהר ווי 4 טעג, קריינקט שוין דער ארבייטער דאָרט אויך אויף זיין אייגענעם חשבון. עס זענען פארהאן ארבייטער ביי וועלכע די קדחת איז געוואָרען א כראָנישע קריינק און זי נעהמט ביי זיי צו אַ גרויסען טייל פון יאָהר. אַזוינע ארבייטער, וואָס זאָלען אין משך פון יאָהר גאָרניט האָבען גע־קריינקט, איז כמעט ניטאָ, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס אין פיעלע קאָלאָניעס און פערמעס נעהמט יעדער ארבייטער יעדען טאָג, אָהן אויסנאַהם, חינין.

און אפילו אזא נאַטירליכע ערשיינונג, ווי רעגען, ווירקט אויך שלעכט אויף דעם פערדיענסט פונ׳ם טעגליכען ארבייטער. די צאָהל רעגען־טעג אין יאָהר וויגט זיך אין פאלעסטינע צווישען 30 און 70. פאר די 15 יאָהר 1880—1895 איז די מיטעלע צאָהל רעגען טעג אין יאָהר אין דער דייטשער קאָלאָניע שרונה, נעבען יפו, געוועזען 57,75. אויסער די רעגען־טעג גופא דאַרף מען אין פיעל ערטער נאָך צורעכענען אויך די טעג, וואָס באלד נאָך די רעגענס, ווייל איבער דער לעהמיגקייט און זומפיגקייט פון דעם באָדען איז דאָרטען דאָ־מאָלסט ניט מעגליך צו ארבייטען אויף די פעלדער אדער אין די גערטנער. און ווען מען זאָל נאָך צורעכענען א טעג 10 יודישע ימים טובים אין יאָהר, וועט מען צוזאמען בעקומען, אויסער שבתים, א 75 טעג אין יאָהר, וואָס דער ארבייטער מוז בטל׳ען. ד. ה. אנשטאט 26 טעג אין חדש קומט איהם אויס צו ארבייטען אין דורכשניט ניט מעהר ווי 20. און ביי אזא צאָהל ארבייטס־טעג אין מאָנאט האָט ער אפילו ביי זיין מאקסימאלען לוין — 12 גרוש א טאָג — ניט מעהר ווי 40 פר. (8 דאָלאר) א מאָנאט.

ווי מיר האָבען שוין אויבען געזעהען, דאַרף אַזוי פיעל אין די קאָלאָניעס אוועקגעהן אויף דירה און קעסט. בלייבט ביים ארבייטער אויף זייטיגע הוצאות גאר נישט איבער, סיידען ער שפּאָרט אָפּ פונ׳ם עסען, ד. ה. ער זאָגט זיך אב איינגאנצען אָדער טיילווייז פון געקאָכטעס. אזוינע ארבייטער בעגעגענט איהר טאקע אין פאלעסטינע ניט זעלטען. אויף וויפיעל דאָס ווירקט צושטערענד אויפ׳ן געזונד פון דעם ארבייטער — איז זיך לייכט פארצושטעלען. און דערפאר בעגעגענט איהר טאקע זעלטען אין די פאלעסטינער קאָלאָניעס אנ׳ארבייטער, וואָס זאָל מיט זיין געזונדהייט און שטארקהייט ציהען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט. און די אויסגערעכענטקייט פון דעם יודישען ארבייטער דערגעהט דאָרט אויך אָפּט דערפאר ביז קליינינגקייטען. אויף דער יהודה׳ער קאָנפערענץ, צ. ב. האָט מען זיך פיעל מתוכח געווען, צי מען קאָן ארויפוואַרפען אויף די חברים אַנ׳ אָבצאָהל פון א האלבען בישליק (11 קאָפּ. 5½ סענט) א מאָנאַט. איי־

ניגע דעלעגאַטען האָבען אויפגעוויזען, אַז דאָס איז פאַר אַ געוועהנ־ליכען ארבייטער א צו־גרויסער אבצאָהל. אויף דער גליל'ער קאָנ־פערענץ האָט מען בעשטימט דעם אבצאהל אויף א האלבען פּראָ־צענט פונ'ם פערדיענסט, וואָס עס כ'אכט אויס אנ'ערך 8—11 קאָפּ. אַ מאָנאַט.

אויף קליידונג בלייבט שוין ביים ארבייטער כמעט גאָרנישט, און נאָכדעם ווי די קליידער, וואס ער האָט מיט זיך געבראַכט פון דער היים, ווערען צוריסען, איז איהם שוין שווער ארויפצושלאָגען זיך אויף אנדערע. דערפאר געהט ער מייסטענס וואָך און שבת, ביי דער ארבייט און נאָך דער ארבייט אין איין און דיזעלבע קליידער. שיך ווערען א לוקסוס ביי איהם און ער פערבייט זיי אָפט מיט אראבישע פּאנטאָפּעל. אנשטאט אנ'אויבער־בגד טראגט ער אָפט א גראבע אראבישע „אבייע" און ביי דער ארבייט אפילו א פשוט'ן זאק. ער ווערט ביסלעכווייז אלץ מעהר און מעהר אָבגעלאָזען. ביי איהם אין צימער, וואו ער וואוינט געוועהנליך נאָך מיט איינעם, מיט צוויי אָדער אפילו אין א גרעסערער קאָמפּאניע, איז אַזוי אומ־ריין, אז עס איז שווער אהין ארייגצוגעהן. אין חדרה און אין פּתח־תקוה האָט מען אויסגעבויט ארבייטער־הייזער, וואו מען פערדינגט פאר ארבייטער צימערן צו 8 — 12 פראנק א חדש פאר צווייען אָדער דרייען. איז אין די צימערן פון די ארבייטער אין חדרה אזא שמוץ און אונאָרדנונג, אז עס איז בעסער ניט צו רעדען וועגען דעם. מען האָפט, אז אין פּתח־תקוה, וואו דאָס ארבייטער־הויז האָט זיך ניט לאנג געעפענט, וועט די ארדנונג זיין א בעסערע.

אויף די פערמעס איז די לאגע אביסעל בעסער. די ארבייטער בעקומען דאָרט אומזיסטע דירות. אמת די דירות זענען ניט גאר בעקוועם. אין די צימערן שטעלט מען אַן אַזוי פיעל בעטלעך, וויפיעל עס שטעלט זיך נור; קיין בעזונדער מענש, וואָס זאָל צוקלייבען, איז ניטאָ, איז דארט אויך זעהר שמוציג. בכלל איז אויף אלע פער־מעס אַ שרעקליכע איינגשאפט. ניטאָ דאָרט איין פרייער ווינקעל, וואו ווער עס איז זאָל ניט נעכטיגען. אָבער דערפאר צאָהלט דער ארבייטער פאר דער דירה גאָרנישט. די ארבייטס־צייט אויף די פערמעס, איבערהויפּט אויף די נאַציאָנאלע, איז אויך קירצער: ווינטער 7½ שעה, זומער — ביז 9 שעה אין טאָג (אין די פּריוואַ־טע פלאנצונגס־ווירטשאפטען איז דער ארבייטס־טאָג לענגער, איי־דער אין די נאציאנאלע פערמעס, געוועהנליך אויף 1—1½ שעה; אין די פעלד־ווירטשאפט־קאָלאָניעס אבער דויערט ער פון זונ־אויפגאנג ביז זונ־אונטערגאנג). קיין משגיחים וואָס זאָלען אונטער־טרייבען ביי דער ארבייט, זענען אויף די פערמעס ניטאָ. מיט'ן עסען איז דאָרט אויך בעקוועמער. אין אלע פערמעס זענען דאָרטען פאר־האן קאָאָפּעראטיווע קיכען. דאָס עסען קאסט 30—40 פר. א מאָ־נאט; דערפאר אבער איז ער בעסער און געזינטער ווי אין די אר־בייטער־האָטעלען אין די קאָלאָניעס. דער ארבייטס־לוין איז אין

די נאציאנאלע פערמעס זעלטען ווענינער, ווי 10 גרוש א טאג, נאר מייסטענס 12 און אויף די פריוואטע — 9־12 גרוש א טאג.

די מאנאטליכע ארבייטער, איבערהויפט אין די פעלדווירט־שאפטליכע קאלאניעס, זענען מעהר פערנומען, ווי אנדערע, ווייל קומענדיג פון פעלד האבען זיי נאך ארבייט ארום די פערד. און ביינאכט דארפען זיי אויך אויפשטעהן און געבען עסען די פערד און די אקסען. דערפאר אבער האבען זיי שטענדיגע ארבייט; מען רעכענט זיי ניט אראב פאר די רעגען־טעג און ניט פאר פיבער. זיי בעקומען געוועהנליך קעסט און דירה ביים בעל־הבית און דערצו נאך 10—20 פראנק א מאנאט. אויב ווער פון זיי האט ארבייט דאס גאנצע יאהר, קאן ער נאך וואס עס איז אבשפארען.

בעזונדערס שווער איז די ארבייט פון די שומרים. פון פריהען אוועגד ביז דער עולם געהט ארויס צו דער ארבייט אין דער פריה; אין די ווארימע שעהנע זומער נעכט ווי אין די לאנגע, קאל־טע ווינטער־נעכט; אונטער'ן גוס רעגען, בעגלייט מיט'ן הוילען פון די שאקאלען, שפרייזען זיי ארום אדער רייטען ארום אין דער פינסטערער שטילקייט פון דער נאכט. נאכדעם פערוואנדלען זיי דעם טאג אין נאכט. זיי קאנען כמעט קיין אנטייל ניט נעהמען אין דעם ארומיגען לעבען, דערהויפט ווינטער, ווען די טעג זענען קורץ. שוין ניט איינער פון זיי איז געשלאגען געווארען אדער אפילו דער־הרג'עט געווארען; נאר זיי שטעהען אלץ פעסט אויף דער וואך. זייער געהאלט איז 50—55 פראנק א מאנאט; די רייטער בעקומען מעהר. פון דעם דארף אבער יעדער שומר אבגעבען 5 פראנק יעדען מאנאט אין דער קאסע פון דער שומרים־ארגאניזאציע אלס פ ע ר ז י כ ע ר ו נ ג ס ־ פ ר ע מ י ע.

דער גייסטיגער צושטאנד פון די ארבייטער אין פאלעסטינע איז אויך ניט אין אלע ערטער גלייך. אין גליל איז ער אביסעל העכער, איידער אין יהודה; אויף די פערמעס העכער, איידער אין די קאלאניעס. אויף די נאציאנאלע פערמעס, וואו די ארבייטס־צייט איז קירצער, האט דער ארבייטער א ביסעל צייט צום לעזען. אין א פאר פערמעס זענען פארהאן קליינע ביבליאטעקען, אין איינינע שרייבט מען אויס די אדער יענע זשורנאלען און אפילו צייטונגען. ווייל די ארבייטער לעבען דא אין גרעסערע גרופען נאהענט איינע צו די אנדערע, איז אביסעל פרעהליכער. אין איינינע פערמעס — אין כנרת, אין מגדל — זענען אויך פארהאן ארבייטארינס, און דאס בעשעהנט דארט א ביסעל דאס ארימע לעבען. ווען עס איז, חאטש אפילו זעלטען, מאכט מען דארט א לוסט־אווענד מיט טענץ און מיט אייגענער מוזיק. דא זענען ניטא קיין קאלאניסטען, וואס זא־לען בילדען די געזעלשאפטליכע מיינונג, און דער ארבייטער פיהרט זיך, ווי ער געפינט פאר גוט און נויטיג. דער ארבייטער פיהלט זיך דא אויך פעסטער, ווייל ער איז מעהר אדער וועניגער זיכער, אז מען וועט איהם מארגען אהן קיין סבה ניט אבזאגען פון דער ארבייט,

אָדער פערבייטען איהם מיט אנ'אראבער. דאָ בעקומט מען ווירקליך אמאָל די אילוזיע, אז מען איז פרייע מענשען. דערהויפּט איז העכער די שטימונג אין גליל. דאָ זענען די בעסטע און אידעאליסטישע ארבייטער פון פּאַלעסטינע. ביי פיעלע פון זיי לעבט נאָך די האָפענונג צו ווערען ערגעץ מיטגלידער פון א קאָאָפּעראטיווער גרופּע, אָדער זיך אליין ערגעץ קאָלאָניזירען.

דער גייסטיגער צושטאַנד פון דעם ארבייטער אין די קאָלאָניעס שטעהט פיעל נידעריגער. נאָך א גאַנצען טאָג אַרבייט איז ער פערמאַטערט און קאָן זעלטען ווען עס איז לעזען. קיין אינטעליגענטנע קרעפטען, וואָס זאָל זיך אינטערעסירען מיט דעם ארבייטער זענען אין די קאָלאָניעס ניטאָ. אויסגעבען געלד אויף ביכער און זשורנאַלען קען דער ארבייטער ניט. קיינע חברות אָדער קרייזלעך זיינען צווישען די ארבייטער ניטאָ. די צוויי ארבייטער אָרגאַניזאַציעס אין פּאַלעסטינע — די „פּועלי־ציון“ און דער „הפּועל הצעיר“ — האָבען יעדע נור ביז 200 חברים און דאָס שוין צוזאמען מיט פערמערשע און שטאָדטישע ארבייטער, מיט די מיטגליעדער פון די קאָאפּעראטיווע גרופּען און מיט פיעלע לעהרער פון די שולען.

און דאָס גאַנצע „פּארטיי־לעבען“ דריקט זיך אויס אין בעקומען דעם פּארטיי־אָרגאַן איין מאָל אין וואָך („האחדות“) אָדער אין צוויי וואָכען („הפּועל הצעיר“), קיינע פערזאַמלונגען זיינען ביי די אַרבייטער ניטאָ. איצט האָט זיך אין פּתח־תקוה געעפענט אַן ארבייטער קלוב; אפשר וועט דארט א דאנק דעם, צווישען די ארבייטער אביסעל אינטערעסאַנטער ווערען.

אין זייער רעליגיעזער אויפפיהרונג זענען די ארבייטער אין די קאָלאָניעס טיילוויז אָבהעניג פון דער בעל־הבית'שער קאָלאָניסטישער מיינונג, ביי דער ארבייט פיהלען זיי זיך שוואַך און אָבהענדיג, ווייל פאָדערן בעסערע בעדינגונגען פון ארבייט קאָנען זיי ניט — דער קאָלאָניסט האַלט, אז ער טוט א חסד מיט דעם יודישען ארבייטער דערמיט שוין, וואָס ער גיט איהם בכלל ארבייט, און דער אראבער איז שטענדיג גרייט צו פערנעהמען דאָס אָרט פון דעם יודען. יעדען קלענסטען ארויסטריט פון די ארבייטער בעגעגענט דער קאָלאָניסט מיט דער שטאַרקסטע שנאה. די שטימונג פון דעם קאָלאָניסטישען עולם צום פּשוט'ען ארבייטער איז בכלל א פיינדליכע און — אין בעסטען פאל — א פעראכטונגס־פולע, דערהויפּט איז די שטימונג א פיינדליכע מצד יענע קאָלאָניסטען, וועלכע האָבען אין זייער צייט קירצער אָדער לענגער געגאָסען פון דעם באַראָנס תמיכה.

עס איז וויכטיג צו בעמערקען דאָ נאָך וועגען איין ערשיינונג אינ'ם גייסטיגען לעבען פון דעם ארבייטער. אזוי ווי די ארבייטס־בעדינגונגען צווינגען צו פערקלענערען די בעדערפעגישען, האָט זיך ביסלעכוויז ביי די מעהר איבערגעגעבענע ציוניסטיש געשטימטע

אַרבייטער און אפילו ביי דער אַרבייטער־אינטעליגענץ אויסגעאַרבייט די אידעאַליזירונג פון דער בעדערפעניש־פערקירצונג. „מען דאַרף זיין וואָס נעהענטער צו די אַראַבער, כדי מען זאָל מיט זיי לייכטער קאָנען קאָנקורירען" — דאָס איז דער לאָזונג. און די דאָזיגע שטרעבונג צו זיין עהנליך צו די אַראַבער אין דער הינזיכט פון מאַטעריעלע בעדערפענישען האָט געפיהרט אויך ווייטער אויפ'ן וועג פון אַ ר אַ ב י ז י ר ו נ ג. פיעלע אַרבייטער און בעזונדערס די שומרים קליידען זיך אומישנע ווי די אַראַבער, ריידען מייסטענס אַראַביש, האָבען איבערגענומען ביי די אַראַבער זייערע ליעדער, זייערע גראָבע ווערטער און זידלערייען, האָבען זיך אויסגעלערנט זייערע ווילדע טענץ און די קונסט צו פעכטעווען, און בכלל איבערגענומען ביי די אַראַבער פיעלע זייערע מנהגים. די אַראַביזירונג אַלס אידעאַל איז מעהר פערשפּרייט אין גליל און מייסטענס צווישען די, וואָס וואָלטען ניט וועלען פערלאָזען דאָס לאַנד.

ביי די אַלע בעדינגונגען איז גאָר ניט קיין וואונדער, וואָס דער אידישער אַרבייטער האַלט זיך ניט לאַנג אין פּאַלעסטינע. פון די וואָס זענען געקומען מיט 6־7 יאָהר צוריק זענען איצט געבליבען נור געצעהלטע. „הונדערטער יונגע לייט האָבען מיט עגמת נפש פערלאָזען דאָס לאַנד, איינינע זענען משוגע געוואָרען אָדער זיך אַליין דאָס לעבען גענומען, און איצט פאָהרען אויך מיט יעדען שיף אָב מעהר אַרבייטער פון פּאַלעסטינע, איידער עס זענען מיט'ן זעלבען שיף אָנגעקומען, צעהנדליגער יונגע לייט פערלאָזען דאָס לאַנד, און עס קומען שוין נייע נור יחידי סגולה". און נאָך אַ גרעסערער צאָהל וואָלט אוועקגעפאָהרען פון דאָרט, ווען זיי וואָלטען געהאַט מיט וואָס.

דער יודישער אַרבייטער אין פּאַלעסטינע איז דערום נור אַ צייטווייליגער, און נור אַ דאַנק דער דאָזיגער לאַגע פון דעם יודישען אַרבייטער אין פּאַלעסטינע קאָנען אויפקומען אַזוינע פּראָיעקטען, ווי פונ'ם ה. אוסישקין: די אידישע יונגע לייט זאָלען נור אויף אַ צייט — אויף דריי יאָהר — פאָהרען קיין ארץ ישראל, זיי, די יודישער אַרבייטער, וועלען דאָרט דאַרפען אַרבייטען, האָרעווען ניט פאַר זיך, נאָר כדי צו שאַפען אַ נחלה אין פּאַלעסטינע דעם אָדער יענעם יודישען בעל־הבית, וועלכער וועט פערבייטען דעם יודישען אַרבייטער מיט אַראַבישע, ווי נור דער ערשטער וועט וואַגען עטוואָס צו פאָדערן... פאַר די יודישע אַרבייטער אָדער „יונגע לייט" רעדען אַזוינע פּראָיעקטען אַליין פאַר זיך.

.9

מיר געהען איצט איבער צו דער לעצטער פראַגע — וועגען די תימנ'ער. מיר האָבען שוין געזעהען, אַז אפילו אין די ערטער, וואו מען אַרבייט פּרינציפּיעל מיט יודישע אַרבייטער, למשל, אין די פערמעס, איז פאַרהאַן אַ טענדענץ צו פערבייטען די טייערע יודישע

אשכנז׳ישע הענד מיט וועלוועלערע ספרד׳ישע און תימנ׳ישע. שוין איצט זענען פאַרהאַן אין איינינע קאָלאָניעס גרויסע גרופּען תימנ׳ער, און גאָר די לעצטע צייט איז אָנגעקומען א נייע פּאַרטיע זייערע, גערופען פון די ציוניסטישע טוער. קולטורעל שטעהען די תימנ׳ער אויף אזוי פיעל נידעריגער פון אונזערע אשכנז׳ישע יודען, אז עס איז זיי גאָרניט צו פערגלייכען. אין זייערע בעדערפעניש׳ען שטעהען זיי אויף דערזעלבער שטופע, וואָס די אראבער. בכלל זענען דאָס אראבער, נאָר אביסעל מעהר אינטעליגענטע און — פון יודישען גלויבען.

און דער דאָזיגער עלעמענט וועט אפשר ווירקליך קאָנען קאָנקורירען מיט׳ן אראבער. איהם וועט גענוג זיין דער לוין, וואָס דער אראבער בעקומט; און דער קאָלאָניסט בעגעהט זיך מיט איהם ניט בעסער און עקספּלואַטירט איהם ניט וועניגער, איידער דעם אראבער. פאַר דער שלעכטער ווירקונג פון די תימנ׳ער אויף זיינע קינדער אין רעליגיעזער הינזיכט האָט דער קאָלאָניסט ניט וואָס מורא צו האָבען: דער תימנ׳ער איז פרימער פאַר׳ן פרימסטען קאָלאָניסט. שעמען זיך פאַר׳ן תימנ׳ער איז דעם קאָלאָניסט אויך ניטא וואָס; ער איז דען זיין גלייכען? און נוצען קאָן דער קאָלאָניסט האָבען ניט נור פון די דערוואקסענע תימנ׳ער: די קליינע תימנ׳קעס זענען ניאַנקעס ביי די קינדער פון די קאָלאָניסטען. די דערוואַקסענע תימנ׳קעס מעלקען די בהמות, טוען פערשיעדענע שטוביגע ארבייט ביים קאָלאָניסט, דאָס אַלץ קאָסט דעם קאָלאָניסט א קלייניגקייט און ער בעפרידיגט נאָך דערביי די פאָדערונג צו האַלטען יודישע ארבייטער. פיעלע גוטע ציוניסטען אפילו, ווי מיר האָבען שוין אָנגעוויזען, נעהמען איצט ניט קיין יודישע ארבייטער, ווייל זיי האָבען אריינגעלעגט אין זייערע נחלאות געלד, און געלד פאָדערט פּראָצענטען, און די יודישע ארבייט גיט זיי פּראָצענטען זעהר וועניג. אָבער דער געוויסען איז ביי זיי דאָך געוויס ניט רוהיג, ווען עס וואָלטען אָבער געווען די תימנ׳ער, וואָלטען די געהעריגע פּראָצענטען אפשר געווען און דאָס געוויסען וואָלט ניט בייסען.

און די תימנ׳ער האָבען נאָך פיעל „מעלות“ פאַר דער פּאַלעסטינער קאָלאָניזאַציע: זיי טראָגען ניט אריין קיין דיסאָנאַנס מיט קיין העבערער קולטור ניט אין אראבישען קרייז, ניט אין די פרומע יודישע קרייזען, וועלכע בילדען אוים מעהר ווי 95% פון דער גאַנצער יודישער בעפעלקערונג אין פּאַלעסטינע. זיי ריידען אויף אנ׳אראבישען זשארגאָן און וועלען זיך דערפאַר גיכער קאָנען צופּאַסען צו דער ארומיגער בעפעלקערונג. צווישען זיי וועט אויך לייכטער זיין צו פערשפּרייטען די העברעאישע שפּראַך, אלענפאַלס געוויס גיכער איידער צווישען די אשכנז׳ישע יודען, וועלכע האָבען צומאָל אנ׳אַנדער מיינונג וועגען דעם. זיי זענען אַלע אָטאָמאַנישע בירגער און מען וועט זייערע שטימען קאָנען אויסנוצען צו פּאָליטישע צוועקען, וואָס עס מוז ביי די ציוניסטען געוויס שפּיעלען א וויכטיגע ראָלע. און די תימנ׳ער, וועלכע קומען אין פּאַלעסטינע, פאָהרען שוין פון

דארט ניט אזוינע, ווי די אשכנזישע ארבייטער, און פערגרעסערען אויף אזא אופן מיט זיך די יודישע בעפעלקערונג אין פאלעסטינע.

און ווען איך טראכט זיך אריין אין דער ארבייטס־פראגע אין פאלעסטינע שיינט מיר צו זיין ריכטיג דער פאלגענדער געדאנק. אויף וויפיעל פאר דעם יודישען ארבייטער איז אין פאלעסטינע קיין ארט ניט פארהאן, אויף אזוי פיעל איז, פערקעהרט פאלעסטינע אנגעמאסטען פאר די תימנ׳ער און די תימנ׳ער פאר פאלעסטינע. און די ציוניסטען וואלטען זעהר פראקטיש געווען, ווען זיי וואלטען גע־לאזען צו רוה דעם יודישען ארבייטער און גענומען זיך ערנסט פאר אגיטאציע צווישען די תימנ׳ער. דארט וואלטען זיי געוויס געהאט ניט אין אנ׳ערך א גרעסערען ערפאלג.

וועגען די ארבייטער אין די קאאפעראטיווע גרופען אין פאל־גענדען ארטיקעל. איצט נאך א פאר ווערטער וועגען די שטאדטישע יודישע ארבייטער. אין ירושלים איז פארהאן זייערע א צעהנדליג, אין חיפה א פאר צעהנדליג און אין יפו 50־60. אין חיפה איז פאר־האן א פאבריקעל פון זייף און א מעכאנישער קליינער זאוואדעל. אין יפו זענען פארהאן פערשיעדענע בעלי־מלאכות: שניידער, שוס־טער, און א היפשע גרופע זעצער, אויך ביי א צעהנדליג ארבייטא־רינס. די שטאדטישע ארבייטער דאס זענען יודישע ארבייטער פון רוסלאנד, וועלכע זענען נאך גאר ניט לאנג אנגעקומען אהין. פארהאן צווישען זיי גאנץ ענטוויקעלטע, געוועזענע רעוואלוציאנערען. זיי האבען אין יפו און אין חיפה געגרינדעט פאר זיך ארבייטער־קלובען מיט ביבליאטעקען. און די דאזיגע ביבליאטעקען זענען די איינצי־גע, וואו מען שרייבט אוים יודישע ביכער אויך. כמעט דאס גאנצע לעבען אויסער דער ארבייט פערברייננגען די ארבייטער אין קלוב, ווייל קיינע אנדערע פערוויילונגס־ערטער זענען דארט ניט פארהאן, און עס איז דערפאר אין קלוב גאנץ פרעהליך. די ארבייטער האבען געגרינדעט אנ׳אייגענע קיך, וואו דאס עסען קאסט ניט זעהר טייער. בכלל אבער לעבט דער ארבייטער אין שטאדט זעהר ארים, ווייל זיין פערדיענסט איז ניט גרוים און די הוצאות פון לעבען אין שטאדט זענען פערקעהרט גרוים; אלץ: דירה, קליידונג און עסענווארג קאסט זעהט טייער. קיין ארט פאר א בעדייטענדער צאהל נייע ארבייטער איז דארט ניטא, ווייל קיינע פאבריקען אדער גרויסע האנדווערקערייען זענען ניטא, און די ארבייטס־פלעצער וועלכע זענען פארהאן, זענען פערנומען. פערגרעסערען זיך בעדייטענד קאן די צאהל פון די שטאדטישע יודישע ארבייטער אין פאלעסטינע אויך להבא ניט, ווייל עס פעהלט דארט יעדע אינדוסטריע.

דאס זענען די פערשיעדענע פאקטען וועגען דעם לעבען און די ארבייטס־בעדינגונגען פון די יודישע ארבייטער אין פאלעסטינע, און די אויסזיכטען אויף ארבייט, וואס מען קען דארט האבען,

III.

די לאַנדווירטשאַפטליכע קאָאָפּעראַציע אין פאַלעסטינע.

אויב אין רוסלאַנד און אין אמעריקא זענען נאָך פאַרהאַן אזוי־נע, וואָס איבער זייער אונוויסענהייט בנוגע צו דער לאַגע פון דער קאָלאָניזאַציע אין פאַלעסטינע האַלטען זיי זי פאַר געזונד און פעסט, זענען אין פאַלעסטינע גופא שוין אַלע געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די גאַנצע ביז אהעריגע קאָלאָניזאַציאָנס־ארבייט האָט זיך דאָרט ניט איינגעגעבען, די יק'א איז די לעצטע צייט געקומען צו דער איבערצייגונג, אז פאַלעסטינע איז בכלל ניט קיין לאַנד פאַר יודישער קאָלאָניזאַציע און זי סטאַרעט זיך ביסלעכווייז צו ליקווידירען אזוי צו זאָגען איהרע געשעפטען דאָרט. וועגען נייער ווייטערדיגער קאָלאָניזאַציע דאָרט קלערט זי מעהר ניט. די ציוניסטען האָבען צו אזא בעשלוס, פערשטעהט זיך, ניט געקאָנט קומען. ווייל דאָס וואָלט געהייסען — זיך אַליין אונטערשרייבען א טויט־אורטייל. זיי זוכען דערפאַר דאָרט נייע וועגען, נייע פאָרמען פון קאָלאָניזאַציע, און קאָלאָניזאַציאָנס מעטאָדען.

איינע פון די דאָזיגע נייע פאָרמען — איז די קאָאָפּעראַציע. צו דער לעצטער איז מען געקומען אין פאַלעסטינע ניט דורכדעם, וואָס מען האָט פערשטאַנען, אז דאָס איז א העכערער פאָרם פון ווירטשאַפט, וועלכער פעראייניגט די מעלות סיי פון דער קליינער אינדיווידועלער, סיי פון דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט און קאָן דערפאַר מאַכען די ארבייט מעהר פּראָדוקטיוו. מען איז דאָרט געקומען צו איהר גאָר פון אַן'אַנדער זייט.

ווי מיר האָבען געזעהען אין דעם פריהערדיגען ארטיקעל, נעהמט מען אויף די נאַציאָנאַלע און אַנדערע פערמעס צו פּרינציפּיעל נור דעם יודישען ארבייטער. אין יענע פערמעס, וואו מען בעשעפטיגט זיך מיט פּ ל אַ נ צ ע ן און וואו מען האַלט דערווייל אין איין אריינלעגען געלד, גאַרניט ארויסנעהמענדיג, וועט ערשט די צוקונפט ווייזען, אויף וויפיעל דאָס געלד איז דאָרט פערטהון פּראָדוקטיוו און אויף וויפיעל די ווירקליכע קומענדיגע הכנסות וועלען ענטשפּרעכען די ערוואַרטענדע. און דערווייל איז דאָרט מעגליך צו לעבען אָהן א רעכענונג און פיהרען די ארבייט אויף א געוועהנליכען שטייגער — דורך אַן'אַדמיניסטראַטאָר און געדונגענע ארבייטער. אין די פערמעס אָבער מיט א

פעלד־ווירטשאפט. וואו דער חשבון איז א קלאהרער יעדעס יאהר, האט אזא ארבייט־סיסטעם גלייך ארויסגעוויזען אונגעהויער גרויסע רעפיציטען. די ציוניסטישע טהוער, איבערהויפט דער ד"ר רופין, האט זיך דעריבער דערטראכט צו דעם, מען זאל אבגעבען געוויסע טיילען באדען צו בעארבייטען גאנצע גרופען אידישע ארבייטער אויף זייער אייגענער אחריות. דערמיט וועט מען, ערשטענס, פטור ווערען פון דער גרויסער הוצאה אויפ'ן אדמיניסטראטאר, און צוויי־טענס, וועלען די ארבייטער, וועלכע וועלען זיין פעראינטערעסירט אין דעם רעזולטאט פון זייער ארבייט, ארבייטען אינטענסיווער. און ער האט אין יאהר תר"ע אבגעגעבען צו בעארבייטען דעם באדען פון אם־דזשוני א גרופע ארבייטער (די דגניה'ער גרופע). שפעטער האבען דעם ד"ר רופין נאכגעטהון אויך אנדערע: די יק"א אין סעד־זשערע; ה' גליקין אין מגדל. און אין יאהר תרע"ב, ווען איך בין גע־ווען אין פאלעסטינע, זענען דארט אזוינע קאאפעראטיווע גרופען געווען אין פאלגענדע ערטער: 1) דגניה — 14 חברים, בעארבייט אין תרע"א ביז 1800 דונ. באדען (אינגאנצען איז אין דגניה פארהאן 3077 דונ.); 2) אין חולדה — 7 חברים, 1200 דונ. באדען; 3) אין לוד — 5 חברים, (בעארבייטען א גרינס־גארטען); 4) אין מגדל — 7 חברים, 1500 דונ. באדען, און 5) אין סעדזשערע — 7 חברים, 1300 דונ. באדען.

און נאך איין וועג האט אין פאלעסטינע געפיהרט צו דער קאא־פעראציע. אין פאלעסטינע איז כמעט ניטא קיין פרייער באדען, דאס הייסט, אזוינער, וואס זאל טויגען פאר פעלד־ארבייט און וואס זאל שוין איצט ניט זיין בעארבייט. דער באדען געהערט אדער די אראבישע דערפער, אדער די אראבישע פריצים (עפענדי'ס). אין לעצטען פאל נעהמען עס די אראבישע פויערים (פאלאכען) אין ארענדע, אדער זיי ארבייטען עס פון חלק. און ווען די יודען קויפען אב א שטיק ערד, קומט זיי אויס, אראבצוטרייבען פון דארט די אראבער. (אמת, מיט דער צייט נעהמען די אידען זיי צו צו זיך אויף דער ארבייט, אבער פון אנהויב בעזעצט מען דאך אזוינע קאָ־לאניסטען, וועלכע זאגען־צו אליין צו ארבייטען). די אראבער זענען זיך דערפאר יעדעס מאל נוקם אן די אידען. און מען דארף זיין העל־דען, אום דאס ערשטע מאל צו פערנעהמען דעם ניי־ערווארבענעם שטיק באדען. געוועהנליכע קאלאניסטען זענען אויף דעם ניט פע־היג. און ווען מען האט מיט עטליכע יאהר צוריק אבגעקויפט פאר די מעסחער קאלאניסטען א שטיק באדען נעבען מעסחע, האבען די קאלאניסטען אליין ניט געוואגט ארויפצוגעהן אהין ארבייטען. צום סוף איז מען געפאלען אויף אנ'עצה: מען האט איבערגעגעבען די ארבייט א גרופע אידישע ארבייטער. יענע האבען געשטעלט דאס לעבען אין סכנה און האבען, נאך א געשלעג מיט די אראבער, „איינ־גענומען" דעם באדען. און נאכדעם ווי זיי, די אידעאליסטען, האבען דאס אבגעטהון, זענען שוין דאס אנדערע יאהר די קאלאניסטען

אליין געגאנגען ארבייטען (און איצט בעארבייטען שוין די קאלאניס־טען דעם דאזיגען באדען מיט אראבישע הענד).

דאס זעלבע האט מען אויך געטהון, ווען מען האט געדארפט פערנעהמען דאס ערשטע ארט אין עמק־יזרעאל, וואס די אידען האבען אבגעקויפט — אפוליע אדער מרחביה.

אזא גרופע, וועלכע האט געדארפט איינגעהמען דורך איהר ארבייט א ניי ארט און צוגרייטען איהם צו א אידישען ישוב, איז אין יאהר תרע"ב געווען נור איינע — אין מרחביה. זי איז בעשטאנען פון 18 חברים און האט בעארבייט א 4000 דונ. באדען. און אויסער דעם האט זיך אין דעם זעלבען יאהר תרע"ב געגרינדעט אין מרחביה א נייע אפענהיימערישע קאאפעראציע, וועלכע האט די אויפגאבע צו בעווייזען דעם יתרון פון דער קאאפעראטיווער ווירטשאפט־פארם איבער דער פריוואטער און איבערהויפט פון דער קאאפעראציע לויט אפענהיימער'ס שטה. זי איז בעשטאנען פון 34 חברים און בעארבייט ביז 3500 דונאם באדען.

די אלע קאאפעראטיווע גרופעס, אויסער אפענהיימער'ס קאא־פעראציע, זענען געגרינדעט געווען מיט קליינע וואריאציעס אויף פאלגענדע בעדינגונגען: 1) די גרופע ווערט צונויפגעשטעלט אויף א יאהר; 2) זי בעקומט פון דעם בעל־הבית (דעם נאציאנאל־פאנד, יק"א א. ד. ג.) אלץ, וואס עס איז נויטיג אויף צו בעארבייטען דעם באדען: לעבעדיגען און טויטען אינוועגטאר, זריעה, עסען די פערד א. ד. גל.; 3) יעדער מיטגליד פון דער גרופע בעקומט 45־50 פר. א חודש; דער געהאלט פון אלע חברים אין איין און דער זעלבער גרופע איז גלייך. נאכ'ן אבדרעשען רעכענט מען אראב אלע הוצאות, דערין אויך שכירות די ארבייטער און די אמארטיזאציע פון דעם אינוועגטאר, און אויב עס בלייבט ריוח, טיילט מען איהם אויף דער העלפט צווישען דעם בעל־הבית און די ארבייטער. די ארבייטער אליין טראגען אין די ווירטשאפט אויסער זייער ארבייטס־קראפט, גארנישט אריין. און ווען צום סוף יאהר איז פארהאן א דעפיציט, פאלט ער אויפ'ן בעל־הבית אליין.

קיינע אדמיניסטראטארען זענען אין דער גרופע נישטא. מיט אלע ארבייטען פיהרען אן די ארבייטער אליין, אדער א קאמיסיע פון זיי, וועלכע זיי אליין קלייבען אויס.

די געמיינשאפטליכע ארבייט אין די גרופעס האט כמעט אומע־דום געפיהרט דערצו, אז די חברים פון די גרופעס זאלען איינארדנען אויך א געמיינשאפטליכע שטוביגע ווירטשאפט. ד. ה. זיי נעהמען צו אלס גלייכבערעכטיגטע חבר'טעס פון דער גרופע א פאר מיידלעך, וועלכע דארפען צוקלייבען אין שטוב, קאכען, ארומנעהען, וואשען גרעט א. ד. ג.

אויף א ביסעל אנדערע יסודות איז געגרינדעט די אפענהיימע־רישע קאאפעראציע. אויף צו גרינדען זי האבען די ציוניסטען גע־

שאַפען אַנ'אַקציאָנערע געזעלשאַפט. די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער גאַנצער ווירטשאַפט איז אַרויפגעלייגט אויף אַנ'אַדמיניסטראַטאָר, וועלכער האָט זיך נור צוגעקליבען אַ קאָמיסיע פון די מיטגליידער אַרבייטער, מיט וועלכע ער בעראַט זיך ביים אָנפיהרען די אַרבייט. דער געהאַלט פאַר די מיטגליעדער איז דאָ ניט פאַר אַלעמען גלייך, נאָר לויט דער ווערדע פון יעדערענס אַרבייט. אויב עס בלייבט סוף יאָהר ריוח, ווערט ער איינגעטיילט צווישען די מיטגליעדער פון דער קאָאָפעראַציע אַלס איבער־לוין און צווישען די אַקציאָנערן אַלס דיווידענד.

צי קאָן מען אויפ'ן גרונד פון די עקזיסטירענדע אין פאַלעסטינע קאָאָפעראַטיווע גרופּעס אורטיילען וועגען די מעלות אָדער, פערקעהרט, חסרונות פון דער קאָאָפעראַטיווער ווירטשאַפט בכלל? דערווייל נאָך זעהר וועניג. ערשטענס, זענען די גרופּעס נאָך צו יונג, מען זאָל שוין אויף זייער יסוד קאָנען מאַכען וועלכע ס'איז אויספיהרען. צווייטענס, פיהרען די אַלע גרופּעס ניט קיין פיעלזייטיגע וויסענשאַפטליך איינגעאָרדענטע ווירטשאַפט, נאָר אַ פשוטע פעלד־ווירטשאַפט, וועלכע טיילט זיך אונטער פון אַלע אַנדערע קאָלאָניסטישע ווירטשאַפטען אפשר נור דערמיט, וואָס מען בענוצט דאָ בעסערע מאַשינעס. די ווירטשאַפט איז אין די גרופּעס איינזייטיג, וואָס ס'לאָזט ניט שטענדיג אויסנוצען אין אַ פולער מאָס די עקזיסטירענדע אַרבייטס־כחות פון דער גרופּע, און צייטענווייז קומט אויס צ ו צ ו ד י נ ג ע ן אַרבייטער, וואָס דעמאָראַליזירט אַביסעל די קאָאָפעראַציע, אַריינפיהרענדיג אין איהר עקספּלואַטאַציע. שליסענדיג אַ קאָנטראַקט נור אויף אַ יאָהר, קאָן די גרופּע ניט איינפיהרען קיין ריכטיגע פעלד־טיילונג מיט בעמיסטיונג, אפילו ביי דעם גרעסטען אידעאַליזם פון די אַרבייטער. אַזוי ווי די אַרבייטער פיהרען דאָ ניט קיין הויף־ווירטשאַפט, מוז זיי דאָס לעבען קאָסטען פיעל טייערער און ד. גל. אַבלערנען פון זיי אַ גזרה־שוה אויף די קאָאָפעראַטיווע ווירטשאַפט בכלל, איז דערפאַר אונמעגליך.

אין פערגלייך אָבער מיט דער פּריוואַטער פאַלעסטינער ווירטשאַפט דאַרף מען דאָך די קאָאָפעראַטיווע גרופּעס געבען די בכורה. אין תרע"א האָבען די גרופּען געבראַכט אָדער קליינע דעפיציטען (אין לוד) אָדער אַ קליינעם ריוח. **דער ריוח איז געווען אין דגניה.** די הוצאות זענען דאָרט געווען 15403 פראַנק און די הכנסות 16931 פר. (צוזאַמען מיט די 396 פר., וואָס די חברים האָבען פערדיענט אָן אַ זייט). איז אַלזאָ געווען ריוח 1528 פר. (און אָהן די זייטיגע 1132 פר.), וואָס עס מאַכט אויס אויף אַ חלק 764 פר. און ווען מען נעהמט אין אַכט, אַז די דגניה'ער ווירטשאַפט האָט זיך אין תרע"א געשאַצט אין 161,580 פר., וועט דאָס אויסמאַכען וועניגער ווי אַ האַלב פּראָצענט אויף דעם אַריינגעלעגטען קאַפּיטאַל. פערגלייכט מען אָבער דעם דאָזיגען ריוח מיט דעם גרויסען דעפיציט פון 35 טויזענד פראַנק וואָס כנרת, למשל, וואו עס האָט געאַרבייט אַנ'אָ־

מיניסטראַטאָר, האָט געבראַכט דאָס זעלבע יאָהר, דאַרף מען די דגניה׳ער קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפט שטעלען פיעל העכער.

נאָר די פערדיענסט פון די קאָאָפּעראַטיווע גרופּען ליעגט אייגענטליך ניט אין דער פערקלענערונג פון דעם דעפיציט, נאָר אין זייער ווירקונג אויף דאָס גייסטיגע לעבען פון די ארבייטער. די ארבייטער אין די פריוואַטע אידישע ווירטשאַפטען, ווי אין פּתח־תקוה און אין אייניגע פערמעס, מאַכען אויף אייך דעם איינדרוק פון גייסטיגע קבצנים. דער עולם פוילט זיך דאָרט ביי דער ארבייט און נודעט זיך אין די פרייע שעה׳ן. און ווען איהר געהט אריין אין דגניה, למשל, פרעהט אייך דאָס האַרץ, קוקענדיג אויף די פלייסיגע, לעבעדיגע ארבייט און עס נעהמט אייך אַרום אַ שטילער רוהיגער פערגעניגען, ווען איהר קומט אריין אין אווענד, נאָך דער ארבייט, אין דעם אלגעמיינעם עס־צימער, די חברים לעבען נאָך דערווייל אין „חושעס“ — אַראַבישע הייזלעך, אין פערגלייך מיט וועלכע אַ רוסישע פּויערשע חאַטע איז אַ פּאַלאַץ, נאָר עס הערשט דאָרט ברידערליכקייט, פרייהייט און אמת׳ע גלייכהייט. אין אַ פרייער שעה קלייבט זיך דער עולם צונויף און מען שמועסט אָדער מען לעזט. יעדער וויים זיין ארבייט און טהוט זי אָב געוויסענהאַפט און פיהלענדיג איהר נויטיגקייט. די ארבייט פון יעדערען איז פריי, קיינער טרייבט איהם ניט אונטער, קיינער קאָנטראָלירט איהם ניט. נאָר יעדער פיהלט אויף זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט, וואָס ליעגט אויף דער גאַנצער גרופּע, און דאָס מאַכט זיין ארבייט מעהר פּראָדוקטיוו. ניטאָ קיין איינער, וואָס זאָל זיי דריקען מיט זיין אויטאָריטעט, און דאָס ענטוויקעלט די איניציאַטיוו פון יעדען איינעם און האַלט צווישען זיי אונטער די גלייכהייט. דאָרט, אין דער קאָאָפּעראַטיווער גרופּע, קאָן מען אָברוהען גייסטיג. מען פיהלט דאָרט אַ ברכה אויף אַלץ, ווייל עס הערשט דאָרט דער פריעדען און די רוהיגקייט.

אַביסעל ערגער איז די לאַגע נור אין דער אפּענהיימישער קאָאָפּעראַציע. אמת, זי איז נאָך צו־יונג, מען זאָל וועגען איהר קאָנען אורטיילען, ווי וועגען עטוואָס פעסטעס, נאָר דאָך האָבען זיך דאָרט שוין דאָס ערשטע יאָהר אָנגעצייכענט די סמנים פון איהרע שוואַכע זייטען. דער אדמיניסטראַטאָר מיט זיין אויטאָריטעט אונטערדריקט די איניציאַטיוו פון די מיטגלידער פון קאָאָפּעראַציע און טראָגט מיט זיך אריין די אונגלייכהייט. די מיטגלידער פון קאָאָפּעראַציע האָבען אויף וועמען ארויפצו־וואַרפען די פעראַנטוואָרטליכקייט, וואָס עס שאָדט פיעל דער פּראָדוקטיוויטעט פון זייער אַרבייט. די סיסטעם פון ניט גלייכע שכירות די חברים ניט זי טראָגט אריין אַ וועט־גייסט, אַ שטרעבען זיך אויסצוצייכענען אין דער אַרבייט, ווי מען האָט גערעכענט, נאָר אַ פּשוט׳ן געפיהל פון קנאה, וואָס עס צושטערט די אחדות אין דער קאָאָפּעראַציע. דערפאַר פיהלט

זיך דאָרטען אויך ניט די גאַנצקייט, רוהיגקייט און פעסטקייט, וואָס אין די איבעריגע גרופּעס.

די קאָאָפּעראַציע אין פּאַלעסטינע איז, אַלזאָ ארויסגערופען געוואָרען צום לעבען דורך די דאָרטיגע לעבענס־בעדינגונגען. נאָך גאָר א יונגע און אונערפאַהרענע — האָט זי שוין פערנומען א וויכ־טיגען אָרט אין דעם לעבען פונ׳ם אידישען ארבייטער אין פּאַלעסטי־נע. די קאָאָפּעראַציאָנס־אידעאָלאָגיע איז דאָרט איצט די הערשענדע. אַלץ, וואָס ס׳איז פאַרהאַן בעסערס צווישען דעם יודישען ארבייטער דאָרט, שטרעבט צו א קאָאָפּעראַטיווער גרופּע. פון זיך אליין, אונ־בעוואוסטזיניג, ענטוויקלען זיך דאָרט בעשטימטע פאָרמען פון אַזוי־נע קאָאָפּעראַטיווען, און דאָס אַלץ ווייזט, אז אין זיי ליעגט א גע־זונטער קערן.

צי האָבען אָבער די קאָאָפּעראַציעס א צוקונפט אין פּאַלעס־טינע?

אויף דער פראגע איז שווער צו ענטפערן. איך וואָלט געזאָגט: אויב אין פּאַלעסטינע איז נאָך מעגליך א וועלכע עס איז יודישע קאָלאָניזאַציע — איז דאָס א קאָאָפּעראַטיווע. די פּריוואַטע האָט זיך ביז איצט ניט איינגעגעבען און האָט כמעט קיינע האָפנונגען אויף שפּעטער.

נאָר ס׳איז א ספק, צי וועט דאָרט אַ קאָאָפּעראַטיווע ווירט־שאַפט אויך האָבען ערפאָלג, ווייל די פּאַלעסטינער בעדינגונגען — די שטענדיגע נאַטירליכע און געזעלשאַפטליכע פאַקטאָרען — זענען שוין צו ניט גינסטיג פאַר א יודישער קאָלאָניזאַציע.

VI.

דער קולטורעלער צושטאנד פון די יודען אין פאַלעסטינע. *)

אין קיין לאַנד איז ניטאַ אַזאַ פערשיעדענפארביגע יודישע בעפעלקערונג, ווי אין פאַלעסטינע. די יודען פון גאַר דער וועלט האָבען אהין געשיקט זייערע פארשטעהער: פון די ברעגען פון׳ם טייך פרת, פון תימן, פון פערסיען און צענטראל אזיען; פון צפון אפריקע, פון ליטא און פוילען, פון גאליציען און רומעניען; פון די מעריב אייראָפעאישע לענדער און אפילו פון אמעריקע זיינען אהין געקומען יודען. נאָר די דאָזיגע פערשיעדענאַרטיגע און פערשיעדענפארביגע יודישע בעפעלקערונג קאָן מען לייכט איינטיילען אין דריי הויפטגרופען לויט דער שפראך, אויף וועלכער זיי רעדען: די אראבישע יודען, וועלכע רעדען אנ׳אראבישען זשארגאָן; די שפאַניאָלען, אָדער ספרדים, וועלכע רעדען אַ שפאנישען זשארגאָן—שפאַניאָליש, און די אשכנזים, וועלכע רעדען אַ דייטשען זשארגאן — יודיש.

1.

די אראבישע יודען.

דאָס איז ניט קיין איינהייטליכע גרופע, איין טייל פון איהר איז געקומען זעהר לאנג פון בבל און פון דמשק און האָט זיך בעזעצט אין צפון פון פאלעסטינע אין די גליל׳דיגע שטעדט צפת און טבריא. אין גאנצען זענען זיי דאָרט פארהאן אַ 9—10 טויזענד.

*) ווען איך בין אין יאָהר תרע״ב געווען אין פאַלעסטינע, האָב איך זיך צוגעקוקט צו די פערשיעדענע זייטען פון לעבען פון דער פערשיעדענארטיגער דאָרטיגער יודישער בעפעלקערונג. איך בין געקומען אין בעריהרונג מיט אַלע שיכטען, האָב זיי געזעהען אין זייערע פרייידען און פערקעהרט — לײדען; בין אויך געווען אין אַלע (מיט אויסנצהם אפשר פון אַ פּאָר) יודישע שולען און קינדער־גערטנער — סיי אין די שטעדט, סיי אין די קאָלאָניעס; בין בייגעווען אין די קלאַסען כמעט פון אַלע לעהרער, האָב בעזוכט כמעט אַלע קולטורעלע אינסטיטוציעס, וועלכע זענען דאָרט פארהאן. און דאָ לעג איך פאָר פאר דעם לעזער קורצע נאָטיצען וועגען דעם.

די דאָזיגע יודען זענען לויט זייער גאַנצען אַרט לעבען און אויפפיהרונג מעהר ענהליך צו די האַלב ווילדע אַראַבער, צווישען וועלכע זיי וואוינען שוין זעהר לאַנג, איידער צו אונזערע אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנישע יודען.

זיי קליידען זיך, ווי די אַראַבער, אין אַ לאַנגער העמד און אַ לאַנגער אַבייע (אַ גראָבער לאַנגער מאַנטעל אָהן אַרבעל); טראַגען אויף די פיס ברייטע אַראַבישע פּאַנטאָפּעל מיט אַרויפגעבויגטע נעז, אָדער געהען אום באָרוועס, און אויפ'ן קאָפּ האָבען זיי אַ קנופּ אָדער אַ פעסקע. די פרויען זייערע טראָגען לאַנגע ברייטע קליידלעך און בעדעקען זיך דעם פּנים מיט אַ שלייער, ווען זיי געהען ארויס אין גאַס, אַזוי ווי עס טוען דאָס די אַראַבערינס.

זייערע וואוינונגען דאָס זענען איינגע, אונגעהויער שמוציגע איינציגע צימערלעך, געוועהנליך מיט איין קליינעם פענסטערל. קיין מעבעל איז אין די וואוינונגען ניט פאַרהאַן, אויסער אַרום די וועגד אַ פּאָר לאַנגע בענק, אויף וועלכע עס ליעגען צונויפגעוויקעלט גאַנצע פּעק מיט אַלטע שמוציגע קאָלדרעס — זייערע בעטגעוואַנד.

זייערע בעדערפּענישען זיינען אויך אַזוי בעגרענצט, ווי ביי די אַראַבער. זיי עסען דעמזעלבען ברויט — די פּתות (זיי פערמישען מעהל מיט וואַסער, פּאַטשען באַלד אויס פונ'ם טייג קיכלעך און לעגען זיי אוועק אויף אַ ווײַלע אויף אַנ'אָנגעברענט בלעך אָדער קלעפּען זיי צו צו די ווענט פון אַנ'אונטערערדישער גרוב־אויוועלע). דער דאָזיגער ברויט איז קיינמאָל ניט אויסגעבאַקען און אונזערן אַ יודען איז אונמעגליך צו נעהמען איהם אין מויל. און צו די פּתות אַ ביסעל גרינס און פּרוכט — עטליכע ציבעלעס, קנאָבעל, טאָמאַטען, טייטלען, פייגען אָדער אַ הענגעל וויינטרויבען — דאָס איז אַלץ, מיט וואָס עס ערנעהרט זיך דער אַראַבישער יוד.

מייסטענס בעשעפטיגען זיי זיך מיט האַנדעל: זיי האָבען קרעמלעך פון גרינס און פּרוכט, ווען עס איז פון גראָבען אַראַבישען שטאָף. אין צפת זענען אָבער פון זיי אויך פאַרהאַן בעלי־מלאכות, איבערהויפּט שוסטער, און אַ געוויסער טייל פון זיי בעשעפטיגט זיך מיט פונאַנדערפיהרען אויף אייזעלעך פערשיעדענע סחורות איבער די אַרומיגע דערפער. דער דורכשניטליכער אַראַבישער יוד איז אָבער זעהר פויל. ווי די אַראַבער, קלייבען זיי זיך צונויף ערגעץ ביי אַ קראַם, צוזעצען זיך אויף דער ערד און קאָנען אַזוי אָבזיצען אַ גאַנצען טאָג, רויכערנדיג אַ נאַרגילע. און זיי אַלע — כמעט אָהן אויסנאַהם — זענען זעהר אָרים. און זייערע חכמ'ען — אויף יודיש רבנים — ווען די קהילות פון די אַראַבישע יודען קאָנען ניט אויסהאַלטען, בעקומען זייער אָרימען געהאַלט — צוגלייך מיט די חכמ'ען פון די ספרד'ישע יודען פון די געלדער, וועלכע ווערען צונויפגעקליבען אויף דעם צוועק צווישען די ספרדים אויף דער גאַנצער וועלט און אויך צווישען די בוכאַרער יודען און די יודען פון אינדיען.

זייערע ווייבער בעקומען די אראבישע יודען דורך קויפען. די רייכערע פון זיי קויפען זיך מאנכעסמאל צו צוויי און מעהר ווייבער. די קינדער זייערע האבען ביז דער לעצטער צייט ניט בעקומען קיין שום ערציהונג און זיי פלעגען אויסוואקסען ווילדע און אונוויסענדע. זיי יאגען זיך נאך גאנצע צעהנדליגערווייז מיט זייערע קעסטלעך צו פוצען שיך נאך יעדען אייראפּעער, וואס האט געהאט דאס גליק — צו דאס אומגליק — צו בעווייזען זיך אויפ'ן גאס און באטען איהם אן זייער ארבייט; אדער זיי רייסען פאר די פּאלעס און בעטען „באקשיש“, ד. ה. נדבות, אדער — וואס עס טרעפט ניט זעלטען — זיי פערקלייבען זיך אין א פרעמדע קעשענע. ווען זיי וואקסען אונטער, געהען מאנכע פון זיי אוועק צו בעלי־מלאכות און נאך א פּאר יאהר ארבייט הויבען זיי אן צו בעקומען צו 3—4 פראנק א וואך. און זייער פרייע צייט פערברענגען זיי ערגעץ אין אנ'אראבישען טיי־הויז, שפּיעלענדיג אין ביינדלעך. די לעצטע צייט גיבען מאנכע פון די אראבישע יודען אפּ זייערע קינדער אין די אליאנס־שולען אין צפת און טבריא, ווייל די אליאנס זאגט זיי צו צו אבשיקען די בעסערע קינדער אין פּאריז. נאר די צאהל פון די אראביש־יודישע קינדער אין די שולעס איז נאך איצט אויך זעהר קליין.

שרייבען קאן כמעט קיינער פון די אראבישע יודען און לעזען נור זעהר ווענינע. אפילו זייערע חכמ'ען קאנען אויך נור קוים דאוונען, און שרייבען קאנען אפילו פיעלע פון די חכמ'ען ניט. ווען איך בין געפאהרען צוריק פון פּאלעסטינע, האט מיך איינער א חכם זייערער אויפ'ן שיף געבעטען אנשרייבען א בריוועלע צו זיין ווייב אין טבריא; ער אליין האט ניט געקאנט שרייבען.

פון דער יודישער רעליגיע איז ביי די אראבישע יודען געבליבען נור א געוויסע צאהל מנהגים און אבערגלויבענס, וועלכע האבען מיט רעליגיע גאנץ וועניג צו טון. צו זייערע חכמ'ען ווענדען זיי זיך נור ביי א רעליגיעזער נויטווענדיגקייט ווי ביי א גט למשל. די שוהל שפּיעלט אין זייער לעבען זעהר א קליינע ראל. אויסער עטליכע רעליגיעזע צערעמאניעס און מנהגים און זייער אבשטאמונג איז קיין אלגעמיינעס צווישען זיי און די אייראפּעאישע אידען ניט פאראן.

אינגאנצען עהנליך צו די צפון'דיגע אראבישע יודען זענען די מ ו ה ר ע ב ע ר, די יודען, וואס זענען געקומען פון צפון־אפריקע, וואו זיי האבען געוואוינט צווישען פערשיעדענע האלב ווילדע אראבישע שבטים. אין א צאהל פון א פּאר טויזענט וואוינען זיי אין ירושלים. זיי האבען א בעזונדער קהילה, נאר זיי זענען דאך צונויפגעבונדען מיט די ספרדים.

א ביסעל פארטגעשריטענער זענען די ת י מ נ ' ע ר, וועלכע זענען געקומען פון דרום אראביען. ביי זיי אין דער היים, אין תימן, האבען זיי שטארק געליטען פון די אראבישע רדיפות. דאס

האט ביי זיי זעהר פערשטארקט דעם גלויבען אין משיח. לויט זייערע רעכענונגען האט משיח געדארפט די לעצטע יאהרען קומען. דאס האט ביי זיי ארויסגערופען א בעוועגונג צו פאהרען קיין ארץ־ישראל און ניט ווארטען, ביז משיח וועט זיי פאדערן פון דארטען. גאנץ אפט פערקויפען זיי פאר א קלייניגקייט זייערע בעבעכעס, אדער זיי לאזען זיי גאר איבער אויף הפקר און לאזען זיך אוועק גאוצע מחנותווייז צו פוס, ביז זיי קומען צום ברעג ים. און פון דארטען קומען זיי אפט אן אויף א שמוציגער קויהלען־בארזשע קיין פאלעסטינע, האלב הונגעריגע, האלב קראנקע.

צוערשט פלעגען זיי זיך בעזעצען נור אין ירושלים. די לעצטע יאהרען אבער האט זיך א טייל פון זיי איינגעארדענט אין די קאלאניעס; בעזונדערס אין רחובות, וואס עס איז פארהאן ביז 300 תימנ׳ישע נפשות. אינגאנצען זענען פארהאן אין לאנד תימנ׳ער א דריי טויזענט. אין ירושלים בעשעפטיגען זיי זיך מיט די שווערסטע ארבייטען, ווי שטיין־האקעריי, טרעגעריי א. ד. ג. א געוויסע צאהל פון זיי האט אויך געארבייט אין „בצלאל“, וואו זיי האבען זיך איבערהויפט פערנומען מיט פיליגראן־ארבייט. אין די קאלאניעס בעשעפטיגען זיי זיך מיט ערד־ארבייט, ד. ה. זיי דיענען אלס ארבייטער ביי די קאלאניסטען. זיי זענען אמת׳ע קנעכט פון די קאלאניסטען. אין זייער היים, אין דרום אראביען זענען זיי, ווי געזאגט, געווען שרעקליך אונטערדריקט, זיי האבען דארט קיין רעכט ניט געהאט ממש דעם קאפ אויפצוהויבען. זיי זענען דערפאר זעהר דערשלאגען, האבען די פסיכאלאגיע פון א נכנע און וואגען אויך איצט אין פאלעסטינע ניט צו פראטעסטירען געגען דער שלעכטער בעהאנדלונג מצד די קאלאניסטען. און די לעצטע בענוצען זיך דערמיט און עקספלואטירען די תימנ׳ער שרעקליך, זיי טרעטירען זיי ביי יעדער געלעגענהייט און בעהאנדלען זיי פשוט ניט מענשליך, די תימנ׳ער טוען אין די קאלאניעס די פערשיעדענסטע, מייסטענס די שווערסטע ארבייטען, און די תימנ׳קעס זענען דיענסטען: קלייבען צו אין הויז ביים קאלאניסט, מעלקען זיינע קיה, ניאנטשען זיינע קינדער א. ד. ג. און ניט קוקענדיג אויף זייער שווערער ארבייט בעקומען די תימנ׳ער אזוי וועניג, אז זיי האבען ניט מיט וואס צו בעפריעדיגען זייערע זעהר בעגרענצטע בעדערפענישען.

סיי אין די שטעדט, סיי אין די קאלאניעס בעגעגענט איהר נאך אפט תימנ׳ער אלטע און יונגע, וועלכע געהען ארום קלייבען נדבות. זיי ערקלערען זייער בעטלען מיט פאלגענדער לעגענדע. עזרא הסופר האט זיי גערופען צוזאמען מיט אנדערע אידען אומצוקעהרען זיך אין ארץ־ישראל, נאר זיי האבען דאמאלסט ניט געוואלט. דערפאר האט זיי עזרא פערשאלטען. זיי זאלען אייביג זיין ארימעלייט און לעבען פון נדבות. און כדי צו מקים זיין די דאזיגע קללה — זאגען זיי — געהען זיי אום בעטלען. ס׳פערשטעהט זיך, אז פיעלע פון

זיי נוצען אוים די דאזיגע „מצוה“, ווייל זי איז גאנץ בעקוועם פאר א פוילענצער.

דעם תימנ'ער קאנט איהר זעהר לייכט דערקענען אן זיין אבגעמאגערטען פערברענטען פנים, אן זיין שפיציגער שווארצער בערדעל און די געדרעהטע פאות'ן. ער געהט אנגעטהון אין שמאטעס, און נור אין די קאלאניעס טרעפט אמאל, אז דער אדער יענער קאלאניסט איז זיך מרחם און שענקט איהם אוועק אנ'אלטען רעקעל אדער א פאר האלב צוריסענע שיך. די שווארצע אדער רויטע פעסקע, וועלכע ער טראגט אויפ'ן קאפ בייט ער ניט אום אויף א נייער, ביז זי צוקריכט ניט אינגאנצען. זי איז אזוי פערשמאלצען, אז עס איז אפט ניט מעגליך צו דערגעהן איהר קאליר. ווער ווייס, אפשר האט ניט איין תימנ'ער זיין גאנץ לעבען אבגעלעבט אין איין פעסקע. און די תימנ'קעס טראגען קורצע — ביז איבער די קנעכעל — ברייטע קאלירטע קליידלעך, פון וועלכע עס שטארצען ארויס א פאר לאנגע בלויע אדער ראזע ציטענע הויזען. זיי האבען זיך זעהר ליעב צו צירען; זיי טראגען צו עטליכע פינגערלעך אויף די פינגער, צו עטליכע בראסלעטען אויף די הענד, האלזבאנדען אויפ'ן האלז און פיעלע מטבעות און בלעכלעך אויף דער ברוסט. דאס אלץ איז פון קופער, ווען עס איז פון זילבער. רייכערעס קאנען זיך די תימנ'קעס ניט ערלויבען. נאר ניט קוקענדיג אויף זייער גאנצען צירען זיך, זענען זיי זעהר מיאוס. דאס זענען די מיאוס'טע בעשעפענישען צווישען פרויען, וועלכע עס איז מיר וואו עס איז אויסגעקומען צו בעגעגענען.

ווי די אראבישע יודען, וואוינט אויך דער תימנ'ער מיט זיין גאנצער פאמיליע אין איין צימער. אפילו ווען ער בויט זיך אליין א הייזעל, פערמאגט עס אויך ניט מעהר, ווי איין חדר. די גאנצע פאמיליע שלאפט אויף דער ערד, אויף שמוציגע קאלדרעס. דער תימנ'ער קומט אויך אוים מיט פתות און א ביסעל פרוכט. נאר אויף שבת, טרעפט, קוילעט ער פאר זיך א היהנדעל (קוילעט אליין, ווייל ער האלט פון הכל שוחטין), ווען עס איז נעהמט ער אביסעל ווייו אויף קידוש.

ווייבער קויפען זיך די תימנ'ער. זעהר פיעלע האבען צו פאר ווייבער, ניט קוקענדיג אויף זייער ארימקייט. די ווייבער ווערען ביי זיי פערדעבענט פאר דיענסטען. די עלטערן זענען די פולע בעלי־בתים פון די קינדער. זייערע טעכטער פערקויפען זיי פאר ווייבער: און ווען דער פאטער שטארבט, ווערט דער עלטערער זוהן א בעל־הבית אויף אלע זיינע שוועסטער און ער פערקויפט זיי. מיט זייערע ווייבער בעגעהען זיך די תימנ'ער ניט גוט. עס האט א פולע מאל געטראפען, אז פאר א וועלכען עס איז חשד האט דער תימנ'ער נעשלאגען זיין פרוי ממש ביז טויט.

די קינדער פון די תימנ'ער בעקומען זייער בילדונג אין חדר. שטעלט זיך פאר א צימערל ד' על ד'. עס איז האלב דונקעל; אויף דער ערד — קיין דיעל איז ניטא — זיצען א צוועלף־פופצעהן

שוואַרצינקע, דאַרינקע, אַבגעריסענע, שמוציגע נפשות׳לעך מיט בלישצענדיגע שוואַרצע אויגעלעך. זיי זיצען אין אַ קרייז אַרום איין איינציגען ספר און אַ הויכער דאַרער תימנ׳ער מיט לאַנגע גע־דרעהטע פּאות, אָנגעטאָן אין שמאַטעס, שטעהט איבער זיי מיט אַ שטעקען אין דער האַנד. ער, דער רבי, זאָגט יעדעס וואָרט פון׳ם ספר אַרויס און די קינדער אַלע אין איין קול זאָגען איהם נאָך. דאָס איז דער תימנ׳ישער חדר. אין חדר לערנען נור אינגלעך. די מייד־לען לערנען גאָרנים. די לעצטע צייט גיבען אַ טייל פון די תימנ׳ער אָפּ זייערע קינדער אין די שולען.

צווישען די תימנ׳ער זענען פאַראַן פיעלע פרומע יודען, און ווען עס איז אויך אַזוינע, וועלכע קאָנען מעהר אָדער ווייניגער לערנען. זיי היטען זעהר אָב דעם דאַווענען און קלייבען זיך צונויף יעדעס מאָל אין שוהל, דערביי טראָגט יעדערער — אַפּילו יעדער קליינער אינגעל — אַ טלית, ד. ה. אַ פיערקאַנטיגען לענגליכען לייוועטענעם, געוועהנליך זעהר ברודיגען שאַל מיט ציצית. די תימנ׳ער — דאָס זענען די געלעהרטע צווישען די אַראַבישע יודען. זייער פרומקייט איז צייטענווייז אַ בעוואוסטזיניגע, נאָר מייסטענס זיינען זיי אויך זעהר אַבערגלויבעריש.

די תימנ׳ער איז שוין לייכטער צו אָנערקאָנען פאַר יודען. נור דאָך איז צווישען זיי און אונז פאַראַן אַלגעמיינעס זעהר ווייניג. אפשר זענען אונזערע אורעלטערן מיט אַ פּאָר טויזענט יאָהר צוריק געשטאַנען אויף דערזעלבער שטופע פון ענטוויקלונג, וואָס זיי איצט. און לעבענדיג ווייט פון דער ציוויליזירטער וועלט, צווי־שען זעהר ווייניג פאָרטגעשריטענע און אָפטמאָל האַלב ווילדע אַראַ־בער, זענען זיי געבליבען פערגליווערט און פערשטאַרט ביי זייערע אַמאָליגע גלויבונגען און אַמאָליגע פאָרמען פון לעבען.

אויף די מערק פון ירושלים קאָנט איהר נאָך אָפט טרעפען מענשען מיט אַ זאַק אויפ׳ן לייב אַנשטאַט קליידער, מיט פיס הויך־לע ביז איבער די קנעכעל און מיט אַ שטריק איבער׳ן אַקסעל. דאָס זענען חאַליבער יודען (פון אַלעפּאַ), אָדער יודען פון באַגדאַד. זיי זענען טרעגער. הויכע, דאַרע, האַלב־הויל, אָפט מיט אַ הוילען קאָפּ — מאַכען די דאָזיגע יודען אַנ׳איינדרוק פון מענשען פון פאַר׳ן דור המבול.

2.
די ספרדים.

צו דער צווייטער גרופּע געהערען די ספרדים. נאָכ׳ן גרוש שפּאַניען אין פּאָרטוגאַל איז אַ טייל פון די אַמאָליגע שפּאַנישע יודען אָנגעקומען אויך אין פּאַלעסטינא. זיי האָבען דאָ אין די שטעדט: ירושלים, יפו, חיפה און חברון אויסגעבילדעט זייערע בע־דייטענדע קהילות. אינגאַנצען זענען זיי פאַראַן אין לאַנד אַ 25—27 טויזענט.

איהר דערקענט דעם ספרד, אָז דעם קורצען אייראָפּעאישען רעקעל, וואָס ער טראגט איבער דעם לאנגען אראבישען העמד־חאַלאַט און אַז דער רויטער פעבקע, און נור די חכמ׳ען זייערע טראַגען לאנגע שווארצע מאנטלען מיט שווארצע פעסקעס. איהר בעגעגענט אָפט צווישען די ספרדים אמת׳ע פאטריאַרכאַלישע אידישע פנימ׳ער. און די פרויען זייערע זענען זעהר שען. ווי אלע מזרח׳ישע פרויען האָבען זיי זיך ליעב צו צירען. זיי טראגען אויך צו פיעלע פינגערלעך, פיעלע בראסלעטען און אנדערע צירונג. ביי זיי איז אָבער די צירונג שוין אָפט פון גאָלד. זיי קליידען זיך זעהר געשמאקלאָז — אין ברייטע לאנגע קליידלעך; נאָר זייער שען גע־זיכט איז אָפט מכפר אפילו אויף די מיאוסע קליידער.

די ספרדים בעשעפטיגען זיך מייסטענס מיט קליין האנדעל און מיט מלאכה. איהר טרעפט אָבער צווישען זיי אויך גרויסע רייכע סוחרים פון תבואה; זיי זענען אויך די באנקירען אין לאנד, ריכטיגער — די וואכערניקעס, די חלפנים, די הענדלער מיט געלד. פארהאַן צווישען זיי זעהר רייכע יודען. פיעלע ספרדים האָבען ערד, נאָר קיינער פון זיי בעארבייט זי ניט אליין. געוועהנליך פערדינגען זיי זייער ערד צו אראבער.

ביי די ספרדים איז נאָך ביז איצט ערלויבט צו האָבען מעהר, איידער איין ווייב. נאָר זעהר ווייניג ספרדים בענוצען זיך מיט דער דאָזיגער ערלויבניש. זייערע קינדער ערציהען זיי אין חדרים אדער אין שולען. אין די חדרים לערנען די קינדער עברי, חומש און ווען עס איז גמרא. דאָס אלץ און איבערהויפּט די גמרא ווערען געלערנט מיט אַן׳אונגעהויער שווערען פערדרעהטען ניגון. און עס קומט אוים די קינדער מעהר צייט אָבצוגעבען אויף אויסצולערנען דעם ניגון, איידער אויף דער זאך גופא, וועלכע זיי לערנען. די קינדער טראגען דערפאר פון חדר זעהר ווייניג ארוים. זעהר א סך ספרדישע יודען גיבען אב זייערע קינדער אין די שולען פון אליאנס אמאָל אויך פון אנדערע געזעלשאפטען. זיי לערנען דאָרט א ביסעל פראנצויזיש אדער ענגליש און אביסעל העברעאיש. בכלל אבער איז די בילדונג וועלכע זיי בעקומען דאָרטען, זעהר א אויבערפלעכליכע.

די ספרדים רעדען צווישען זיך שפּאניאָליש און מיט דער ארומיגער בעפעלקערונג, און געוועהנליך אויך מיט די אנדערע יודען, רעדען זיי זיך צונויף אויף אראביש. מאנכע פון זיי קאנען אָבער אויך א געוויסע צאָהל העברעאישע ווערטער, מיט וועלכע זיי בענוצען זיך גאנץ געשיקט. די ספרד׳ישע קהלות זענען די געזעצליכע און פּריווילעגירטע אין פּאלעסטינע. זיי האָבען ביז דער לעצטער צייט דערפאר ניט געוואָלט פעראייניגען זיך מיט די אשכנז׳ישע יודען. און ניט איין מאָל האָט געטראָפען, אַז די ספרדים פלעגען מסר׳ן פאר דער רעגירונג אויף די אשכנזים און פערקעהרט. און נור די לעצטע צייט האָט זיך איינגעגעבען צו פעראייניגען די ספרד׳ישע און די אשכנז׳ישע קהילות אין יפו. די ספרדים

האלטען זיך בכלל פאר די יחסנים צווישען די יודען און טוען ניט גערן קיין שידוכים מיט די אשכנזים. דערפאר עסען די פרומע אשכנזים ניט פון דער ספרד׳ישער שחיטה, ווייל זיי האלטען די ספרדים פאר ניט גאַר כשר׳ע יודען.

„דאָס גייסטיגע לעבען פון די ספרדים איז זעהר אָרים. זייער יוגענד, וועלכע איז דורכגעגאנגען א וועלכע עס איז שולע, האָט נור אָנגענומען אַנ׳אויבערשטען אייראָפּעאישען גלאַנץ. זי רעדט אביסעל פראנצויזיש, טוט זיך אָן שענער, אָפטמאָל אייראָפּעאיש, אָבער מעהר ניט“. אמאָל האָט ביי זייערע אורעלטערן אין שפאניען דאָס גייסטיגע לעבען געשפּרודעלט און געקאָכט. זייערע גרויסע דענקער און פילאָסאָפען, גאונ׳ישע פּאָעטען און גרויסע געלעהרטע האָבען דאמאָלסט פערנומען דאָס ערשטע אָרט אויף דער וועלט. און פון די דאָזיגע גרויסע זיידעס זענען אַרויסגעקומען גאנץ קליינע אייניקלעך. אויסער עטליכע — וועלכע מען קאן ממש אי־בערצעהלען אויף די פינגער פון איין האנד — זענען צווישען די ספרדים אין פאַלעסטינא איצט ניטאָ קיין געבילדעטע מענשען. ..און אפילו אין ספּעציעלע יודישע לימודים האָבען די ספרדים, אויסער אייניגע ניט בעדייטענדע אויסנאהמען, גאָרנישט ניט געשאפען און האָבען ניט ארויסגעגעבען קיין איין גאון. די ספרד׳ישע חכמ׳ען האָבען זיך אריינגעלאָזען אין מיסטיציזם און בעשעפטיגען זיך מיט קבלה טעאָרעטיש און פראקטיש. די מאסע איז דעריבער זעהר אבערגלויבעריש: אומעטום זעהט זי איבערנאַטירליכעס, גלויבט אין קמיעות, אבשפּרעכונגען, צדיקים, אין מוסולמענישע נביא׳ס און שייכען. די נייעסטע יודישע בעוועגונגען זענען די ספרדים אינגאנצען פרעמד. אַזוי פרעמד זענען זיי אויך פון דער נייער העבּרעאישער ליטעראטור.

צו די ספרדים דארף מען אויך צורעכענען די קאווקאזער יודען, וואָס וואוינען אין פאַלעסטינע, אָדער ווי מען רופט זיי דאָרטען אָן — די „גורדזשעס“. זיי לעזען אויך אוים די העברעאישע ווערטער מיט דער ספרדישער הברה. זיי זענען פארהאַן אין א קליינער צאָהל אין ירושלים און אין אַנדערע שטעדט וואו זיי בעשעפטיגען זיך מיט פערקויפען שניט־סחורה, אָדער זיי האָבען קראָמען, אָדער זיי טראָגען פונאַנדער די סחורה איבער די שטעדט און דערפער. א קליינע צאָהל גורדזשישע פאמיליעס האָבען א געוויסע צייט געוואוינט אין דער קאָלאָניע מחנים, וואוהין עס האָט זיי אראָבגעבראכט דער יק״א־אדמיניסטראַטאָר פון גליל. א חיטרער שמייכעל שפּיעלט תמיד ביי די דאָזיגע יודען אויף די ליפּען און א גנב׳ישער פייערל ברענט ביי זיי אין די אויגען. די גורדזשעס קליידען זיך ווי די קאווקאזער „גארצעס“, ריידען אויף זייער שפּראַך און זענען אַזוי ווילד און אונוויסענד, ווי יענע.

זעהר נאָהענט מיט די ספרדים פיהלען זיך די ביבארער יודען פון צענטראל אזיען. זיי האָבען א בעזונדער קווארטעל אין

ירושלים. ביי די בוכארער יודען איז זעהר פערשפּרייט דער מנהג צו פאַהרען אויף די ימים טובים אין ארץ־ישראל, און די רייכערע פון זיי פאַהרען אויף דער עלטער אוועק אין ארץ־ישראל שטארבען. אין ירושלים בעשעפטיגט זיך נור א קליינער טייל פון זיי מיט האנדעל. געוועהנליך אבער זענען זיי רייכע מענשען און לעבען פון גרייטען.

די בוכארער יודען זענען זעהר עהנליך צו די טאַטערן אין סארטען, צווישען וועלכע זיי וואוינען. זיי זיינען הויכע זעהר דיקע מענשען, מיט פערברענטע פּנימ'ער. זיי טראגען אונגעהויער בריי־טע בונט־קאָלירטע חאלאטען מיט נאָך ברייטערע ארבעל און א מאוימ'דיגען קנופּ אויפ'ן קאָפּ. זיי רעדען צווישען זיך סארטיש, און מיט דער ארומיגער בעפעלקערונג אראביש. די בוכארער — דאָס זע־נען די עם־הארצים צווישען יודען. אויסער דעם ווארט „שלום" ווייסען זיי ניט קיין וואָרט העברעאיש, און דער פון זיי, וועלכער קאָן קוים דאוונען, ווערט ביי זיי פערערעכענט פאר א גרויסען למדן. די בוכארער יודען נעהמען א גרויסען אנטייל אין דער „הדלקה", וואָס ווערט געמאכט ל"ג בעומר אויף ר' שמעון בן יוחאי'ס קבר. זיי נעהען דערביי אריין אין אזא עקסטאז, אז זיי ווארפען אין פייער אריין די טייערסטע פוטערס, אלערליי חפצים און אפט פולע בייט־לעך מיט געלד און דאן זעהט מען, אז דאָס זענען פשוט'ע גע־צענדיענער, עהנליך צו די בודיסטישע סארטען, צווישען וועלכע זיי וואוינען.

מיר וועלען זיך דאָ אויף א ווײַלע אבשטעלען נאָך אויף צוויי גרו־פּען, פון וועלכע די יודען האלטען זיך זעהר ווייט. די ערשטע גרופּע איז — די קאראאימער. זיי לעבען אין א צאָהל פון א פּאָר הונדערט נפשות אין ירושלים. זיי האָבען געהאט אן'אייגענע שוהל, זעהר אנ'אלטע. האָבען זיי אָבער די אשכנז'ישע יודען גע'מסר'ט און מען האָט פערמאכט די שוהל. איצט קאָנען זיי אָהן שום אויף די ליפּען ניט דערמאנען דעם נאָמען אשכנזי. זיי לעבען זעהר אָרים און די יודען האָבען מיט זיי כמעט קיינע, אפילו געשעפטליכע, בעציהונ־גען ניט.

די צווייטע גרופּע איז — די שומרונים, די אייניקלעך פון די אמאָליגע שומרונים אָדער כותים, וועלכע האָבען אין דער צייט פונ'ם צווייטען בית המקדש ניט וועניג זארג און צרות פערשאפט די יודען. זיי וואוינען אין שכם. אינגאנצען זענען זיי פארהאן א 130 נפשות. זיי האָבען נאָך ביז איצט זייער בית־המקדש אויפ'ן בארג גריזים און זענען דאָרט ערב פּסח מקריב דעם קרבן פּסח. א געוויסער טייל פון זיי בעשעפטיגט זיך מיט ארבייט, נאָר פיעלע און בעזונדערס די פאמיליע פונ'ם כהן־גדול, לעבען פון נדבות, וועלכע זיי בעקומען פאר ווייזען די טוריסטען זייער בית־המקדש, די אלטע ספר תורה און אַנדערע אלטערטימליכקייטען. די שומרונים שטארבען ביסלעכווייז אוים. זיי ווילען ניט מתחתן זיין זיך מיט

אראבער, און די יודען ווילען זיך מיט זיי ניט מתחתן זיין. קומט זיי אויס צו טון שידוכים צווישען זיך, צווישען זעהר נאָהענטע קרובים. עס איז דערפאר ביי זיי זעהר וועניג געבורטען. בעזונדערס וועניג זענען ביי זיי פארהאַן פרויען. און עס טרעפט אז א בחור פון דרייסיג־פערציג יאָהר ווארט מיט אונגעדולד, ביז א קליין מיידעלע וועט אביסעל אונטערוואקסען און ער וועט זי קאָנען נעהמען פאר א ווייב.

3.

די אשכנז׳ישע יודען. די חלוקה־יודען.

דאָס זענען די יודען, וועלכע זענען געקומען אהער פון די פערשיעדענע געגענדען פון אייראָפּע און פון אמעריקע. איין טייל פון זיי איז געקומען אהער ניט מיט׳ן צוועק צו בויען דאָס לאַנד, נאָר צו פערברייננגען אין דעם דאָזיגען הייליגען לאַנד זייערע לעצטע יאָהרען. ניט לעבען, נאָר שטארבען זענען זיי געקומען אין פּאַלעסטינע. דאָס איז — ווי מען רופט איהם — דער אלטער ישוב. אנדערע ווידער זענען אַנגעקומען אין פּאַלעסטינע די לעצטע פינף און דרייסיג יאָהר מיט׳ן אויסזיכט צו לעבען דאָרט, „צו אויפבויען" ווי זיי זאָגען, מיט זייער מיה און שוויס די חורבות פון לאַנד, צו אַוועקלעגען דאָרטען דעם פונדאַמענט פון אַ נייעם יודישען לעבען". דאָס איז דער נייער ישוב. די ערשטע זענען געקומען אַהער געטריבען פון זייערע רעליגיעזע געפיהלען, די אנדערע — פון זייערע נאַציאָנאלע שטרעבונגען.

דער אַלטער ישוב בעשטעהט פון די יודען, וועלכע זענען געקומען — און קומען נאָך איצט אויך אויף דער עלטער — אין פּאַלעסטינע, דאָרט די לעצטע ביסעל יאָהרען אבצולעבען און דערנאָך מקובר צו ווערען אין די הייליגע ווייסע ערד פון דעם הר הזיתים, וואו „קיין ווערים עסען ניט נאָכ׳ן טויט", און פון די דורות, וועלכע די דאָזיגע פון אייראָפּע געקומענע יודען האָבען אויפגעשטעלט נאָך זיך. די ערשטע יודען, וואָס זענען געקומען אהין זענען מייסטענס געוועזען אלטע און שוואכע. זיי האָבען אליין ניט געקאַנט זיך ערנעהרען. זיי זענען געזעסען און געלערנט און זייערע לאַנדסלייט אין אייראָפּע פלעגען זיי שיקען שטיצע, כדי דערמיט מקיים צו זיין די מצוה פון ישוב ארץ־ישראל. אין יעדען יודישען הויז פלעגט מען צושלאָגען א פּושקע פון „ר׳ מאיר בעל הנס", און דאָס געלד, וואָס פלעגט זיך צונויפזאמלען, פלעגט מען אבשיקען אהין, אין ארץ־ישראל און צוטיילען צווישען די דאָרטיגע אשכנז׳ישע יודען. אזוי איז ענטשטאַנען די חלוקה.

נאָר צוזאמען מיט די אלטע לייט האָבען זיך פון דער חלוקה ערנעהרט אויך די מיטגליעדער פון זייערע פאמיליעס; אנשטאט צו לעבען פון ארבייט האָבען זייערע אונטערגעוואקסענע קינדער

פּאַרטגעזעצט צו לעבען פון צדקה, עס קאָן זיין דערפאַר, וואָס עס איז דאַמאָלסט ניט געווען קיין מעגליכקייט צו געפינען ארבייט. נאָר דור נאָך דור האָט זיך דער חלוקה־עולם איינגעוועהנט מיט דעם צדקה־לעבען, מיט דעם לעבען אָהן ארבייט, און מיט דער צייט איז ארבייטען ביי זיי געוואָרען א שאנדע. זיי זענען פערוואנדעלט געוואָרען אין פוילענצער, אין בטלנים, וועלכע טוען א האנד אין קאַלט וואסער ניט אריין. און זיי רעכענען זיך פאר די גרעסטע יחסנים. איבערהויפּט די, וואָס הוריתם ולידתם איז געווען בקדושה, ד. ה. וואָס זענען געבארען געוואָרען אין לאנד. און א יחסן איז נור דער, וואָס ארבייט ניט. דער בעל־מלאכה ווערט גערעכענט פאר א נידעריגערען סאָרט מענשען און קיינער וויל מיט איהם קיין שידוך ניט טהאָן. האָבען א בעל־מלאכה אין משפּחה איז ביי זיי דער גרעסטער פלעק.

און בעקומען חלוקה, לעבען פון צדקה, שנאָרערן ווערט ניט פערערכענט ביי זיי פאר קיין שאנדע. פערקעהרט נאָך, פאר ניט אנ־שטענדיג האלטען זיי דעם, וועלכער בעקומט ניט קיין חלוקה, און מיט דער גרויס פון דער חלוקה, וואָס איינער בעקומט, ווערט גע־מאסטען זיין אנשטענדיגקייט, זיין יחוס. זיי האָבען זיך צוגעוועהנט צו קוקען אויף דער חלוקה, ווי אויף זייער אנ'אייגענטום: זיי פער־לעגען די חלוקה, פערקויפען זי, גיבען זי אָב אין נדן. און מיט דער שנאָרעריי בעריהמען זיי זיך. איינער א צפת'ער יוד האָט מיר דער־צעהלט, אז ער האָט גענומען א הרשאה ביי זיין כולל און איז אוועק איבער דער וועלט שנאָרערן (אזוי זאָגט ער פשוט: „שנאָרערן") און ער בעריהמט זיך, אז ער האָט אָבגענאַרט אפילו די אַמעריקאַ־נער יודען, צווישען וועלכע ער האָט געשנאָרערט. ער האָט צונויפ־געקליבען א בעדייטענדע סומע און האָט טאַקע דאָס געלד צוגענומען זיך. ווייל ער האָט געדארפט חתונה מאַכען א טאָכטער.

די גאנצע חלוקה פלעגט אמאָל אריינקומען אין איינע הענד און פלעגט דערנאָך צוטיילט ווערען צווישען דעם חלוקה עולם. מיט דער צייט אָבער האָט זיך דער עולם איינגעטיילט אין לאנדס־מאַנשאַפטען, אין כוללים, לויט די געגענדען פון וואנען זיי קומען, און דאָס געלד פון יעדער געגענד ווערט צוטיילט צווישען די לאנדס־לייט פון דער געגענד. אַזוי זענען פאראַן: דער ווארשעווער כולל, דער מינסקער, דער פינסק־קארלינער, דער וואָלינער, בעסאַ־ראַביער א. ד. ג. און פון די ניט רוסישע כוללים: דער אונגארער, דער זיבענבערגער, גאליציאנער א. אז. וו.. נאָר אזוי ווי אין איניגע כוללים זענען מענשען פאראַן וועניג און געלד א סך (ווי אין דעם אונגארישען) און אין אנדערע פערקעהרט געלד וועניג און מענשען א סך (ווי אין ווארשעווער למשל), בעקומען איצט זייער חלוקה ניט אלע גלייך: די אונגארער בעקומען ביז 80 פראנק פער נפש א מאָ־נאַט, — דאָס איז שוין אין ירושלים גענוג אויף דורכצולעבען זיך גאנץ פיין, — די ווארשעווער אָבער בעקומען נור 15—20 פראנק

א מאנאט און ווען עס איז דירה אין די הייזער, וואס געהערען צום כולל, און דער פינסקער כולל — נור א 15 פר. א מאנאט פער נפש, וואס עס איז שוין ניט גענוג אויף דורכצולעבען זיך. און אין יעדען כולל בעקומען אויך ניט אלע גלייך. יחסנים, ד. ה. אזוינע וועלכע האבען א יד צווישען די גבאים פונ׳ם כולל בעקומען מעהר, די ניט יחסנים, דער פשוט׳ער עולם, בעקומען וועניגער. נאר מעהר ווי אלע נעהמען די גבאים אליין. זיי זיצען נאהענט צום חלוקה־טעפעל און געניסען פון איהם מיט׳ן פולען מויל. פאר לערנען בעקומען אנדערע נאך בעזונדערע חלוקה. פארהאן אויך אזעלכע וועלכע האבען א יד אין א פאר אדער אין עטליכע כוללים, און אזוינע בעקומען חלוקה צוויי און מעהר מאל. בכלל איז קיין ארדנונג ביים צוטיילען די חלוקה ניט פארהאן. די גאנצע רעדעל דרעהען די רבנים און די גבאים. דער פשוט׳ער עולם האט מורא אויפצוהויבען א קול, ווייל פאר יעדען פראטעסט קאנען די רעדעל־פיהרער אבנעהמען ביי איהם די חלוקה. און מען האט געדארפט, אז עס זאל ענטשטעהן אזא סקאנדאל, ווי דער באנקראט פון דער ישיבה „מחזיקי תורה“, וועלכער האט איינגעשלונגען די לעצטע אבגעשפארטע גראשענס פון דעם גאנצען ירושלימ׳דיגען יודישען חלוקה־עולם, דער לעצטער זאל ארויס מיט פראטעסטען. דאס האט אבער געדויערט זעהר א קורצע צייט. דאס געלד האט מען ניט צוריקגעקעהרט און דער עולם איז געווארען שטיל און נכנע׳דיג ווי פריהער.

די חלוקה איז דער הויפטקוואל פון הכנסה ביי די חלוקה יודען. אנדערע האבען נאך דערצו געוויסע בעשעפטיגונגען. מיט מלאכה אבער בעשעפטיגען זיך זעהר ווייניג. געוויינליך האט דער חלוקה יוד א קראם. פארהאן גאנץ רייכע, גרויסע קראמען (און דער רייכער קרעמער בעקומט אויך חלוקה, און געוועהנליך מעהר איידער די אנדערע, ארימערע). אזוינע זענען אבער נאך פיעל. מייסטענס זענען דאס קרעמלעך, וואס זייער גאנצע סחורה קאן מען אבקויפען פאר א פאר צעהנדליג פראנק, און אין אנדערע געפינט איהר מעהר נארנישט ווי א ביסעל טייטלען, א פאר קעסטעלעך סארדינעס, עטליכע קעסטעלעך שוועבעלעך און א הויפען ציהלען. ווען אזא קרעמער — מייסטענס קרעמערין — לייזט א האלבען פראנק א טאג, פיהלט זיך העכסט צופריעדען. נאר ביי דעם גרעסטען טייל פון די חלוקה־יודען איז די חלוקה דער איינציגער קוואל פון הכנסה. אזוינע יודען לעבען אב דעם גאנצען טאג אין בית־המדרש און קרמען א היים נאר אפעסען.

געקליידעט געהען די חלוקה־יודען אין ברייטע, געפאלדעוועטע געוועהנליך אונגעהויער ברודיגע אונטערהויזען, און אויף דעם טראגען זיי א ברייטען חאלאט, פערבונדען מיט א גארטעל. נאר די פאלעס פונ׳ם חאלאט פלאטערן געוועהנליך אויפ׳ן ווינט און דעקען אב די ברודיגע הויזען. אויף די פיס טראגען זיי פאנטאפעל

אויף אַ באָרוויסען פוס אָדער אויף זאָקען, און אויפ'ן קאָפּ אַ גאַנ־צען יאָהר אַ שטריימעל אָדער אין צפת — אַ שווארצע באַראַשקענע ווארימע היטעל, פון וועלכער עס שטעקט ארויס אַ ווייסע ברודיגע יארמעלקע. דער קאַלנער פון העמד איז קיינמאָל ניט פערשפּילעט און עס זעהט זיך אַרויס די הוילע ברוסט. די באָרד איז צושויבערט, די פּאות זענען לאַנג און פערדרעהט אין אַ לאָק, אַזוי אז ווען איהר וואָלט זיי אויסגעצויגען, וואָלטען זיי דערגרייכט ביז'ן גאַרטעל. ווען דער חלוקה־יוד וואָלט אין זיין הילוך — ווי ער שטעהט און געהט אויף די ירושלים'ער גאַסען — בעוויזען זיך ערגעץ אין אַן אייראָ־פּעאישער שטאָדט, אפילו אין פּוילען, וואו די יודען געהען נאָך עד היום לאַנג געקליידעט, וואָלט מען נאָך איהם נאָכגעלאָפען אויף ביין וואונדער, ווי נאָך אַ משוגע'נעם.

די וואוינונגען פון די חלוקה־יודען זענען אונגעהויער שמוציג. ווען איהר קומט אריין אין אַ הויף, וואו עס וואוינען חלוקה־יודען, דאַרפט איהר זיך פערשטאָפּען דעם נאָז, אַלץ איינס זומער צו ווינ־טער, און האַפּט איהר זיך איבער דעם איינגען הויף און געהט אריין אין שטוב אריין, ווערט אייך נאָך ערגער. עס פערהאַפּט אייך דעם אָטעם, און מעהר ווי אַ פּאָר מינוטען איז אַ נייעם מענשען ניט מעג־ליך דאָרט צו פערבלייבען. געוועהנליך האָט דער חלוקה־יוד ניט מעהר ווי איין צימער, וואו עס שטעהט אַ גרויסע בעט מיט גאַנצע פּעק בעטגעוואנד, אַ טישעל און אַ פּשוטע לאַנגע באַנק. אַ שטוהל געפינט איהר דאָרט זעלטען. און אַ קליין לעמפּעל מיט אַ פעררוי־כערטען שווארצען גלאָז איז דער גאַנצער קוואַל פון ליכט פאַר דעם דאָזיגען פּאַלאַץ. אויף אַלץ — אויפ'ן דיעל, אויפ'ן טיש, אויף די פענסטער — און, עס דוכט זיך, אויך אויף די בעטגעוואַנד און אויף די מענשען ליעגט אַ גראָבע שיכטע שמוץ. מיט פערגעניגען רייסט איהר זיך ארויס פון דער דאָזיגער שמוציגער לאָך און האַפּט אָב אביסעל דעם אָטעם אויף דער גאַס.

דאָס פאַמיליען־לעבען איז ביי די חלוקה־יודען זעהר אַ שלעכ־טעס. די מענער האַלטען די פרויען פאַר נידעריגע אומריינע בע־שעפענישען. ווען דער מאַן איז אין דער היים טאָרען זיך די פרוי און די קינדער ניט צוזעצען ביז ער הייסט ניט. די ווייב קאָכט אָב דאָס עסען און וואַרט ביז דער מאַן קומט פון שוהל. און וואָס עס בלייבט פונ'ם מאַן, עסען די ווייב און די קינדער. פאַר יעדער קלייניגקייט שלאָגט דער מאַן די ווייב און די קינדער. זעהר פיעלע פרויען אין צפת אויף מיין פראַגע — ווי לעבט זיך — האָבען קיין אנדער ענטפער ניט געפונען ווי — „הלואי וואָלט מען בעסער ניט געבאָרען ווערען" און האָבען זייער גאַנצע ביטער הארץ אויסגע־גאָסען אויף זייערע מענער. אין די איינגע און שמוציגע געסלעך פון דער עיר־הקדש צפת זוכט ניט קיין שלום־בית; איהר וועט עס דאָרטען ניט געפינען! און דאָס זעלבע אויך אין ירושלים. אין קיין

לאַנד איז ניטאַ — פערהעלטניסמעסיג — אַזאַ גרויסע צאַהל גט'ען, ווי אין פאַלעסטינע ביי די חלוקה־יודען.

די ערציהונג פון די קינדער, ריכטיגער פון די אינגלעך פון די חלוקה־יודען קומט פאָר אין די חדרים אָדער תלמוד תורות און אין די ישיבות. אין ירושלים זענען פאַרהאַן פיעל גרויסע הויפען, וועלכע זענען פערנומען נור מיט ערציהונגס־אנשטאַלטען פון די חלוקה יודען. א חדר אין אַזאַ הויף — דאָס איז א שמוציגער צימער, וועלכען מען האָט אודאי ניט געוואשען זינט ער איז אויפגעבויט געוואָרען; אין חדר שטעהט א לאַנגער טיש און צוויי לאַנגע בענק, אַזוי שמוציג ווי דער צימער. דאָס ליכט קומט אריין גאַנץ אָפט נור פון דער טיר, וועלכע איז אָפען; קיין פענסטער איז ניטאָ. אויף די בענק זיצען אנגעפּאַקט איינער אויף דעם אַנדערען אנגעטונענע אין שמאַטעס, שמוציגע, מיט אומריינע אויגען און נעזער און פערקאַראַוועטע הענד קינדערלעך. און אַן'אַלטער צודולטער מלמד מיט א פּלאַקען אין האַנד זיצט אויבען אָן. פון הויף רייסען זיך אריין די קולות פון די איבעריגע צעהנדליגער חדרים און ישיבות אויסגעמישט מיט'ן פערדעמפטען שווערען ריח פון דעם שמוציגען הויף. דער קורס פון די חדרים איז: אַלף־בית, עברי, דאַווענען, חומש, תהילים און גמרא. ווען דאָס קינד לערנט זיך אויס פאר א זמן אָדער מעהר דעם אַלף־בית, געהט ער אריבער צו א צווייטען מלמד, וועלכער לערנט עברי א. ד. ג. ווייטער, ווען דאָס קינד ענדיגט דעם קורס פון חדר, קומט ער אַין אין ישיבה. די ישיבות שטעלען מיט זיך פאר שוין גרעסערע צימערען, מיט מעהר טומעל, נאָר ניט מיט ווייניגער שמוץ. ווען איהר געהט אריין, בעמערקט איהר הונדערטער קערפּערס, וועלכע וואַרפען זיך אום מיט אימפּעט הין און הער ווי פערפּענדיקעלס, און עס בעטויבט אייך דער טומעל פון די הונדערטער קולות. אין אַזאַ טומעל איז אונמעגליך צו פערשטעהן וואָס עס איז פונ'ם לערנען, שוין ניט רעדענדיג וועגען פערטיעפען זיך. ניט אומזיסט גיט פאַלעסטינא מיט איהרע צעהנדליגער און צעהנדליגער ישיבות ניט ארויס קיין איין רב אפילו נור פאר זיך, פאר די אייגענע פיעלע שכונות אין ירושלים. די אַלע אַהן אויסנאַהם פאַלעסטינער רבנים זענען אָנגעקומענע פון אייראָפּע.

איינמאָל האָב איך אויפ'ן וועג פון מאה שערים אין לעמעלשול דערזעהען, געהענדיג פאַרביי אַן'אָפענער טיר, א חדר. איך בין אריין. דער רבי איז געזעסען אנטקעגען און האָט געשלאָפען אָנגעשפּאַרט אויפ'ן אוילענבויגען. ביי ביידע זייטען זענען געזעסען צו צוויי קליינע קינדער און די איבעריגע קינדער האָבען זיך געשפּיעלט אויף דער ערד אין שוועבעלעך. ווען איך בין אריין, האָבען זיי אויף א ווײַלע אויפגעהערט צו שפּיעלען און מיט נייגיריגקייט און האַלב דערשראָקען געקוקט אויף מיר. איך האָב זיך פונאַנדערגעפרעגט ביי זיי ווי מען רופט זיי, און וואָס זיי שפּיעלען און וואָס זיי לערנען, און מיר האָבען זיך צושמועסט. מיט אונזער טור־

מעל האָבען מיר אבער אויפגעוועקט דעם רבין. ער האָט גלייך אראָבגעלאָזט א פּאַטש איינעם פון די קינדער, וואָס איז געזעסען נעבען איהם, און געגעבען א געשריי: „וואָס האָט איהר זיך מיט אמאָל אָבגעשטעלט, שקצים, זאָגט! קמץ למד — לאָ; קמץ אלף — אָ; סגל ריש — רע, א לאַנגער צדיק אויס — ץ, אינאיינעם ל־אָ־ר־ץ" די קינדער האָבען מיט א פערשטיקטען חליפּ און מיט די גאַנצע כוחות נאָכגעשריען דעם רבי'ן: קמץ למד — לאָ, קמץ אלף — אָ!

דער רבי האָט אויף א ווײלע אָבגעשטעלט דאָס לערנען, אָב־געגעבען מיר שלום און גענומען קלאָגען זיך: „דאָס זענען גוים און שטיפער — איין גאָט זאָל אויסהיטען". איך בין ארויסגעגאַנגען פון חדר און האָב געטראַכט: „אַז וועה איז צום פּאָלק, וואָס האָט אַזוינע לעהרער און ערציהער!".

אויסער עברי, חומש, תהילים און גמרא לערנט מען די קינ־דער גאָר נישט. שרייבען לערנט מען זיי אויך ניט, ווייל די מיים־טענס מלמדים קאָנען דאָס אליין ניט. לערנען עטוואָס וועלטליכעס ווערט פערבאָטען. אָבגעבען די קינדער אין אנדערע שולען — ווי פון אליאַנס, פון הילפס־פעראיין אָדער פון די חובבי ציון איז אויך שטרענג פערבאָטען. ווען דער הילפס־פעראיין האָט אין חברון גע־עפענט א שול, האָט דער כולל תב"ד אַנגעזאָגט די חברונער חלוקה־יודען, אַז ווען איינער פון זיי וועט אָבגעבען זיין קינד אין שולע, וועט מען ביי איהם אָבנעהמען זיין חלוקה. און אין דער שול געפינט איהר דאָרט דערפאַר נור ספרד'ישע קינדער. איין אויסנאַהם מאַכען נור די חלוקה יודען — פאַר די מיסיאָנערישע שולען. ווי פּאַראַ־דאָקסאַליש דאָס זאָל ניט זיין, עס איז אָבער א פאַקט, אַז זעהר פיעל חלוקה'ניקעס אין צפת און יפו גיבען אָב זייערע קינדער, איבערהויפּט די מיידלעך, אין די שולען פון די מיסיאָנערען. די הויפּט אורזאַכע איז — וואָס די מיסיאָנערען גיבען די תלמידים קליידער און שיך און אין צפת גיבען זיי נאָך די עלטערן פון יעדען קינד א זעקעל מעהל יעדען חדש, און קיינער, אויסער די ציוניס־טען, פּראָטעסטירט ניט געגען אַזאַ אויסנאַהם פאַר די מיסיאָנערי־שע שולען. נאָר ווער פון די חלוקה־יודען הערט די ציוניסטען אין פּאַלעסטינע?

די חלוקה־יודען וואוינען אין ירושלים אין א צאָהל פון הע־כער 35 טויזענט. און צוזאַמען מיט אַלע איבעריגע יודען בילדען זיי אויס די גרעסטע מעהרהייט פון דער ירושלים'ער בעפעלקערונג; נאָר ניט קוקענדיג אויף דעם איז זייער ווירקונג אויף דער שטאָדט־פערוואַלטונג גלייך א נול. פון עטליכע און זעכציג מיטגליעדער פון דער שטאָדט־פערוואַלטונג האָבען דאָרט די יודען נישט מעהר ווי א פּאָר. מיט די יודישע בעדערפעניסען און בכלל מיט די יודען רע־כענט זיך דערפאַר די שטאָדט גאָר נישט. די יודען ווערען שרעק־

ליך גרינג־געשעצט. דערמיט נור קאָן מען ערקלערען למשל אזא צוועקלאָזע בעליידיגונג פאַר די יודען, ווי דער פערבאט צו ברייננגען אין דעם טויבען געסעל ביים כותל מערבי ביינקלעך צום זיצען, הגם דאָס קאָן דאָרט קיינעם בשום אופן נישט שטערען. און די גרינגשעצונג מצד די עלטערע געהט אויך איבער צו די קינדער. די אַראַבישע און אנדערע ניט יודישע קינדער ווארפען גאַנץ אָפט אויף די יודען שטיינער און שמוץ אין גאס און זידלען זיי מיט די מיאוס'טע ווערטער.

די חלוקה־יודען זענען פרום, זייער פרומקייט אבער בעשטעהט נור אין דאַווענען, אין עסען פלייש אָהן א סירכא א. ד. ג. קיין טיעפער רעליגיעזער געפיהל, וואָס זאָל ווירקען אויף זייער גאנצען מאָראַלישען צושטאַנד, איז ביי זיי ניטאָ. דערפאַר איז פאַר אַ גראַשען חלוקה רעכט צו שלאָגען זיך; און נאָכ'ן שלאָגען זיך קומען מסירות. צום נייעם ישוב בעציהען זיך די חלוקה יודען אויסגעשפּראכען פיינדליך, ווייל זיי רעכענען, אז ער שאַדט זיי, אז ער פערקלענערט זייער חלוקה.

ווען איך בין געווען אין מרון, אויף ר' שמעון בן יוחאי'ס קבר, האָב איך זיך דאָרט בעקאַנט מיט א יודען פון האמעל. געוועהנליך געהט יעדערער אין שוהל צו צו א נייעם יודען, וואָס קומט אריין, און שטעקט איהם אב שלום עליכם און פרעגט: פון וואַנען איז א יוד? ווען דער האמלער יוד האָט דערהערט אז איך בין פון מאהילעווער גובערניע, האָט ער זיך זעהר דערפרעהט און געבעטען מיך אריינגעהן צו איהם. ער האָט מיך פאָרגעשטעלט זיין ווייב, געבעטען איך זאָל אונבעדינגט ביי זיי אויסטרינקען א גלאָז טיי און ממש ניט געוואוסט וואָס צו טון פאר שמחה, און ער האָט מיר דערצעהלט: ער איז אין דער היים געוועזען א משולח פאר דער ישיבה אין מרון. ער פלעגט שיקען א סך געלד. ער האָט געמיינט, אַז דאָרטען זיצען יודען יראים און שלמים און לערנען. און אויף דער עלטער האָט ער בעשטימט אויך פאָהרען אהין מיט זיין ווייב. נאָר ער האָט א טעות געהאט. ניט יודען לומדים זיצען דאָ, נאָר עם־הארצים. אויסער א קאַפּיטעל תהילים, וואָס זיי זאָגען, ווען עס קומט אָן א קוויטעל, נעהמען זיי קיינמאָל א ספר ניט אין האנד. און די גאנצע צייט — נאָר מען קריגט זיך און מען שלאָגט זיך צווישען איינאנדער, אָדער מיט די ווייבער. ער איז צווישען זיי ווי צווישען וועלף. די ווייב זיינע וויל, זיי זאָלען אַוועקפאָהרען צוריק אין רוסלאנד, נאָר ער וויל ניט: פאָהרט אויף דער עלטער, וויפיעל נאָך שוין לעבען, און עס ווילט זיך שטארבען אין ארץ־ישראל. ער האָט מיר זעהר בעדאַנקט, וואָס איך בין צו איהם אריין: פאָרט א נייער מענש, און נאָך אַ לאַנדסמאַן. עפּעס ווערט אויף אַ ווײַלע גרינגער". אָט דאָס איז די מיינונג וועגען די חלוקה־יודען פון איינעם פון זיי, ביי וועלכען דאָס הארץ פיהלט רעליגיעז

טיעפער און די נשמה איז ניט פערשמוצט און צופוילט געוואָרען פון שנאָרעריי.

די חלוקה אידען זענען זעהר פאַנאַטיש. זיי רודפ'ען יעדען, וועלכער וואגט נור אויף איין האָהר אַוועקגעהן פון דעם אָרט לע־בען, וועלכען זיי פיהרען. ווען איך בין געוועזן אין צפת, האָב איך בעמערקט צוויי בחורים, אייראָפּעאיש געקליידעט, וועלכע שפּאַ־צירען ארום אליין און האָבען מיט די איבעריגע בחורים קיין מגע ומשא. ווען איך האָב זיך אָנגעהויבען נאָכצופרעגען, האָבען זיי מיר דערצעהלט, אז זיי זענען צפת'ער. זיי זענען שניידער, האָבען ליעב צו קליידען זיך ריינער און שענער. זיי האָבען דעריבער אביסעל אונטערגעשערט די פּאות'ען און אָנגעטהון קורצע קלייד'ער. דערפאַר האָט מען ביי זיי און ביי זייערע עלטערן אבגענומען די חלוקה און אריינגעבראכט זיי אין חרם. און די אלע בחורים פון שטאָדט וויי־כען פון זיי. און זיי האָבען צוגעגעבען, אז זיי האָט שוין דערעסען די צפת, און זיי וועלען ביי דער ערשטער געלעגענהייט אנטלויפען פון דאָרטען.

און די חליקה־יודען אליין היטען אָב די אלע מנהגים, וועל־כע האָבען געהערשט ביי אונזערע עלטערן אין פּוילען מיט א הונ־דערט יאָהר צוריק. בעזונדערס איז דאָס קענטיג אין די אלע מנהגים ביים חתונה מאכען די קינדער. די לעצטע האָבען חתונה צו 14־16 יאָהר און יונגער. דעם שידוך טוען די עלטערן צווישען זיך, ניט אָנפרעגענדיג ביי די קינדער, חתן־כלה זעהען זיך ניט ביז דער חתונה. פאַר דער חופּה גאָלט מען אָפּ דער כלה דעם קאָפּ. דער חתון קומט צו דער חתונה אין א שטריימעל מיט עקלעך, וואָס די כלה שיקט איהם א מתנה, און וואָס ער וועט שוין טראָגען זיין גאַנץ לעבען. קיין כלי־זמר שפּיעלען ניט אויף דער חתונה (זכר לחורבן !), נאָר א אשה צנועה קלאַפּט אויף א פּויק און שפּרינגט אונטער לכבוד דער כלה, נאָך דער חופּה־וועטשערע געהט די כלה א כשר־טאַנץ און פון טאַנץ גלייך מיט'ן חתן אין א חדר מיוחד.

נאָר בעזונדערס וואַרפט זיך אין די אויגען די אבערגלויבעריי פון די חלוקה־יודען. זיי גלויבען אין עין הרע אין אָפּשפּרעכעניש, אין שדים און מזיקים, אין נסים און אין הייליגע. אויף דער „יודי־שער" גאַס אין ירושלים געפינט איהר גאַנצע קראָמען פון שיר־המעלות'ן, שמירה'ס און קמיעות. און אויף ר' שמעון בן יוחאי'ס קבר געפינט איהר גאַנצע בערג מיט קוויטלעך: דאָס בעט מען ביי איהם פּרנסה, א רפואה שלמה, א גוטען שידוך פאַר דער טאָכטער, א שידוך פאַר זיך אליין. ל"ג בעומר צינדט מען אָן ביי ר' שמעון בן יוחאים קבר פייערן, און מען וואַרפט אַהין פערשיעדענע חפצים — דאָס איז א מין קרבן דער נשמה פונ'ם צדיק. און אפילו די גרויסע הייליגע שטיינער פון דעם כותל מערבי זענען ניט ניצול געוואָרען פון די פערשוועכערישע הענד פון די אבערגלויבער :

איהר זעהט אויף די טויזענד יעהריגע שטיינער די אויפשריפטען:
חיים ב"ר קלונימוס, שלום בן דוד, א. ד. ג. דאָס האָט מען אויפ־
געשריבען אויף די הייליגע שטיינער די נעמען פון חולאים, כדי
דערמיט זיי א רפואה שלמה ברייננגען!

בכלל שטעהען די חלוקה־יודען אויף אן אונגעהויער נידעריגער
שטופע פון ענטוויקלונג. אפשר זענען אונזערע יודען אין פּוילען
מיט א יאהר הונדערט־הונדערט פופציג געשטאַנען אויף דער זעל־
בער שטופע. נאָר די ספּעציפישע בעציהונגען פונ'ם פּאַלעסטינער
לעבען האָט פערוואַנדעלט די דאָרטיגע חלוקה־יודען אין פוילענצער,
אין בטלנים, אין שנאָרער, אין די אונוויסענדסטע און אָבערגלוי־
בישסטע פון די אלע אשכנזים. לויט זייער מאָראַלען אויסזעהן
זענען דאָס די פּסלת, דער אָבפאַל, דאָס ערגסטע, וואָס דאָס יודישע
פאָלק פערמאָגט. און זייער ארט לעבען — פון צדקה — האלט זיי
פעסט אין דעם דאָזיגען צושטאַנד, אזוי אז עס ניטאָ קיין האָפ־
נונג, זיי זאָלען זיך ווען עס איז ענדערען. די מורא אָנצוּאווערען
די חלוקה האלט אָב יעדען איינציגען פון זיי פון ארייננטראָגען עט־
וואָס נייעס אין לעבען. און ערשיינט אמאָל צווישען די דאָזיגע יודען
אָ רעוואָלוציאָנער, א העלד, בעשטעהט זיין גאנצע גבורה אפילו נור
אין אונטערשערען די פאות, אין אנטון קירצערע קליידער אָדער אין
פערשפּילען דעם קאָלנער פון העמד, אָדער העכסטענס — אין לע־
זען אָ ביכעל. און פאַר זיין דאָזיגער „העלדישקייט" בעצאָהלט ער
גלייך מיט זיין חלוקה און ווערט אומבאַרעמהערציג גע'רודפ'ט. און
איהם ווערט איינג ביז דערשטיקט צו ווערען אין דער
שמוציגער און פינסטערער חלוקה־סביבה און ער פערלאָזט זי
און אנטלויפט פון איהר אום קיינמאָל זיך אהין ניט צוריקצוקעהרען.
ווער ווייס דער פאַר, ווי לאַנג עס וועט נאָך עקזיסטירען די דאָ־
זיגע מיאוסע מכה אויף דעם יודישען קערפּער.

4.

דער נייער ישוב.

צום נייעם ישוב געהערען די קאָלאָניסטען, וועלכע זענען גע־
קומען אין פּאַלעסטינע אין די 80־גער און די 90־גער יאָהרען מיט'ן
צוועק אויפצובויען דאָס לאַנד פון די אבות. אמת, צווישען זיי
זענען אויך געווען אזוינע, וועלכע עס האָט געצויגען אין פּאַלעסטי־
נע די ידיעה, אז דער באראָן גיט ערד און ווירטשאַפט אין אלץ וואָס
איז נויטיג צום איינאָרדנען זיך, אָדער אזוינע, וועלכע האָבען גע־
מוזט אנטלויפען פון איירָאפּע, ווי צ. ב. באנקראָטירטע סוחרים.
די גרעסטע מעהרהייט פון די קאָלאָניסטען אָבער זענען געקומען
אין פּאַלעסטינע אויס אידעעלע צוועקען, עס זענען צווישען זיי גע־
וועזען מענשען פון העכערען גייסטיגען ראַנג, מענשען, וועלכע האָ־

בען געאַפּפערט מיט זייערע קאַריערען צוליעב זייער אידעאַל, צור ליעב ישוב ארץ ישראל. זיי זענען געווען דורכגעדרונגען מיט איין שטרעבען — מיט זייער ארבייט און שווייס אויפלעבען דאָס לאַנד, וואָס איז זיי געוועזען טייער.

נאָר די פּאַלעסטינער בעדינגונגען האָבען זיך זעהר שלעכט אָבגערופען אויף די דאָזיגע אידעאַליסטען. דעם באַראָנס אדמיניסטראַטאָרס האָבען אָבגענומען ביי זיי די זעלבסטשטענדיגקייט, און זיי האָבען פערלאָרען יעדע איניציאַטיוו. די וואָלוועלע אַראַבישע הענד האָבען געבראַכט דערצו, אז די קאָלאָניסטען אליין זאָלען אויפהערען ארבייטען, און זאָלען זיך זאָגאר אָבגעוועהנען פון ארבייט, זאָלען פערוואַנדעלט ווערען אין פּויליענצער. פון די עלטערע קאָלאָניסטען און אפילו פון זייערע זיהן ארבייט כמעט קיינער. און א גרויסער טייל פון זיי גיט גאָר אָב זייער באָדען אין האַלבער אַרענדע צו די אַראַבער. דער קאָלאָניסט אליין אָדער ער וואַרימט זיך אויפ'ן זון ערגעץ אויף א גאַניק, אָדער ער „רוהט אָב" אפילו אין מיטען העלען טאָג, אדער ער שטעהט אין פעלד און טרייבט אונטער זיין אַראַבישען ארבייטער.

דעם באַראָנס תמיכה האָט צוגעוועהנט די קאָלאָניסטען צו לעבען פון צדקה. און זיי זענען ביסלעכווייז פערוואַנדעלט געוואָרען אין מקבלים, אין שנאָרער. נאָך איצט בעקומען פיעלע קאָלאָניסטען דעם רמבנ'ס חלוקה, און כמעט אַלע קאָלאָניעס בעקומען ביז היינטיגען טאָג שטיצע פון דער יק"א אויף פערשיעדענע הוצאות פון דער קאָלאָניע: אויף שולע, אויף דאָקטאָר און אפּטייק, אויף שומרים א. ד. ג. און וויפיעל מען גיט די קאָלאָניסטען, איז זיי אַלץ ווייניג. זיי האַלטען זיך פאַר קדושים, וועלכע האָבען גרויסע פערדיענסטען ביים פאָלק דערמיט, וואָס זיי זענען אין דעם הייליגען לאַנד קאָלאָניסטען געוואָרען, און פאָדערן, דאָס פאָלק זאָל זיי דערפאַר בעצאָהלען. צו אַלעמען האָבען זיי פּרעטענזיעס, אַלעמען האַלטען זיי פאַר זייערע בעלי חובות, קיינער איז געגען זיי, זאָגען זיי, ביז איצט ניט יוצא געווען. און אייניגע קאָלאָניעס האָבען אפילו נאָך גאָר ניט לאַנג ארויסגעשיקט אויף דער וועלט צו קלייבען נדבות פאַר זיי. אזוי האָבען זכרון און שפיה ארויסגעשיקט אין תרע"א דעם שפיה'ר שוחט אין אייראָפּע קלייבען פאר זיי, ווייל ער איז, ווי זיי זאָגען, א גוטער בעל בכיה.

די אדמיניסטראַציע האָט שטענדיג געהאַלטען די קאָלאָניסטען אין דער מורא, און די לעצטע זענען געוואָרען אונטערטעניג, פערשקלאַפט, און נאָך איצט ווען די מיטגלידער פון ועד פון א קאָלאָניע אין דעם אויבערשטען גליל קומען אריין צום אַדמיניסטראַטאָר, שטעהען זיי ביים טיר און אָהן היטלען. די אַדמיניסטראַציע האָט אַלע מאָל געטיילט די קאָלאָניסטען אויף מקורבים אָדער יחסנים און ניט מקורבים. די ערשטע דאָס זענען געווען די געהאַרזאַמע, די

צווייטע — די פּראָטעסטירענדע, און דאָס האָט ענטוויקעלט ביי די קאָלאָניסטען חניפה און מסירה. די קאָלאָניסטען פון איין קאָלאָניע זענען אָפט צווישען זיך נאָך ביז איצט פיינד און איינער פרעהט זיך איבער דעם צווייטענס אומגליק. איבער דער צוריסענקייט פון די קאָלאָניסטען האָט זיך זיי אין פיעלע קאָלאָניעס ניט איינגעגעבען צונויפריידען זיך וועגען פלאַנצונגען, און וואָס זייערע קאָלאָניעס נויטיגען זיך זעהר. די אַלטע קאָלאָניסטען האלטען זיך נאָך עד היום פאר די יחסנים, און בעציהען זיך מיט פעראַכט צו די נייע יונגע ציוניסטישע קאָלאָניסטען און צו די ארבייטער. צו דעם נייעם ישוב בכלל בעציהען זיי זיך מיט שנאה, ווייל זיי האָבען מורא, אז ער זאָל זיי בריינגען שאָדען, אז איבער איהם וועט מען זיי אָנהייבען ווענינער צו געבען.

דאָס גייסטיגע לעבען פון די קאָלאָניסטען איז איצט זעהר אָרים און קאָנצענטרירט זיך ארום דער שוהל. אין אַלע יהודה׳ר קאָלאָניעס אויך אין זכרון און אין דעם אויבערשטען גליל זענען פארהאַן גרויסע שוהלען. די קאָלאָניסטען געהען מייסטענס דריי־מאָל אין טאָג דאַווענען. אין פּתח תקוה זענען נאָך אויסער דער שוהל פארהאַן עטליכע מנינים. כמעט אין אַלע גרעסערע קאָלאָניעס פון יהודה און אויבערשטען גליל קאָנט איהר יעדען טאָג טרעפען קאָלאָניסטען. וואָס זיצען און לערנען א פּרק משניות אין בית מדרש. בכלל איז דער קאָלאָניסט זעהר פרום. און ער צווינגט אויך זיינע קינדער צו זיין פרום; אַ קאָלאָניסטישער זוהן וועט ניט וואַגען שבת און אין ערטער אפילו אין א וואָכענטאָג ניט צו געהען אין שוהל דאַווענען. אין איינינע קאָלאָניעס זענען אפילו די לעהרער, דאָ וואו זיי זענען מעהר אָדער ווענינער אָבהענגיג פון די קאָלאָניסטען, געצוואונגען צו געהן אין שוהל דאַווענען. צו די ארבייטער, וועלכע צייכענען זיך ניט אויס מיט זייער רעליגיעזיטעט, בעציהען זיך די קאָלאָניסטען מיט שנאה, און עס האָט געטראָפען אפילו, אז זיי האָבען די ארבייטער באָיקאָטירט. דאָ, וואו עס זענען פארהאַן תלמוד־תורות פון די פראַנקפורטער אָרטאָדאָקסען, גיבען אהין די קאָלאָניסטען אוועק זייערע קינדער לערנען און זיי ווייכען פון די שולען. אין פּתח־תקוה למשל לערנט די גרעסטע צאָהל קינדער אין דער תלמוד־תורה, און נור וואו די תלמוד־תורות זענען ניטאָ, גיבען אָפּ די עלטערן זייערע קינדער לערנען אין די שולען; זיי זענען אָבער מיט די שולען ניט צופריעדען און זענען אָפט צוקריגט מיט די לעהרער, בעזאָנדערס צייכענען זיך אויס מיט זייער פאַנאַטיזם די פּתח־תקוה׳ר אַלטע קאָלאָניסטען, די געוועזענע תמיכה־נעהמער, אָדער ווי מען רופט זיי דעם „באַראָנס אייניקלעך“. זיי האָבען פערטריבען פון פּתח־תקוה דעם ציוניסטישען דאָקטאָר כהן בערנשטיין, ווייל ער האָט אָרגאַניזירט אין קאָלאָניע לעקציעס וועגען אַנאַטאָמיע און פיזאָלאָגיע, וואו ער האָט ארויסגעזאָגט ניט גאָר אָרטאָדאָקסאָל רעליגיעזע געדאַנקען.

קיין אנדערע קולטורעלע אינסטיטוציעס זענען ביי די קאָלאָניסטען ניטאָ. אין די ערטער וואו די אַדמיניסטראציע האָט אַמאָל אויפגעבויט א בית־עם. — ווי צ. ב. אין ראשון — איז איצט דאָס הויז געשלאָסען. די ביבליאָטעקען אין פּתח־תקוה און ראשון זענען, ווען איך בין דאָרטען געווען, געווען געשלאָסען, און פון די עטליכע ביבלאָטעקען, וועלכע זענען געווען אָפען אין די קאָלאָניעס, האָט אויסער וועניגע שול־קינדער נור די אָדער יענע כלה־מיידעל גענומען א בוך צום לעזען. דאָס גאַנצע געזעלשאַפטליכע לעבען אין די קאָלאָניעס קאָנצענטרירט זיך ארום דעם ועד; נאָר דער ועד איז טעטיג נור אין פּתח־תקוה. דאָרט האָט ער איינגעפיהרט אַנ'אָרדנונג ביים קויפען און פערקויפען באָדען, ביים איינמאָהנען די קאָלאָניע־שטייערן; ער האָט אויסגעטיילט מענשען, וועלכע זאָלען אַכטונג געבען, מען זאָל אויפ'ן מאַרק ניט פערקויפען ניט קיין פרישע עסענוואַרג, און אויך א ועד המשפּטים, וועלכער דאַרף בעטראַכטען די סכסוכים צווישען די קאָלאָניסטען און אויך צווישען די שכנים אראבער מיט די קאָלאָניסטען. דער ועד אין פּתח־תקוה זאָל זיין טעטיג האָט מיטגעהאָלפען דער קאַמפּף צווישען די אַלטע קאָלאָניסטען מיט די נייע עלעמענטען, וועלכע זענען געקומען אין קאָלאָניע. אין די אַלע איבעריגע קאָלאָניעס, וואו קיין נייע עלעמענטען זענען ניטא, איז דער ועד כמעט אין גאַנצען אונטעטיג: אויסער אָבצאָהלען דער רעגירונג דעם עשור, צונויפנעהמען די שטייערן אויף די הוצאות פון דער קאָלאָניע און נעהמען א הלואה אין דער אנגלאָ־פּאלעסטינע־באנק — טוען זיי גאָרנישט. אין אַ פּאָר קאָלאָניעס האָט מען זיך געפּרובט עפענען קאָאָפּעראטיווע קראָמען, האָט מען אָבער די געשעפטען אזוי שלעכט געפיהרט, אז די קראָמען האָבען זיך געמוזט פערמאַכען אָדער אריבערגעהן אין פּריוואַטע הענד.

אין פּתח־תקוה, ווייל דאָס איז די לעבעדיגסטע קאָלאָניע, מיט מענשען, וואָס זענען ערשט אָנגעקומען פון אייראָפּע, איז דאָס לעבען בכלל אָביסעל ענטוויקעלטער. איהר האָט דאָרטען א פּאָר לייה־קאַסעס, צוויי אראנזשען־געזעלשאַפטען, א חברה „דוברי עברית“, א דראמאַטישע געזעלשאפט, אַנ'אָרקעסטער. אמת, די לעצטע עטליכע קולטורעלע געזעלשאַפטען זענען ניט זעהר טעטיג; דאָך אָבער עקזיסטירען זיי און דער יונגער עולם געפינט איז זיי מעהר אָדער וועניגער א בעפריעדיגונג פון זיינע קולטורעלע בעדערפנישען. אויף אַלע איבעריגע קאָלאָניעס ליעגט אָבער א שטעמפּעל פון קולטורעלער אָרימקייט, אפילו פון קולטורלאָזיגקייט. די פאָרמען פון ארבייט זענען די פּרימיטיווע, וועלכע מען האָט איבערגענומען ביי די אראָבער. אין די קאָלאָניעס און אויף די הויפען ביי די קאָלאָניסטען איז זעהר ניט ריין, אפט אפילו שמוציג. אין פּתח־תקוה און אין אייניגע אַנדערע קאָלאָניעס קאָן מען אין א וואַרימען טאָג ניט דורכגעהן די קאָלאָניע מחמת דעם שלעכטען ריח. אויסער אין א

פּאַר גערטנער אין פּתח־תקוה און ראשון און אין איין פּאַליסאַדניק אין מלחמיה געפינט איהר ניט קיין בלומען אין די קאָלאָניעס, אין דער צייט וואָס די דייטשע קאָלאָניע שרונה איז ממש איינגעטונקט אין בלומען. די געצייג און מאַשינעס אויף די הויפען ביי די קאָלאָניסטען וואלגערן זיך און פוילען אָפּט אונטערן רעגען. אין יסוד המעלה איז פאַרהאַן איינע פון די שעהנסטע אקאציעס־אַלעען אין לאַנד. דאָס איז געווען די פּראַכט פון דער קאָלאָניע. ווערט איצט די אַלעע פון יאָהר צו יאָהר קלענער און שיטערער, מחמת די קאָלאָניסטען האַקען אויס די בוימער פון דער אַלעע אויף צום הייצען. און דאָס קליידען זיך פון די קאָלאָניסטקעס אין פיעלע קאָלאָניעס איז שרעקליך געשמאַקלאָז.

קיין בעזונדער צוגעבונדענהייט צום לאַנד איז ביי די קאָלאָניסטען ניטאָ. ווער עס קען נאָר לאָזט זיך אוועק אין אַנדערע לענדער — אין ארגענטינע, אין אויסטראַליען — זוכען א בעסער לעבען. און זענענדיג אונצופריעדען מיט זייער לעבען, ווילען זיי ניט, אז זייערע קינדער זאָלען פערבלייבען ביי די זעלבע אומשטענדען אין לאַנד. אַלע קאָלאָניסטישע בחורים, אויסער איינציגע אין זכרון און אין פּתח־תקוה, פערלאָזען דערפאַר דאָס לאַנד. אז די אוועקפאָהרענדע זאָלען קומען צוריק — דאָס טרעפט איהר זעלטען. איך האָב אינגאַנצען בעגעגענט אין פּאַלעסטינע אזוינע דריי צו פיער.

אין קאָלאָניע בלייבען נור די מיידלעך. זיי העלפען אַביסעל די מוטער אין דער שטוב־אַרבייט, האָבען אבער אונגעהויער פיעל לעדיגע צייט, וועלכע זיי האָבען ניט מיט וואָס צו פערנעהמען. זיי נייהען און נייהען אויס. לעזען ווען עס איז א ראמאן, נאָר מייסטענס נודיען זיי זיך און ווארטען אויף א חתן. און עס איז אויף זיי א גרויסער רחמנות. אין די קאָלאָניעס איז ניטאָ מיט וועמען חתונה צו האָבען. די קאָלאָניסטישע זיהן צופאָהרען זיך; פאַר אַנ'ארבייטער חתונה האָבען איז קיין תכלית ניט. ווארטען זיי אויף חתנים, וואָס וועלען קומען ערגעץ פון דער ווייט — פון פּאַריז, וויען, קאאירא — און וועלען זיי בעפרייען פון זייער דריקענדען אומעט. און די פּאַלעסטינער שדכנים ארבייטען אין דער זאך; און דער טאַטע, דער קאָלאָניסט, זאמעלט די לעצטע גראָשענס אויף נדן, און די יונגע לייט פון די ווייטע מקומות קומען טאקע און בעפרייען די קאָלאָניסטישע טעכטער פון דער פּאַלעסטינער לופט.

די זיהן פון די קאָלאָניסטען, וועלכע זענען געקומען אין פּאלעסטינא אין די אַכציגער יאָהרען, האָבען זיך שפּעטער בעזעצט מייסטענס אין די קאָלאָניעס פון דעם אונטערשטערן גליל. די דאָזיגע קאָלאָניסטישע זיהן שיידען זיך וועניג אונטער פון זייערע פּאָטערס און דאָס אויך צום שלעכטען. זיי האָבען שוין קיינמאָל ניט פערמאָגט קיין אידעאַליזם; זענען אויסגעוואַקסען דירעקט אונטער דער ווירקונג פון דעם באראנס תמיכה, און האָבען דערפאר איצט קיינע אי־

דעאלען, אויסער א בעסערע הלואה צו קריגען. די שוהל מיט'ן דאווד־נען האט אויף זיי שוין ניט אזא גרויסע ווירקונג, ווי אויף די אלטע קאלאניסטען; מיט עטוואס אנדערעס קולטורעלעם האבען זיי אבער די שוהל ניט פערביטען. געווירקט האט אויף זיי צום שלעכטען אויף די ארומיגע סביבה: זיי זענען געווארען פערגרעבט און אבער־גלויביש. און בעזונדערס איז קאנטיג די ווירקונג פון דער אראבי־שער סביבה אויף די ווייניגע יונגע בחורים, וועלכע זענען געבליבען אין לאנד — אין זכרון, אין אטליט. דאס זענען פשוט'ע, גראבע פויערים־יונגען, וועלכע זידלען זיך און שילטען זיך ניט ערגער פאר קיין אראבער. פון דער שולע, וועלכע זיי האבען דורכגעמאכט, איז ביי זיי געבליבען ניט מעהר ווי א ביסעל העברעאישע און עטליכע פראנצויזישע ווערטער. זייערע שמחות, זייער כבוד, זייער מוזיק און טענץ און זייער קליידונג דערמאנען מעהר די רוסישע פויערישע „וועטשערינקעס“ איידער א שטאדטישען יודישען אווענד.

די פערבינדונגען מיט זייערע אלטע היימען אין אייראפא האבען די קאלאניסטען לאנג איבערגעריסען. פון אלע געשעהענישען אינ'ם יודישען לעבען קומען צו זיי אן נור פערשפעטיגטע מטושטש'ע ווידערקלאנגען, ווען איך בין געוועזען אין פאלעסטינע האט זיך דאר־טען איינגאנצען בעקומען 8-10 „הצפירה'ס“, 3 „פריינדען“ און 2 „היינטען“. אין פיעלע קאלאניעס האט איהר ניט קיין איין צייטונג, אפילו קיין ארטיגע. (פארהאן קאלאניעס אויך, וואו איהר געפינט בכלל ניט קיין איין ספר. אויסער א סידור און א חומש, צ. ב. אין אטליט). דער גייסטיגער האריזאנט פון די קאלאניסטען ווערט דערפאר אלץ איינגער און איינגער.

איין זאך בינדט נור נאך צו די קאלאניסטען צו דער אויסער־ליכער יודישער וועלט: דאס איז די שטיצע, וואס זיי ערווארטען פון דארט. און דאס האט אויסגעארבייט אנ'אינטערעסאנטען שטריך אינ'ם כאראקטער פון די קאלאניסטען: זיי זענען זעהר בעריידעוודיג און אפענהערציג. זיי דערצעהלען אייך נאך מעהר איידער איהר אליין וואגט ביי זיי צו פרעגען. זיי ווילען אפט אונ־בעוואוסטזיניג, אז מען זאל וועגען זיי וואס מעהר רעדען צווישען די יודען, מען זאל זיי וואס מעהר האבען אין זינען. און זיי נעהמען דערפאר צו זעהר פריינדליך די בעזוכער. פאר די בכבוד'יגע געסט מאכען זיי נאך א ווארמעס, א באנקעט, און קארגען אפילו ניט אויף דעם קאלאניע־געלט. פון דעם בעראנס אדמיניסטראציע און פון די ציוניסטען (וועלכע זענען אויך גרויסע בריה'ס אויף דעם) האבען די קאלאניסטען זיך אויסגעלערענט צו ווייזען די אורחים זייער יום־טוב'דיגע זייט און פערבארגען דעם וואך. און דאס איז די אורזא־כע, וואס פיעלע בעזוכער פון פאלעסטינע, וועלכע קומען אין לאנד מייסטענס נור אויף א פאר וואכען און האבען ניט קיין צייט און געוועהנליך אויך ניט קיין געהעריגע ידיעות, וואס זענען נויטהיג אום טיעפער זיך בעקאנען מיט דער זאך, אום צו דערגעהן אויף די ווא

כעדיגע זייט, די אמת'ע פערהעלטנישען און די אמת'ע לאגע, קאַנען זיך אַפט ניט אָפּלויבען פון די פּאַלעסטינער קאָלאָניעס. זיי האָבען נור געזעהען דעם פּאַלעסטינער יום־טוב, ריכטיגער נאָך — דעם געוויזענעם יום־טוב, אָבער גאָרנישט געזעהען פון דעם וואָך, און זיי ווערען אריינגעבראכט אין א גראבען טעות, און זיי פּאָהרען אַוועק מיט דער פּאַלשער איבערצייגונג, אז די קאָלאָניסטען לעבען גליקליך און די קאָלאָניזאַציע בליהט.

דער פּאַלעסטינער טוריסט, ווערט בעצויבערט, ווען ער דערזעהט א קאָלאָניסט פּאָהרען אויף אנ'אייזעלע אָדער א גרינע יודישע פעלד, אָדער א שמעקענדיגען יודישען גאָרטען. ער ווייס אָבער ניט, אז די פעלד און דער גאָרטען זענען בעארבייט ניט דורכ'ן קאָלאָניסט, נאָר דורך פרעמדע אראבער הענד; אז דער קאָלאָניסט איז נור א קליינער, פוילער פּריצ'ל, וועלכער לעבט פון פרעמדער ארבייט, און אז זיין ווירטשאַפט ווערט געפיהרט אויף א פּרימיטיווען שטייגער. ווען ער וואָלט זיך צוגעקוקט, וואָלט ער דערפיהלט, אז דער ריח פון דער ערד לאָזט זיך זעהר שוואַך הערען פון דעם יודישען קאָלאָניסט אין פּאַלעסטינע, און ער וואָלט בעמערקט, אז אין די דאָרטיגע יודישע קאָלאָניעס, איז ניט איינגעפיהרט דאָס פּאָרגעשריטענסטע, בעסטע און העכסטע, וואָס אַלע ציוויליזירטע פעלקער פערמאָגען שוין — ווי מען וואָלט דאָס גדאַרפט ערוואַרטען, — נאָר אז די קאָלאָניעס שטעהען אויף פיעלע שטאַפּלען נידעריגער אין פיעלע הינזיכטען, איידער די דערפער אין מעריב אייראָפּא.

אמת, אין איינינע קאָלאָניעס איז נאָך פערבליבען וואו ניט וואו א קאָלאָניסט, וועלכער האָט נאָך ניט אָנגעוואָרען זיין אַמאָליגען אידעאַליזם. אזא קאָלאָניסט טראָגט זיך געוועהנליך אום מיט פערשיעדענע פּלענער, ווי צו ראַטעווען דעם ישוב; ער האָט געוועהנליך גאַנצע פּעק מיט געשריבענעם מאַטעריאַל — זכרונות און פּלענער. נאָר דאָס געשריבענע האָט ניט די מעגליכקייט צו דערגעהן צו דער עפענטליכקייט; און די איבעריגע קאָלאָניסטען — די אַמאָליגע אידעאַליסטען, — וועלכע לאַכען איצט אויס און חוזק'ן אויס אַלץ, וואָס עס שמעקט מיט אידעאַליזם, בעציהען זיך אויך מיט אירָאָניע צו זייער „משוגאַק" דעם לאַנדסמאַן און לאַכען איהם אויס פאַר אַלע געסט.

5.

דער נייעסטער ישוב.

צום נייעסטען ישוב געהערען די, וואָס זענען געקומען אין פּאַלעסטינע די לעצטע צעהן יאָהר: דאָס זענען די בעלי מלאכות און הענדלער פון יפו; די קאָלאָניסטען פון די ארבייטער־קאָלאָניעס און א געוויסע צאָהל יונגע קאָלאָניסטען פון דעם אונטערשטען גליל און פון פּתח־תקוה, די ארבייטער, און די מיטגלידער פון די קאָא־

פּעראַציעס, די ציוניסטישע טוער און די לעהרער.

די אַלע זענען געקומען אין פּאַלעסטינע, ווי געזאָגט, זעהר ניט לאַנג, אויף זיי ליעגט נאָך דער שטעמפּעל פון דער אייראָפּעאיש־יודישער קולטור. אויסער די בעלי מלאכות און הענדלער פון יפו — א דריי־פיער טויזענד נפשות, — וועלכע זענען געקומען איז פּאַלעסטינא צו מאַכען דאָרט א לעבען אויף דעם זעלבען שטייגער ווי אין דער אַלטער היים, און וועלכע שיידען זיך מיט גאָרנישט אונ־טער פון די יודישע בעלי מלאכות און הענדלער בכל תפוצות ישראל, זענען אַלע איבעריגע פונ'ם נייעסטען ישוב — אידעאַליסטען. דאָס זענען שוין ניט קיין לעדיג־געהער, ווי די אַלטע קאָלאָניסטען, נאָר מענשען, וועלכע האָרעווען מיט'ן ביטערען שוויים אויף די געביטען, וועלכע זיי האָבען זיך ערוועהלט. זיי האָבען געוויסע אידעאַלען, וועלכע זיי ווילען פּערווירקליכען אין פּאַלעסטינע.

אין יפו האָבען די לעהרער צוזאַמען מיט איינינע סוחרים מיט דער הילף פון דעם נאַציאָנאַל־פאָנד אויסגעבויט א נייעם טייל שטאָדט — תל־אַביב און נחלת בנימין, — וועלכער מאַכט זעהר א גוטען איינדרוק. דאָס איז אַ קוואַרטעל, וועלכער שטעהט לויט זיין ריינקייט, לויט דער רעגעלינקייט פון די גאַסען און לויט דעם, ווי ער ווערט געפיהרט פון די איינוואוינער, ניט נידעריגער, איידער, די אריסטאָקראַטישע קוואַרטאַלען אין די גרעסטע איירא־פּעאישע שטעדט. נאָך א בעזונדערס גוטען איינדרוק מאַכט אויף אייך תל־אביב, ווייל איהר קומט אהין אריין פון יפו, מיט איהרע איינגע, געדרעהטע, קייטיגע און שמוציגע גאַסען און מיט איהר פּער־שטיקטען, שרעקליך שלעכטען ריח, וואָס ניט קיין געוועהנטען איי־ראָפּעער איז איהם זעהר שווער אריבערצוטראָגען.

אין פּתח־תקוה שאַפט אָט דער דאָזיגער נייער עלעמענט דאָס לעבען פון דער קאָלאָניע. ער האָט אויסגעקעמפּפט פאר זיך וואהל־רעכט, האָט אריינגעבראַכט איינינע זיינע מיטגליעדער אין ועד און געבראַכט דערצו, דער ועד זאָל פּערברייטערן דעם קרייז פון זיין טע־טיגקייט. די עטליכע קולטורעלע חברות, וועלכע זענען פאַרהאַן אין פּתח־תקוה, בעשטעהען נור פון דעם דאָזיגען נייעם עלעמענט מיט א צוגאָב פון עטליכע קאָלאָניסטישע בחורים און מיידלעך.

יפו איז אזוי צו זאָגען, דער קולטור - צענטער פון דעם דאָזיגען נייעם יונגען עלעמענט. דאָרט געפינען זיך די בעסטע יודישע שולען און די בעסטע יודישע לעהרער; דאָרטען זענען די ציוניסטישע טוער; דאָרטען געהען ארוים די פּאָר בעסערע זשורנאַלען; דאָרט איז פאַרהאַן אַנ'אינטעליגענץ, וועלכע אָרדענט איין פון צייט צו צייט פּאַרלעזונגען; דאָרט האָט מען געמאַכט א פּרוּף צו גרינדען אַנ'אַמאַטאָרען גרופּע, וואָס זאָל שפּיעלען יודישען טעאַטער; מיט יפו איז צוזאַמענגעבונדען אויף דער גאַנצער יודישער ישוב אין יהודה, ווייל דאָרטען געפינט זיך די אנגלאָ־פּאַלעסטינע־באַנק, וואו יעדע קאָלאָניע בעקומט איהר הלואה.

די אידעאַלען פון דעם דאָזיגען נייעם עלעמענט זענען פאָלגענדע: פערנעהמען דאָס לאַנד, פערנעהמען די ארבייט, אויפבויען א גוטע שולע און פערשפרייטען די העברעאישע שפראַך.

צו האָט זיך אָט דעם נייעם עלעמענט איינגעגעבען אויפצוטון וויכטיגעס אויף די דאָזיגע געביטען און צו האָט ער גוטע אויסזיכטען אויף ווייטער?

דער ערשטער אידעאַל איז — פערנעהמען דאָס לאַנד. אויף דעם דאָזיגען געביט האָט דער נייער עלעמענט אויפגעטון זעהר ווייניג. דער גרעסטער טייל באָדען, וואָס געהערט יודען אין פאַלעסטינע, איז געקויפט געוואָרען פונ'ם באַראָן און פון יק"א אין די 80-גער און 90-גער יאָהרען. די ציוניסטען האָט זיך איינגעגעבען נור צו קויפען אין עטליכע ערטער באָדען, אָבער יעדעס מאָל גאַנץ קליינע שטיקער, אויף וועלכע עס איז נאָך מעגליך צו בויען א פערמע, וועלכע זענען אָבער צו קליין אפילו פאַר קליינע קאָלאָניעס. יעדע נייע קניה איז פערבונדען מיט אונגעהויערע הוצאות, און מיט מסירת נפש פאַר די, וועלכע דאַרפען צוערשט קומען צו בעאַרבייטען דעם נייעם באָדען. און וואָס ווייטער, אַלץ שווערער און שווערער ווערט צו קויפען א נייעם שטיקעל באָדען אין פאַלעסטינע.

דער צווייטער אידעאַל איז — פערנעהמען די ארבייט, וועלכע ווערט ביז איצט אפילו אין די יודישע קאָלאָניעס אויסגעפיהרט מיט אַראַבישע הענט. ביז איצט איז אין דער הינזיכט אויפגעטהון געוואָרען זעהר ווייניג (גענויער וועגען דעם זעה אויבען דעם ארטיקעל וועגען דער ארבייטער פראַגע אין פאַלעסטינע). דער יודישער קאָלאָניסט נעהמט כמעט ניט קיין יודישע ארבייטער. די קאָלאָניסטען פון די ארבייטער קאָלאָניעס, וועלכע זענען די ענטוויקעלסטע פון די געוועזענע ארבייטער אין פאַלעסטינע, האָבען ביים איינאָרדנען זיך פערפליכטעט זיך ניט צו בענוצען מיט קיין אראבישער ארבייט, און זיי היטען אָב די פערפליכטונג, פון די נייע קאָלאָניסטען פונ'ם אויבערשטען גליל אָבער, — אויך געוועזענע ארבייטער, וועלכע האָבען אמאָל אליין געקעמפפט פאַר פערנעהמען די ארבייט, — דינגען פיעלע איצט, ווען זיי איז נויטיג (זיי ארבייטען מייסטענס אליין) אַראַבישע ארבייטער. און די נייע קאָלאָניסטען אין פתח־תקוה, אויסער איינעם, בענוצען זיך כמעט, אינגאַנצען מיט אראַבישער ארבייט. בכלל האָט די יודישע א ר ב י י ט, ניט קיין אָרט און ניט קיין צוקונפט אין פאַלעסטינע.

די טרעגער פון דעם אידעאַל פון פערנעהמען די ארבייט זענען הויפטזעכליך די ארבייטער. אין דעם אַרטיקעל וועגען די ארבייטער אין פאַלעסטינע האָב איך אָנגעוויזען ברייטער, ווי די ארבייטער לעבען, מיט וואָס זיי אינטערעסירען זיך, און וואָס בעשטעהט זייער גייסטיגעס לעבען. מיר האָבען דאָרט געזעהן, אז די ארבייטער בלייבען ניט לאַנג אין לאַנד; אז פון די געבליבענע איז נור א קליינער טייל מעהר ענטוויקעלט און בעזיצט נאָך ביז איצט העברע

גייסטיגע בעדערפנישען, און דער ברייטערער ארבייטער עולם איז גייסטיג זעהר אָרים. און ביי די מעהר ענטוויקעלטע האָט זיך די לעצטע צייט אָנגעהויבען צו פערשפּרייטען דער געדאַנק וועגען אראביזירען זיך, א געדאַנק וועלכער איז א רעזולטאַט פון געצוואונגענער בעגרענצונג פון די מאַטריעלע בעדערפנישען און וועלכער ברענגט אָבער אויך צו דער פערנידערונג פון די גייסטיגע בעדערפנישען.

דער דריטער אידעאַל איז — אויפבויען א גוטע שולע אין פּאַלעסטינע. נאָר קיין איינהייטליכע שולע איז נאָך ביז איצט אין פּאַלעסטינע ניט פאַרהאַן. יעדער, ווער עס וויל, האָט דאָרט דאָס רעכט צו עפענען א שולע און איינפיהרען אין איהר די למודים, וועלכע ער וויל. קיין איינהייטליכע פּראָגראַם איז דאָרטען דערפאַר אין די שולען ניטאָ.

נאָר עטליכע שטריכען זענען אַלגעמיינע פאַר אַלע שולען אין פּאַלעסטינע, דער ערשטער שטריך איז — וואָס זיי אַלע ווערען אויסגעהאַלטען ניט אויף די מיטלען פון די פּאַלעסטינער יודען, נאָר אויף די מיטלען פון דער אָדער יענער אייראָפּעאישער חברה, ריכטיגער אויף צדקה. עס זענען פאַרהאַן שולען פון דער אליאַנס, פון דער יק"א, פון דעם דייטשען הילפס-פעראיין, פון די ענגלישע יודען, פון די פראַנקפורטער אָרטאָדאָקסען, פון די חובבי ציון, פון די ציוניסטען. אין איניגע קאָלאָניעס, ווי אין פּתח-תקוה, אין ראש-פּנה, צאָהלען די קאָלאָניסטען פאַר זייערע קינדער צו האַלבען פראַנק ביז א פראַנק א מאָנאַט אָדער וועניגער, אין א פּאָר קאָלאָניעס גיבען די ועדים עטוואָס צושטייער אויף דער שולע. מייסטענס אָבער צאָהלען די קאָלאָניסטען גאַרנישט פאַר דער לעהרע פון זייערע קינדער סיי אין די קינדער גערטנער, סיי אין די שולען. אין די פּאָר קאָלאָניעס, וואו די קאָלאָניסטען גיבען צושטייער עטוואָס אויף דער שולע, האָבען זיי נאָך אין איהר א שטיקעל דעה. אין די אַלע איבעריגע קאָלאָניעס האָבען זיי אויף דער שולע גאָרנישט צו זאָגען. מען פרעגט ניט ביי זיי און מען רעכענט זיך ניט מיט זייערע מיינונגען, און די קאָלאָניסטען זענען געוועהנליך אונצופריעדען מיט די שולען, און אָפט צוקריגט מיט די לעהרער, וועלכע זיי האַלטען פאַר יק"א'ס בעאַמטע. אין די ערטער, וואו עס זענען פאַרהאַן די אָרטאָדאָקסאַלע תלמוד-תורות, וועלכע זענען עהנליך צו אונזערע חדרים, גיבען זעהר פיעל קאָלאָניסטען אָב אַהין—ווי איך האָב שוין, אויבען אָנגעמערקט, זייערע קינדער. אין די אַלע אַנדערע ערטער גיבען זיי אָב זייערע קינדער אין די שולעס בעל כרחו, ווייל זיי האָבען קיין אַנדער ברירה ניט.

דער צווייטער אַלגעמיינער שטריך איז—וואָס די שולע האָט אין זיך דאָרט זייטיגע, אָפט פּאָליטישע אָדער פּאַרטיי-כוונות. ניט נור

בכלל ערציהען דאס קינד שטעלט זיך די דארטיגע שולע אלס איהר אויפגאבע, נאר ערציהען עס אין א געוויסער ריכטונג, אויסאיבען אויף איהם אזא ווירקונג, ער זאל שפעטער, אויסוואקסענדיג, האנדלען לויט די ציעלען, וואס די חברה אדער די גרינדער פון שול האבען זיך געשטעלט. די אליאנס, למשל, שטרעבט צו פערשפרייטען דורך איהרע שולען די פראנצויזישע שפראך און די פראנצויזישע ווירקונג; די חובבי־ציון — צו מאכען די קינדער פאר ציוניסטען און פאר העברעאיש רעדער; די פראנקפורטער — צו ערציהען א פרומען דור; דער הילפס־פעראיין צו פערשפרייטען אין פאלעסטינא די דייטשע ווירקונג און די דייטשע שפראך.

ווען איך בין געווען אין ירושלים אין לעמעל־שולע, וועלכע ווערט אויסגעהאלטען דורך דעם הילפס־פעראיין, און בין געזעסען אויף דעם ה. דוד ילינ׳ס א לעקציע פון יודישער געשיכטע, איז אריינגעקומען דער דירעקטאר פון דער שולע ה. אפרים כהן מיט א גאסט, איינעם א ראבינער פון דייטשלאנד ה. בלום, דער דירעקטאר האט געהייסען איינעם פון די תלמידים דערצעהלען די לעקציע אויף העברעאיש, דערנאך דאס זעלבע אויף דייטש; און נאכדעם האט ער געהייסען ברייגען די קארטע פון קליין אזיען און אנגעהויבען צו פרעגען די שילער, וואו געהט דורך די באגדאדער אייזענבאהן, וועלכע וויכטיגע פונקטען זענען אויף איהר פארהאן און וואס פאר אינטערעסען האבען די דייטשען אין קליין־אזיען. עס האט אויסגעזעהן, אזוי ווי דאס וואלט געווען א אימפעריאליסטישע דייטשע רעגירונגס־שולע.

דער דריטער אלגעמיינער שטריך איז — וואס דער אונטערריכט אין אלע שולען ווערט געפיהרט ניט אויף דער מוטער שפראך פון די קינדער, נאר אויף א וועלכער עס איז פרעמדער פאר־זיי שפראך. אין די אליאנס־שולען ווערט דער אונטעררִיכט געפיהרט אויף פראנצויזיש; אין דער עוועלינא־ראטשילד־שולע — אין ענגליש; אין די שולען פון הילפס־פעראיין האלב אויף דייטש, האלב אויף העברעאיש; און די שולען פון די חובבי־ציון און פון די ציוניסטען אויף העברעאיש. אין דער צייט וואס די אשכנז׳ישע קינדער בכלל און די קאלאניסטישע בפרט רעדען אין דער היים נור יודיש. פון די 90 קינדער אין דעם פתח־תקוה׳ר קינדער גארטען, למשל, האט נור איינע — די דריי־יעהריגע מיידעלע פונ׳ם ה. סקיבין — פערשטאנען העברעאיש ביים אנקומען אין גן, און דאס זעלבע אין אלע איבעריגע גערטנער. אין גאנץ פאלעסטינע איז ביז איצט פארהאן נור א 40־50 פאמיליעס, אין וועלכע די עלטערן צווישען זיך און אויך מיט די קינדער רעדען העברעאיש; דאס זענען מייסטענס די פאמיליעס פון די לעהרער. און אלע איבעריגע פאמיליעס רעדט מען יודיש. און די גאנצע יודישע אומגאנגס שפראך ארום איז יודיש. די העברעאישע שפראך איז פאר די יודישע קינדער ביי

זייער אנקומען אין שולע דערפאר א פרעמדע שפראך נאך ביז איצט אפילו אין פאלעסטינע.

דאס לערנען אין דער שולע אויף א פרעמדער שפראך האט אבער זעהר שלעכטע פאלגען פאר די קינדער. אויב די קליינע קינדער ביז דער שולע און אין קינדער־גארטען זענען גאנץ קלוגע לעבעדיגע בריאות, וועלכע קוקען אייך גלייך אין די אויגען און ענטפערן אייך גאנץ טרעפליך, זענען די קינדער פון די שולעס טעמפע נפשות, וועלכע ווייסען אייך מייסטענס ניט צו ענטפערן אויף דער פשוט'סטער פראגע. פון די לעהרער גופא רעדען נור זעהר ווייניג פריי העברעאיש, מייסטענס אבער בעגעגענען זיי גרויסע שוועריגקייטען ביים ערקלערען די קינדער וואס עס איז אין קלאס. איך בין פיעל מאל בייגעוועזען אין די קלאסען, ווען די לעהרער האבען זיך געפלייסט און געקוועלט מיט זייער ארימער שפראך צו ערקלערען עטוואס די קינדער, האבען אבער ניט געהאט גענוג פערשטענדיגע ווערטער; און די קינדער האבען ניט פערשטאנען, וואס דער לעהרער מיינט און וויל. און דער לעהרער האט בעסער צוקאמקעט, צוקאלעטשעט דעם געדאנק, איידער צו בענוצען זיך מיט א טרפה'ן יודישעןווארט צו ערקלערען דעם קינד, וואס ער וויל.

קיין העברעאישע לעהר־ביכער זענען כמעט ווי ניטא, איבערהויפט פון ספעציעלע למודים. דער לעהרער שרייבט געוועהנליך פאר די שילער קאנספעקטען; די שילער לערנען געוועהנליך אויס קאנספעקטען פון די קאנספעקטען, און דער סוף איז — אז ביי די קינדער בלייבען נור איבער עטליכע טרוקענע ווערטער פון דעם גאנצען לימוד.

די קינדער זענען פערנומען אין דער שולע פון 8 ביז 12 און פון 2 ביז 4. ווינטערצייט הייסט דאס כמעט דעם גאנצען טאג. די קינדער זענען גאנץ ווייט פון דער פאמיליע; זיי פערגעסען אין משך פון די שול־יאהרען אביסעל זייער יודיש, און צוזאמען מיט דער יודישער שפראך געהט פאר זיי פערלארען אויך די קולטור פון זייערע עלטערן. אין שול בעקומען זיי נור א בעגרענצטע צאהל בעגריפען וועגען דאס, וואס האט א שייכות צו דער שול און וועגען קינדער לעבען. און ארום דעם דרעהען זיך אויך זייערע ידיעות אין דער העברעאישער שפראך. פאר די אלטעגליכע קינדערשע בעגריפען האבען זיי נאך אויסדריקע; פאר עטוואס, וואס האט ניט קיין שייכות צו דער שולע אדער צו די לימודים פון דער שולע, האבען זיי שוין קיין ווערטער ניט. ווען זיי רעדען יודיש, מישען זיי אריין העברעאישע ווערטער, און ווען זיי רעדען העברעאיש פעהלען זיי אפט אויס ווערטער און זיי מישען אריין יודישע.

און מיט דער ארימקייט פון זייער שפראך קומט אויך זייער גייסטיגע ארימקייט. אין קיין ארט זענען די יודישע קינדער ניט אזוי ווייניג ענטוויקעלט און ניט אזוי טעמפ ווי אין פאלעסטינע. און אלע בעסערע פאלעסטינער לעהרער ווייסען דאס זעהר גוט.

ה. ווילקאָמיטש, דער אויפזעהער פון אַלע שולען פון אויבערשטען גליל האָט מיר ערקלעהרט די דאָזיגע אונענטוויקעלהייט דערמיט, וואָס די קינדער זענען דאָרפישע און ניט שטאָדטישע, ווי די אייראָפּעאישע יודישע קינדער, דאָס אָבער אַליין ערקלערט נאָך ניט, פאַרוואָס זיי זענען אַזוי טעמפּ. דער דר. טוראָוו, דער פערוואַלטער פון דעם בית־ספר לבנות און פון דעם לעהרערינס־סעמינאַריום אין יפו האָט מיר די אונענטוויקלטקייט פון די קינדער ערקלערט מיט פאָלגענדע אורזאכען: 1) אין פּאַלעסטינע איז אין משך פון 4—5 חדשים אַזוי היים, אז די קינדערשע קעפּלעך זענען ניט אימשטאַנד דאָן כאָטש וויפיעל עס איז צו ארבייטען און זיי פערגיסען דאמאָלסט אויך דאָס וואָס זיי האָבען געלערנט אין דער קיהלער צייט; 2) די פּאַלעסטינער יודישע בעפעלקערונג איז זעהר אָרים און די קינדער ערנעהרען זיך זעהר שלעכט, וואָס עס ווירקט אויף זייער גייסטיגער ענטוויקלונג. 3) די קינדער זענען זעהר לאַנג פערנומען אין שולע און האָבען ניט קיין צייט צו לעזען, 4) עס איז אין העברעאישען ניטא פאר די קינדער וואָס צו לעזען.

די דאָזיגע אַלע סבות ווירקען געוויס שלעכט אויף דער ענטוויקלונג פון די קינדער, נאָר זעהר א גרויסע שלעכטע ווירקונג האָט געוויס דער אונטערריכט אין העברעאיש, וועלכע איז נאָך ביי די לעהרער אליין ניט קיין לעבעדיגע שפּראַך. א שלעכטע ווירקונג האָט אויך די אייזערנע דיסציפּלין אין די קלאַסען, וועלכע איז איבערגענומען ביי די דייטשען. די קינדער זיצען כמעט אומעטום אין קלאַס די גאַנצע צייט מיט די הענד אויף די טישען אָדער גאָר מיט די הענד פערלעגט אויף הינטען. און ניט נור די גרויסע זיצען אַזוי, — אפילו קלייניגקע קינדער פון 5—7 יאָהר איז רעכט אז זיי זיצען א גאַנצע שעה לאַנג אָפּ אין דער דאָזיגער פּאָזע; עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלען וואָס פאר א אונטערדריקענדע ווירקונג דאָס האָט אויפ'ן קינד.

און נאָך איין שטריך פון די יודישע, איבערהויפּט קאָלאָניסטישע קינדער אין פּאַלעסטינע; זיי ווערען ערצויגען זעהר נאָהענט צו די אראבער, אין איינציגע קאָלאָניעס וואוינען די אראבישע ארבייטער מיט זייערע ווייבער און קינדער ביים קאָלאָניסט אויפ'ן הויף, און די נאָהענטע שכנות פון די אַראבער האָט געמאכט די קינדער זעהר פערגרעבט. די מאוס'ע ווערטער, זידלערייען, קללות, און אויך מידות, דאָס איז דער עכט פּאַלעסטינער גייסטיגער באגאזש וואָס די קינדער נעהמען איבער ביי די גרונד־איינוואָהנער פון פּאַלעסטינע, ביי די א ר א ב ע ר.

מיר האָבען ביז איצט גערעדט וועגען די אָנפאַנגס־שולען. אין פּאַלעסטינע זענען אָבער שוין פאַרהאַן אויך 4 מיטעל שולען: די גימנאַזיע אין יפו, די גימנאַזיע אין ירושלים, דער לעהרער־סעמינאר אין ירושלים און די אָרטאָדאָקסישע גימנאַזיע — דער תחכמוני — אין יפו.

די גימנאַזיע אין יפו מאַכט אויפ'ן ערשטען בליק זעהר א גוטען איינדרוק: א שענע געביידע און גרויסע קלאַסען; פרייע אונגע־צוואונגענע בעציהונגען צווישען די לעהרער און די שילער. די קינ־דער רעדען גאַנץ פריי העברעאיש. נאַר ווען מען קוקט זיך צו נעהענטער, זעהט מען, אז זי האַט אייגענטליך ווייט ניט מיט וואס זיך צו בעריהמען. אזוי. ווי אלע שולען אין לאַנד עקזיסטירט די גימנאַזיע אויף צדקה, אמת, אַפּיציעל איז די גימנאַזיע געשעפט־ליך אַנ'אַקציענ־געזעלשאַפט: נאַר די אַקציאַנערען ניט זיי אינ־טערעסירען זיך דירעקט מיט דער שולע, ניט זיי קומען צופאַהרען פון אלע עקען וועלט ווען עס איז צו דער אקציאַנערען־פערזאַמלונג. „אַקציענגעזעלשאַפט“ דאַס איז נור א פייגענבלאַט פאַר דאַס מיאוסע וואָרט צדקה. דער שכר לימוד פון די קינדער בילדעט נור איין קליינעם טייל פון די הכנסות פון דער שולע. ווידער שטעהט די גימנאַזיע ניט אויף דער הויך, וועלכע מען וואָלט געקאָנט ער־וואַרטען פון א יודישער פרייער מיטעלער שולע. דאַס איז ניט קיין שולע, וואו מען שטרעבט אויסצובילדען פרייע ענטוויקעלטע מענ־שען; דאַס איז א געוועהנליכע רוסישע גימנאַזיע, נאַר וואו מען לערנט אַלץ אויף העברעאיש, און וואו מען גיט אַב א ביסעל מעהר צייט פאַר גימנאַסטיק. די צאַהל שפּראַכען, וואַס מען לערנט דאָרט, איז אונגעהויער גרויס. אויסער העברעאיש — נאַך אראַביש, טערקיש און פראַנצויזיש אלס מוז געגענשטאַנדען און פון פינפטען קלאַס אַן אויך דייטש, לאַטיין און אפילו גריכיש. די שפּראַכען נעהמען אַב זעהר פיעל צייט. אמת, די שילער ווייסען ניט קיין איינע פון זיי, אויסער אביסעל פראַנצויזיש; דערפאַר אַבער בלייבט איבער זעהר ווייניג צייט פאַר אנדערע געגענשטאַנדען. מאַטעמאַטיק און נאַטור־וויסענשאַפט ווערען נאַך געלערנט ניט לויט לעהר־ביכער, ווייל אזוינע זענען אין העברעאיש ניט פאַרהאַן, און די ידיעות פון די שילער זענען דערפאַר ניט גרויסע. און וואַס עס איז בעזונ־דערס אינטערעסאַנט — די קינדער ווייסען ניט דעם תנך. וועגען תנך דערצעהלט מען זיי געוועהנליך זעהר א סך, דעם תנך אליין אַבער ווייסען זיי ניט. און די ענטוויקלונג פון די גימנאַזיס־טען און גימנאַזיסטקעס איז, ווי די ענטוויקלונג בכלל פון די פאַלעסטינער קינדער, זעהר נידעריג. ניט זיי האַבען צייט צו לעזען, ניט זיי האַבען וואַס צו לעזען. גרויסע בחורים און מיידלעך מאַכען לויט זייער ענטוויקלונג דעם איינדרוק פון קליינע קינדער. אינטע־רעסאַנט זענען די אידעאַלען פון די קינדער בנוגע זייער צוקונפטיגער קאריערע, נאָכ'ן ענדיגען די גימנאַזיע. פון די 11 צו 13 קינדער פון דעם 6־טען קלאַס (דאַמאַלס דעם העכסטען) האַבען מיר צוויי געזאָגט, אז זיי ווילען ווערען אדוואָקאַטען), ווייל איינער פון זייערע לעהרער איז דאַמאַלסט ניט לאַנג גערופען געוואָרען צו פערנעהמען דאָס אַרט פון א ריכטער אין ביירוט); דריי האַבען געוואָלט פאָה־רען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין יונקער־שולע, איינער האַט זיך גע־

ריכט, אז ביז ער וועט ענדיגען, וועט פארטיג ווערען דער טעכ־ניקום און ער יועט אהין אנקומען, איינער האט געוואלט ווערען א לעהרער און די איבעריגע סוחרים. די נוצען וואס פאלעסטינע וואלט געהאט פון דעם גאנצען קלאס איז, ווי איהר זעהט, א גאנץ קליינער. בכלל האבען די ציוניסטען אויפגעהויבען ארום דער יפו'ר גימנאזיע שוין צופיעל טומעל, אלענפאלס ניט אין אז'ערך פיעל מעהר, איידער זי פערדיענט.

די גימנאזיע אין ירושלים האט דאמאלסט, ווען איך בין דארט געוועזען געהאט נור 4 קלאסען און האט אלעס נאכגעטון איהר יפו'ר עלטערער שוועסטער. אין תחכמוני בין איך ניט געוועזען, איך וועל נור זאגען נאך א פאר ווערטער וועגען דעם לעהרער־סעמינאר אין ירושלים. איך האב בעזוכט זיינע פיעלע קלאסען, האב אויך גערעדט מיט פיעלע שילער און לעהרער פון סעמינאר, און ער האט אויף מיר אין אלגעמיין געמאכט א גוטען איינדרוק. אמת, מען לערנט דארט שוין א ביסעל צופיעל די דייטשע שפראך, די דייטשע ליטע־ראטור און די דייטשע געשיכטע. דערפאר בעקומען דארט די שי־לער גאנץ סאלידע ידיעות אין דער העברעאישער שפראך און ליטע־ראטור און אין נאטור־וויסענשאפט, וואס עס וועט שפעטער צונוץ קומען די קינדער, וועלכע זיי, אלס לעהרער, וועלען לערנען.

אין פאלעסטינע זענען נאך פארהאן צוויי ספעציעלע שולען; די אליאנס האנדווערקער־שולע אין ירושלים און די לאנדווירט־שאפטליכע שולע אין מקוה־ישראל. די שולעס זענען אין אלגעמיין אוועקגעשטעלט ניט שלעכט, איבערהויפט די ערשטע; נאר די שילער פון די דאזיגע שולען, ווען זיי ענדיגען, בלייבען זיי ניט אין לאנד, נאר זיי פאהרען אוועק ערגעץ אנדערש וואוהין זוכען ארבייט, ווייל אין פאלעסטינע גופא קאנען זיי ניט קריגען וואס צו טון.

ווען איך בין געוועזען אין פאלעסטינע האט זיך אין חיפה גע־בויט דער טעכניקום, און שוין דאמאלסט האט מען געקאנט פאר־אויסזעהן דעם סכסוך צווישען די ציוניסטען און דעם דייטשען הילפס־פעראיין. די ציוניסטען האבען שוין דאמאלסט געזאגט; אדער אלץ לערנען אויף העברעאיש, אדער מען דארף גארניט קיין טעכניקום. און דער סוף איז געווען, אז די ציוניסטען האבען טאקע אויסגעפיהרט: עס איז גאר ניטא קיין טעכניקום. און ווען מען דערלאנגט אביסעל טיעפער א טראכט, ווערט גאר א גרויסע פראגע: צו דארף מען איצט בכלל אין פאלעסטינע האבען אזא שולע, ווי דער טעכניקום, און אין אלגעמיין א הויכשולע? אויב די שילער פון די דערמאנטע ספעציעלע שולען האבען ניט ביי וואס זיך איינצו־ארדנען אין פאלעסטינע, מיט וואס וועלען די שילער פון טעכניקום זיין גליקליכער? מענשען מיט העכערער בילדונג קאנען נאך איצט אין פאלעסטינע פאר זיך קיין ארבייט ניט געפינען. פאלעסטינע פאר זיך דארף אלזא קיין העכערע שול ניט האבען, און פאר א הויכ־

שול פאר די יודען פון די איירָאָפּעאישע לענדער איז פּאַלעסטינע דער אמוועניגסטען פּאַסיגער פּלאַץ. זי פערמאַגט ניט דערוויייל קיינע הילפּס־איינריכטונגען, וועלכע זענען נויטיג דערצו, צ. ב. א גוטע ביבליאָטעק; די פרומע אידישע סביבה איז אויך ניט בעזונדערס פּאַסיג פאר דער פרייער וויסענשאַפט. די ווייטקייט און אָבגעזונדערטהייט פון דער איירָאָפּעאישער וועלט (בריף און צייטונגען קומען אַז אין פּאַלעסטינע איין מאָל אין 7 טעג) איז איצט נאָך אויך זעהר ניט גינסטיג פאר אזא שולע. און האָפען, אז א יודישער אינזשענער אָדער דאָקטאָר, וועלכער האָט געלערנט אויף העברעאיש, וועט זיך קענען פרייער צונויפריידען מיט דעם יודישען עולם אין איירָאָפּע און זיך קאָנען דאָרטען בעסער איינאָרדנען, איידער דער אביטוריענט פון א איירָאָפּעאישער שולע, איז אויך גאַנץ שווער. א אינווערסיטעט אין ירושלים איז אויך אַלזאָ ניט מעהר ווי איינע פון די פיעלע ציוניסטישע פאַנטאזיעס, פאר וועלכע די ציוניסטען, וועלכע קאָנען גאַרנישט אויפטון אויפ׳ן געביט פון קאָלאָניזירען פּאַלעסטינע, חאַפּען זיך אָן, כדי חאָטש צו האָבען די אילוזיע, אז זיי ארבייטען.

פון די אַנדערע קולטורעלע אינסטיטוציעס אין פּאַלעסטינע דאַרף מען נאָך דערמאָנען דעם בית־נאמן און בצלאל. דער בית־נאמן — דאָס איז די עפענטליכע יודישע ביבליאָטעק אין ירושלים. ווען איך בין דאָרטען געוועזן, איז זי נאָך ניט געבראַכט געוואָרען אין אָרדנונג. פיעלע ביכער זענען נאָך געווען פערשלאָגען אין די קאַסטענס אָדער ניט געווען געבונדען. נאָר בכלל איז איהר נוצען אין ירושלים איצט זעהר א קליינער, ווייל עס איז דאָרטען כמעט ניטאָ, ווער עס זאָל זיך מיט איהר בענוצען. אין יעדער גרעסערער יודישער קהילה אין איירָאָפּע און אפילו אין יפו, וואָלט די ביבליאָטעק געבראַכט א סך א גרעסערען נוצען.

בצלאל איז א קונסט־האַנדווערקעריי, דאָרט ווערען אויסגעאַרבייט פערשיעדענע קונסטזאַכען, ווי טעפּיכער, געשניצטע זילבער ארבייט, רעמלעך, א. ד. ג. ווען איך בין דאָרט געווען, האָבען דאָרט געאַרבייט ביז 400 מאַן קליינע און גרויסע. אַז מען פיר זיך איז דאָס זעהר אַנ׳אינטערעסאַנטע און וואוילע אַנשטאַלט, ווען איהרע פּיהרער וואָלטען נור ניט גערעכענט, אז דורך דער שולע וועלען זיי לעזען די גאַנצע יודען־פראַגע. און דאָס איז ניט קיין וויץ: די פיהרער האָבען געגלויבט אין דעם. די אויסגעאַרבייטע פּראָדוקטען פון דער ארבייט פון אַ געוויסער צאָהל ארבייטער אין בצלאל האָט אַלע מאָל געהאַט שאַנסען פערקויפט צו ווערען; נאָר אַזוי ווי די צאָהל ארבייטער האָט זיך פערגרעסערט, האָבען די אויסגעאַרבייטע סחורות געמוזט בלייבען ליעגען; און אויסער דעם האָבען די האַנדווערקערייען און זייער אַנפיהרונג געקאָסט מעהר, איידער די אויסגעאַרבייטע סחורות, און דערפאַר האָט בצלאל געמוזט באַנקראָטירען. קיין קונסט־שולע, ווי זעהר פיעלע מיינען, איז בצלאל ביז היינ־

טיגען טאָג נאָך ניט, דאָס צייכענען און מאָלען זענען דאָרט נור הילפס־צווייגען — צום אָנצייכענען די אוזארען פאר די טעפּיכער. דער קלאַנג, אז בצלאל איז א קונסט־שולע, האָט שוין ניט איין יודי־שען יונגען מאַן, וועלכער האָט אַ ביסעל קענטעניש אָדער אפשר אויך טאלאנט אין צייכענען, אריבערגעבראכט אין פּאַלעסטינע, וואו ער האָט שוין זיין טאלאנט מעהר ניט געקאָנט ענטוויקלען און פער־פאַלקאָמען, און אויף אַזאַ אופן אראָבגעפיהרט פונ'ם ריכטיגען וועג.

די הויפּט טרעגער פון דעם „שול־אידעאַל" אין פּאַלעסטינע זענען די לעהרער. די לעצטע גיבען אָב זייער גאנצע מיה, און ענערגיע און זייער גאנצע צייט פאר די שולען. זיי פערקלייבען זיך אָפּט אין די וויטע קאָלאָניעס, וואו אויסער זיי איז אָפּט ניטאָ קיין איין אינטעליגענטער מענש, מיט וועלכען זיי זאָלען קאָנען אויסרעדען א וואָרט. און אויב די רעזולטאַטען פון זייער ארבייט ביז איצט זענען וויט ניט גלענצענדע, זענען אין דעם שולדיג די פּאַלעסטינער בעדינגונגען. פאר די ציוניסטישע לעהרער האָט די פּאַלעסטינער שולע געמוזט ווערען אַנ'איינזייטיג העברעאישע שולע, און דער העברעאיזם האָט געטויט די שולע. און ניט נור די שולע האָט דער העברעאיזם געטויט, — ער האָט אויך די לעהרער אוועק־געטויט. די לעהרער זענען די פערביסענטסטע שונאים פון יודיש און יודישער ליטעראטור. די פּאַלעסטינער לעהרער בעריהמען זיך דערמיט וואָס זיי לעזען קיינעם פון די יודישע שרייבער אין יודיש. זיי לעזען אויך קיינמאָל ניט קיין יודישע צייטונג. זיי דערווייטערן זיך אויף אזא אופן אלץ מעהר פון דעם יודישען פאָלק אלס גאַנצען, פאר זיי ווערט דאָס גאנצע יודישע פאָלק קאָנצענט־רירט אין די עטליכע טויזענד יודען פון פּאַלעסטינע, ריכטיגער פון די קאָלאָניעס, און דעם דאָזיגען געדאַנק פלאַנצען זיי אויך איין די פּאַלעסטינער קינדער. וואָס לענגער א לעהרער איז אָפּ אין לאנד, אלץ איינגער ווערט זיין גייסטיגער האָריזאָנט, אלץ אָבגעריסענער ווערט ער פון דער יודישער ווירקליכקייט. די לעהרער, וואָס זענען אָבגעווען שוין היבשע עטליכע יאָהר אין פּאַלעסטינע, דאָס זענען די קורצזיכטיגסטע מענשען, וועלכע מיר איז אויסגעקומען ווען צו בעגעגענען. אינטערעסאנט איז, אַז פיעל לעהרער ווייסען אפילו ניט די אמת'ע לאַגע פון לאַנד, פון זייער קאָלאָניע אפילו, ווייל מייס־טענס זענען זיי צוקריגט מיט די קאָלאָניסטען און האָבען מיט זיי כמעט קיינע בעציהונגען.

דאָס געדרוקטע וואָרט איז פאָרגעשטעלט אין פּאַלעסטינע מיט איין מאָנאַטליכען זשורנאַל—„המולדת", צוויי פּארטיי־זשורנאַלען: דער „הפּועל הצעיר" און „האחדות" (פון די פּועלי ציון), און צוויי טעגליכע צייטונגען אין ירושלים: „האור" און „החירות". די ערשטע דריי ווערען ארויסגעגעבען דורך לעהרער און ארבייטער־פיהרער, וועלכע זענען ניט לאַנג אין לאַנד און האָבען נאָך ניט פער־לאָרען און פערגעסען זייער אייראָפּעאישע קולטורהייט. דאָס זענען—

איבערהויפּט די ערשטע צוויי — ערנסטע און ריינע זשורנאַלען, וועלכע מען קאָן לעזען מיט פערגעניגען. פון די טעגליכע צייטונגען אַבער, איז אפילו די בעסערע, דער „האור", וועלכע איז געוועזן ארויסגעגעבען פון בן־יהודה'ס זוהן, אַזאַ אַז אַ אייראָפּעאישען לעזער איז זי אונמעגליך דורכצוקוקען, דאָס איז מאקולאַטור פון דעם ערגסטען מין. שרייענדיגע ווערטער אָהן אַנ'אינהאַלט, אָהן אַ זין, אַ פּאָר נייעס־בעמערקונגען, איבער־געדרוקט פון אַ פּאַר־צוויי־וואָכענדיגער „הצפירה" און אַ האלבע טעלעגראמע פון קושטא (קאָנסטאַנטינאָפּאל) דאָס איז דער אינהאַלט פון דער צייטונג. די „החרות" איז נאָך ערגער, אויב עס קען נור זיין ערגער.

אויף דעם געביט פון פערשפּרייטען די העברעאישע שפּראַך איז דערווייל אויך אויפגעטון געוואָרען אין פּאַלעסטינע ניט בעזונדערס פיעל. עס רעדען צווישען זיך העברעאיש די קינדער פון די שולען, אַבער נור כל זמן זיי זענען תלמידים; ווי זיי ענדיגען די שולע, הויבען זיי ווידער אָן צו ריידען יודיש און עס קומט אויס צו גרינדען צווישען זיי חברות „דוברי עברית" כדי אָנצוהאַלטען זיי ביי העברעאיש. פון די דערוואקסענע רעדען צווישען זיך העברעאיש נור די לעהרער, אַ טייל פון דער ארבייטער־אינטעליגענץ און אַ ביסעל ארבייטער אויף די פּערמעס. אויסערדעם קאָנט איהר נאָך טרעפען וואו ניט וואו אין פּתח־תקוה, אין ראשון און בעזונדערס אין רחובות קאָלאָניסטישע מיידלעך, וועלכע רעדען העברעאיש. אַבער כמעט אַלע אשכנז'ישע יודען אין די שטעדט און אין די קאָלאָניעס רעדען יודיש. די גאַנצע יודישע סביבה איז אַלזאָ אַ „יודישע", און דאָס יודיש, וואָס ווערט גערעדט אין פיעלע ערטער אין פּאַלעסטינע און בעזונדערס אין פּתח־תקוה, איז פון די שעהנסטע. די פערשיעדענע יודישע דיאלעקטען האָבען דאָרטען געווירקט איינער אויפ'ן אנדערען און עס האָט זיך אויסגעבילדעט איין שענער, ריינער, וואויל־קלינגענדער דיאלעקט. מצד די קאָלאָניסטען איז ניט צו בעמערקען קיין שנאה צו יודיש, און אין אייניגע קאָלאָניעס (זכרון, שפיה) ווערען אפילו אַלע ועד־חשבונות און געשעפטען געפיהרט אין יודיש. נור די לעהרער אַליין זענען די פערביסענסטע שונאים פון יודיש: זיי פערפאָלגען די קינדער, וואָס וואַגען אויסרעדען אַ יודיש וואָרט, מיר איז אויסגעקומען צו הערען פון לעהרער אַזוינע אויסדריקען: „אככה, אם תדבר בשפה הבזויה והשפלה הזו" (איך וועל דיך שלאָגען, אויב דו וועסט רעדען אויף די דאָזיגער שענדליכער, נידעריגער שפּראַך). נור ניט קוקענדיג אויף די פערפאָלגונגען פון יודיש, איז זי אין פּאַלעסטינע די הויפּט שפּראַך פון די יודען. אפילו זעהר פיעל אראַבער־ארבייטער רעדען יודיש. און מיט דער ארומיגער בעפעלקערונג און מיט די ניט אשכנזי'ישע יודישע עלעמענטען רעדט מען זיך צונויף ביז איצט אויף אראַביש.

דאָס איז דער קולטורעלער צושטאַנד פון די יודען אין פּאַלעסטינע. צו פיהלט זיך דאָרטען דער יוד פרייער און בעסער, איידער

אין די „גלות“ לענדער? נאָר ערטערווייז און צייטענווייז: אויף די פערמעס, למשל, וואו מען זהט ניט אַן קיין אראַבער, בעקומט זיך ווען עס איז די איליוזיע, אז מען איז אין א יודישען לאַנד! מען פיהלט זיך דאָרט דאמאָלסט גאנץ פריי. אָדער א יום־טוב־צייט, א שמחת־תורה ווען דער יוד נעהמט אַ ביסעל משקה, פיהלט ער זיך דאָרט פרעהליכער איידער דער יוד אין רוסלאַנד, למשל. ביי געוועהנליכע אומשטענדען אָבער פיהלט זיך אין פאַלעסטינע דער זעלבער גלות. דער אריינפאָהר אין פאַלעסטינע איז ספּעציעל פאר יודען ניט פריי; קיין ערד טאָרען דאָרטען יודען ניט קויפען. דער אַנטיסעמיטיזם איז דאָרט זעהר פערשפּרייט, בעזונדערס אין גליל; די מורא פאר פּאָגראמען עקזיסטירט דאָרט, אזוי ווי אין איינינע אנדערע לענדער (ווען איך בין געקומען אין פאַלעסטינע, הושענה רבה תרע״ב, האָבען די יודען פון יפו, ממש געצוטערט פאר א פּאָגראם פון די אראַבער, און עס איז געווען א גרויסע שמחה, ווען דער טאָג איז אריבער רוהיג). די פיעל־שפּראכיגקייט איז דאָרט נאָך פיעל גרעסער איידער ערגעץ אנדערשוואו; יודיש רעדט מען: העברעאיש אין די שפּראַך פון דער שולע: אראביש איז די שפּראַך פון דעם אורט; טערקיש איז די רעגיערונגס־שפּראַך, און די האנ־דעלס־שפּראַך איז אין א גרויסער מאָס — פראנאצויזיש. און אזוי ווי אומעטום בילדען דאָרטען די יודען אויס זעהר א קליינע מינדער־הייט, וועלכע האָט, בעזונדערס אין דעם פּאָליטישען לעבען פון לאַנד, קיין ווירקונג. פאַלעסטינע פערמאָגט אַלזאָ אלע אַטריבוטען פון גלות, און ניט אומזיסט שמ׳ט זי אין פאַלעסטינע גופא ביי די יודען מייסטענס ניט אלס ארץ־ישראל, נאָר אלס ארץ־ישמעאל.

צו איז פאַלעסטינע שוין איצט א גייסטיגער יודישער צענטער? נור די בלינדע אָדער קורצזיכטיגסטע האָבען געקאָנט אזוינס געפינען אין פאַלעסטינע, אָדער אזוינע, ביי וועלכע א העברעאיש וואָרט אין מויל פון א קליין קינד בעדייטעד דאָס זעלבע, וואָס גייסטיגער צענטער. אין פאַלעסטינע איז אין דער אמת׳ן פאַרהאַן איצט ניט קיין גייסטיגער צענטער, נור קולטורעלע און גייסטיגע אָרימקייט. די גרעסטע מעהרהייט 85% פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פאַלעסטינע איז די ערגסטע, די פסלת, וואָס דאָס גאנצע יודישע פאָלק פערמאָגט. און פון די איבעריגע האָבען א קולטורעלען אויס־זעהן נור די, וואָס זענען ניט לאַנג אין לאַנד, וועלכע האָבען זיך אזוי צו זאָגען, נאָך ניט פּאַלעסטיניזירט. אלץ, וואָס עס איז אַפּ א געוויסע צייט אין פאַלעסטינע, ווערט גייסטיג אָרימער, פערגרעב־טער, איינגזינקטיגער... די ערשטע קאָלאָניסטען זענען נאָך געווען אידעאַליסטען, מענשען פון העכערען ראַנג; זייערע זיהן זענען שוין פּשוט׳ע פויערים, און דער איצטיגער דור פון די קליינע קינ־דער זענען שוין גאָר פערטעמפּטע און פערגרעבטע. די געבאָרענע פאַלעסטינער לעהרער — זענען די ערגסטע; די פאַלעסטינער פרע־סע, וואָס ווערט ארויסגעגעבען פון פאַלעסטינער געבאָרענע, אין

מאַקולאַטור, אייראָפּע און אַמעריקע שיקען אין פּאַלעסטינע קולטורעלע מענשען, און די פּאַלעסטינער בעדינגונגען מאַכען פון זיי מיט דער צייט קולטורלאָזע אָריענטאַלער.

נאָר ווען אין פּאַלעסטינע וואָלט זיך געקאָנט אויפבויען אַ געזונטער עקאָנאָמישער יודישער צענטער, וואָלט מיט דער צייט דאָרט ענטשטאַנען אויך אַ גייסטיגער צענטער. קיין אויסזיכטען אויף אַ עקאָנאָמישען צענטער האָט אָבער פּאַלעסטינע ניט. רעכענען אָדער גלויבען, אַז אין פּאַלעסטינע קען זיך אויסבילדען אַ גייסטיגער יודישער צענטער, קאָנען דערפאַר אָדער מענשען אייגנעבילדעטע אָדער קורצזיכטיגע ביז בלינד.

V.

פאלעסטינע, פאליטיק און ציוניזם.

ווען יהושע איז געקומען מיט די בני ישראל אין דעם לאנד כנען, האט ער געפונען דאס לאנד בעזעצט. פאר די בני ישראל צוזאמען מיט די כנענים איז דארט קיין ארט ניט געווען. און ער האט אנגעווענדעט זעהר א ווירקזאמען מיטעל: „לא תחיה כל נשמה“. די בני ישראל האבען געדארפט אויס'הרג'ענען די ארטיגע בעפעלקערונג ביז איינעם — וואו זיי האבען נאר געקאנט — און פערנעהמען איהר פלאץ.

איצט טון דאס זעלבע אין פאלעסטינע וועלען מסתמא די יודען — אפילו די ציוניסטען — ניט וועלען און ניט קאנען. אמת, אויך איצט טרעפט אמאל, אז די יודען קויפען אפ א שטיק באדען אין פאלעסטינע ביי א עפענדי (אנ'אראבישען פריץ) און טרייבען פון איהם אראפ די אראבישע ארענדאטארס. אזא זאך וואלט געוויס ארויסגערופען יעדעס מאל א גאנצע מלחמה, ווען די יודען וואלטען ניט גענומען דערנאך מייסטענס די אראבער צו בעארבייטען זייערע פעלדער. און איינמאל, ביים פערנעהמען מעטולע, איז טאקע פאר־געקומען אזא „מלחמה“ מיט מענשליכע קרבנות. דער גאנצער באַ־דען אין פאלעסטינא האט אמאל אפיציעל גאר ניט גערעכענט זיך פאר קיינעמס אייגענטום, נאר פאקטיש האט ער געהערט צו די אראבישע פויערים, אדער ריכטיגער די אראבישע געמיינדעס. נאר איינמאל איז געקומען א בעפעהל, אז מען זאל דעם גאנצען באדען פערשרייבען אויף בעשטימטע נעמען, כדי די רעגירונג זאל וויסען פון וועמען צו מאהנען די שטייערן. די אראבער־פויערים האבען זיך דערשראקען פאר דעם בעפעהל און האבען געבעטען די פריצים זיי זאלען פערשרייבען דעם באדען אויף זייער נאמען, רעכענענדיג דער־מיט צו פערטיידיגען זיך פון דעם ווילקיר פון די בעאמטע ביים איינמאהנען די שטייערן. די עפענדים האבען צוליעב געטון די פויערים; נאר דערנאך האבען זיי אנגעהויבען צו רעכענען דעם באַ־דען פאר זייער אייגענטום און אנגעהויבען איהם צו פערקויפען און ארויסצוטרייבען די אראבער. אזוי האט אויך דער מעטולער פריץ פערקויפט דעם באדען צו דעם באראן. און די יודען האבען זיך

בענוצט דערמיט, וואָס די מעטולער בעפעלקערונג, וועלכע האָט גע־
הערט צו די דרוזען, האָט אין דער צייט פון דעם דרוזען־אויפשטאַנד
אין סיריען אוועקגעשיקט אַלע דערוואַקסענע מענער אויף מלחמה
געגען דער רעגירונג, און האָבען אַרויסגעטריבען אַלע דרוזישע פרוי־
ען, קינדער און אַלטע לייט פון דער קאָלאָניע, און האָבען זיך
דאָרטען בעזעצט. ווען די דרוזען האָבען זיך נאָכ'ן אונטערדריקען
דעם אויפשטאַנד צוריקגעקעהרט, האָבען זיי ניט געפונען קיינעם פון
זייערע פאַמיליעס; און עס האָט זיך דערנאָך עטליכע יאָהר נאָכ־
אַנאַנד געצויגען אַ מלחמה צווישען די אַלטע בעלי־בתים פון מעטולע
און צווישען די נייע יודישע קאָלאָניסטען. די מלחמה האָט זיך
געענדיגט ערשט נאָכדעם, ווי דער באַראָן האָט איינגעצאָהלט די
דרוזען זעהר אַ גרויסע סומע געלד.

און אַזוי ווי אַמאָל, אַזוי איז אויך איצט פאַר אַ בעדייטענדער
צאָהל יודען צוזאַמען מיט די אראבער אין פּאַלעסטינע קיין אָרט
ניטאָ. כמעט דער גאַנצער באָדען, וואָס טויג אויף לאַנדווירטשאַפט,
איבערהויפט אויף פעלד־ווירטשאַפט, איז שוין איצט בעארבייט.
אמת, איצט איז אין פּאַלעסטינא פאַרהאַן נור 29 איינוואוינער אויף
אַ קוו. קילאָמעטער; מיט דער צייט וועט זיך דאָרט קאָנען ער־
נעהרען געוויס אַ געדיכטערע בעפעלקערונג. ווען מיר וועלען אָנ־
נעהמען די בעפעלקערטהייט פון דייטשלאַנד, פונ'ם יאָהר 1890־
91 איינוואוינער אויף אַ קוו. קילאָמעטער, אַ בעפעלקערטהייט
פאַר פּאַלעסטינע אפשר קיינמאָל ניט אַ דערגרייכבאַרע, ווע־
לען מיר האָבען אין פּאַלעסטינע איינוואוינער אין 3½
מאָל מעהר, אָדער 2,8 מיליאָן, די דאָזיגע פערגרעסערונג וועט
אָבער געהן ניט נאָר אויפ'ן חשבון פון די יודען. די יודישע איינ־
וואַנדערונג אין פּאַלעסטינע אפילו פאַר די לעצטע צעהן יאָהר, ווען
זי איז געווען די אינטענסיווע, האָט דערגרייכט צו דער איבער־
שטייגונג פונ'ם אריינפאָהר איבערן אַרויספאָהר קוים אויף 5—6
הונדערט אַ יאָהר. און צי פערמעהרט זיך די יודישע בעפעלקערונג
אין פּאַלעסטינע פערהעלטניסמעסיג נאַטירליך מעהר איידער די
אראבישע — וועגען דעם זענען קיין ידיעות ניט פאַרהאַן. עס איז
נור בעוואוסט אַז די אויפגעוואַקסענע יודישע יוגענד פון די קאָלאָ־
ניעס און טיילווייז אויך פון די חלוקה־שטעדט עמיגרירען פון פּאַ־
לעסטינע, און עס קען דערפאַר זיין אַז דער נאַטירליכער צו־וואוקס
פון די יודען איז נאָך קלענער איידער פון די אראבער. אויב אַזוי
וועט, קאָן זיין, אפילו די פּראָפּאָרציע פון די יודען און ניט יודען
אין פּאַלעסטינע זיך מיט דער צייט ניט אומבייטען. און איצט
בילדען די יודען אויס אין פּאַלעסטינע אינגאַנצען 13-12% פּראָ־
צענט פון דער גאַנצער בעפעלקערונג, ד. ה. אַ קלענערע מינדערהייט,
איידער אין דעם רוסיש־יודישען תחום.

נאָר וועט מען זאָגען: די לאַגע איז אַזאַ נור איצט, ווען די
טערקישע רעגירונג שטערט דעם יודישען אַריינפאָהר און דער

ענטוויקלונג פון׳ם לאַנד. ווען די פעלקער אָבער וועלען אָבגעבען פּאַלעסטינע די יודען, וועט דער יודישער ישוב דאָרט שנעל אָנהויבען צו וואַקסען. און די גרויזאַמע וועלט־מלחמה האָט ביי אַ טייל ציוניסטען ארויסגערופען גרויסע האָפענונגען, אז מען וועט די יודען „אָבגעבען" פּאַלעסטינע. לאָמיר דערלאָזען דאָס כמעט אונמעגליכע, אז די פעלקער, וועלכע האָבען צוטראָטען מיט די פיס די פּאַקטישע (ניט די היסטאָרישע) רעכט פון בעלגיען, פון סערביען, פון טשערנאָגאָריען; וועלכע האָבען אליין געבאָדען זיך אין יודישע, ארמענישע, א. ד. ג. אומשולדיגע בלוט אָדער גלייכגילטיג צוגעזעהן, ווי אַנדערע באָדען זיך, אז די אלע פעלקער זאָלען מיט אמאָל ווערען העכסט גוטהערציג און אנערקענען די *היסטאָרישע* רעכט פון די יודען אויף פּאַלעסטינע. וועמען וועלען זיי דאָן אָבגעבען פּאַלעסטינע: דעם ציוניסטישען אָדער דעם אַלגעמיינעם יודישען קאָנגרעס? אָבער וואָס האָט אַזאַ קאָנגרעס פאר א שייכות צו דער איצטיגער בעפעלקערונג פון פּאַלעסטינע? מען דארף רעכענען אז א יודישער קאָנגרעס, ווען ער וואָלט אפילו ארויסגעשטעלט די פאָדערונג פון פּאַלעסטינע פאר יודען, וואָלט ער דאָס געטון נאָר אינ׳ם נאָמען פון *דעמאָקראַטיזם* (ניט אינ׳ם נאָמען פון דעם פּרינציפּ וואָלט הייסען מסכים זיין אויף די בעגרענצונגען, וועלכע עס עקזיסטירען פאר די יודען אין די פערשיעדענע לענדער). אינ׳ם נאָמען פון דעמאָקראַטיזם איז אבער ניט מעגליך צו פאָדערן, אז א יודישער קאָנגרעס, וועלכער איז פון דער פּאַלעסטינער בעפעלקערונג ניט ערוועהלט און ניט בעפאָלמעכטיגט, זאָל ווערען דער געזעצגעבער אָדער דער דעה־זאָגער איבער דער פּאַלעסטינער אנגעלעגענהייטען. אינ׳ם נאָמען פון דעמאָקראַטיזם איז אָבער ניט מעגליך צו פאָדערן צו מאַכען די יודען פאר בעלי־בתים אין פּאַלעסטינע אין דער צייט וואָס זיי בילדען דאָרט נור א קליינע מינדערהייט. די איינציגע פאָדערונג פון א יודישען קאָנגרעס וואָס שטעהט אויפ׳ן דעמאָקראַטישען שטאַנדפּונקט, קאָן זיין — צו געבען פּאַלעסטינע אויטאָנאָמיע און דערביי בעשיצען דורכ׳ן געזעץ די רעכט פון דער מינדערהייט. אָבער ביי אזא אויטאָנאָמיע אפילו וועלען די אראַבער ווערען די הויפּט בעלי־בתים אָדער אפילו די איינציגע בעלי־בתים פון לאַנד. די יודען וועלען דאָרט נאָר אויסבילדען א מינדערהייט, אין בעסטען פאַל א קולטורעלע מינדערהייט. די ראָל אבער פון אַזאַ מינדערהייט האָבען די יודען שוין ניט איינמאָל און ניט אין איין אָרט געשפּיעלט. און דער ביישפּיעל פון פּוילען בעווייזט, וואָס די יודען קאָנען ערוואַרטען ביי אזא לאַגע. ווען די אראַבער וועלען זיך ענטוויקלען, וועלען זיך דאָרטען אָנהויבען רדיפות אויף יודען. קיין בעזונדערע גוטע בעציהונגען צווישען יודען און אראַבער איז שוין איצט אויך ניטאָ, און שפּעטער קאָן די יודישע איינוואַנדערונג אין פּאַלעסטינע דורך די אראַבישע

בעלי־בתים שטארק בעגרעניצט ווערען אדער אינגאנצען פערוועדט ווערען.

די יודישע בעפעלקערונג פון פאלעסטינע וועט דערפאר אלע מאל, אפילו ביי די בעסטע און דעמאקראטישסטע פאליטישע בעדינגונגען זיין קליין סיי לויט איהר אבסאלוטער צאהל, סיי לויט איהר פראפארציע צו דער איבעריגער בעפעלקערונג. און די אונגעהויער אונגינסטיגע נאטירליכע בעדינגונגען וועלען נאך מעהר שטערען דער פערגרעסערונג פונ'ם יודישען ישוב אין פאלעסטינע. און אויב דאס ביסעל יודען, וואס וועלען דארטען זיין, וועלען אוועקגעהן אויף דעם „העברעאיסטישען“ וועג, וואס די ציוניסטען צייכענען פאר זיי אן, וועלען זיי מיט דער צייט אויסבילדען נאך א יודישע גרופע, עפעס א אויסטערלישען העברעאיסטישען יודישען שבט, וועלכער וועט האבען מיט דעם רוב מנין ורוב בנין פונ'ם יודישען פאלק, וואס רעדט יודיש, אזא אדער כמעט אזא וועניגע שייכות ווי די איצטיגע תימנ'ער, מאראקאנער אדער פערסישע יודען אדער די שפאניאלען, וועלכע זענען אונז אין אלגעמיין זעהר פרעמד, האבען מיט אונז אלגעמיינעם גאנץ וועניג און רופען ביי אונז ארויס א רחמנות געפיהל ניט נור צו זייערע צרות, נאר אויך צו זייער גייסטיגער ארימקייט און קולטורעלער אבגעשטאנענהייט. דער יודישער ישוב פון פאלעסטינע וועט אין דעם ר ע א ל ע ן לעבען פון דעם יודישען פאלק, אינ'ם עקאנאמישען ווי אינ'ם גייסטיגען, דערפאר קיינמאל קיין ראל ניט שפיעלען.

אין משך פון די לעצטע אנדערהאלבען טויזענד יאהר איז פאלעכטינע נור געווען א פאלקס־בענקעניש, אלס א בענקעניש — האלב נאציאנאלע, האלב רעליגיעזע — איז זי נאך פערבליבען ביז היינט אין דעם בעוואוסטזיין פון גאנץ ברייטע יודישע שיכטען. אויף א בענקעניש קאן מען אבער ניט און מען טאר ניט בויען קיין רעאלע אינטערעסען פון פאלק. און דאך האבען זיך געפונען פיעלע וועלכע ווילען די דאזיגע בענקעניש עקספלואטירען, וועלכע האלטען אין איין פונאנדערבלאזען די דאזיגע בענקעניש, כדי דורכדעם בעקומען א ווירקונג אויף געוויסע יודישע שיכטען — איך מיין די ציוניסטען.

אין זיינע ערשטע יאהרען איז דער ציוניזם, אלס א אידעע, געווען רעוואלוציאנער. די ארבייטער ארגאניזאציעס, וועלכע זענען אין איין צייט מיט איהם ענטשטאנען, האבען געוועקט דעם פאליטישען בעוואוסטזיין פון די יודישע ארבייטער, דער ציוניזם האט דאס זעלבע געטון בנוגע דעם נאציאנאלען בעוואוסטזיין פון די ברייטע יודישע שיכטען: ער האט גערופען צום לעבען, צו ברייטער טעטיגקייט; ער האט ארויסגערופען גרויסע אידעאלען. שפעטער אבער זענען געקומען מענשען, וועלכע האבען אויפ'ן ארט פון רעאלע אינטערעסען און גרויסע אידעאלען אוועקגעשטעלט די אלטע

בענקעניש נאָך פּאַלעסטינע. און די גאַנצע ציוניסטישע אַרבייט איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין געלדזאַמלעריי; אין שטעלען הונדערטער קערות פאַר קליינע און קליינליכע אונטערנעהמונגען און אינסטיטוציעס — און אין רעדען און אין וועקען די בענקעניש צום אַמאָל, צו דאָס אַלטע, צו דאָס אָבגעלעבטע, צו דאָס טויטע.

דאָס פונאַנדערבלאָזען די בענקעניש צום אַמאָל ציהט געוויס אָב די אויפמערקזאַמקייט פון געוויסע יודישע שיכטען פון זייערע רעאַלע געגענוואַרטיגע אינטערעסען און איז דערפאַר שעדליך. נאָר ווען די ציוניסטען וואָלטען געטון זייער קליינליכע אַרבייט, וועלכע בעפריעדיגט אפשר אינגאַנצען זייער אייגענע נאַציאָנאַלע בענקעניש, און וואָלטען דערביי ניט אַרויסגעגעבען די דאָזיגע קליינליכע בענקעניש־בעפריעדיגונג פאַר אַ וויכטיגע פּאָלקס־אַרבייט, וואָלט קיינער צו זיי גאָר נישט געהאַט און קיינער וואָלט זיך מיט זיי ניט אינטערעסירט. שפּיעלען אָבער אויף די סטרונעס פון דער אַלטער פּאָלקס־בענקעניש און פּראָקלאַמירען די אייגענע קרייזעל־אַרבייט אַלס פאָלקס־אַרבייט — איז דעמאַגאָגיע.

די יודישע מאַסען זענען אַלעמאָל זעהר ווייניג בעקאַנט געווען מיט דעם ווירקליכען צושטאַנד פון פּאַלעסטינע און מיט דעם לעבען פון די יודען דאָרט. און די ציוניסטען נוצען אויס די דאָזיגע אונוויסענהייט און פערגרעסערען זי נאָך דורך פערהיילען דעם אמת אָדער אפילו דורך פערשפּרייטען א י נ ז י י ט י ג ע און דערפאַר אָפט ניט קיין ריכטיגע ידיעות וועגען איהר. דער נאַאיווער עולם גלויבט נאָך אַלץ בתמימות, אַז פּאַלעסטינע איז „אַ לאַנד וואָס פליסט מילך און האָניג", און די ציונסטען האַלטען אונטער און פערשטאַרקען נאָך די אַליוזיע און רופען אַרויס פאַלשע האָפענונגען. עס דאַרף דערפאַר זיין די אויפגאַבע פון יעדערען, וועלכער וויל, אַז דאָס בעוואוסטזיין פון פאָלק זאָל ניט זיין געפעלשט, אַז די האַלב נאַציאָנאַלע האַלב רעליגיעזע פּאַלעסטינע־בענקעניש זאָל ניט זיין קיין פּאָליטישער פאַקטאָר און אַז קיינע אילוזיעס זאָלען ניט האָבען קיין ווירקונג אויף די רעאַלע פּאָליטיק פון פּאָלק — עס דאַרף זיין די אויפגאַבע פון יעדען אַזוינעם — וואָס ברייטער פערשפּרייטען צווישען דעם יודישען עולם ריכטיגע ידיעות וועגען דער אמת'ער לאַגע אין פּאַלעסטינע.

ערקלערונגען.

1) יאהר תרע"א — 1911—1912.
2) יאהר תרע"ב — 1912 — 1913.
3) „פאר די לעצטע 8 יאָהר" — מיינט ביז'ן יאָהר 1912, ווען איך בין געוועזען אין פאַלעסטינע.
4) באַיארע — אָראַנזשען-גאָרטען.
5) באַיארזשע — אויפפאַסער פון אַן אָראַנזשען-גאָרטען.
6) באַיאדער — שייער.
7) ועד — קאָלאָניע-פערוואלטונג, ערוועהלט פון די קאָלאָניסטען.
8) מלוה — אַ לייַ-קאַסע.
9) עשור — אַן אָפּצאָהל פון תבואות- און פרוכט-איינטראג.
10) ווערקא — אַן אָפּצאָהל פון אונבעוועגליכע גיטער.
11) בור-באדען — ניט קיין בעארבייטער באָדען.
12) יק"א — אידישע קאָלאָניזאציאָנס-געזעלשאַפט, וועלכע פערוואלטעט מיט דעם בּאראָן הירש'ס פאָנדען.
13) חו"צ — חובבי-ציון.
14) הוצאות המושבה — קאָלאָניע אויסגאבען.
15) דוברי עברית — העברעאיש-רעדער.
16) יקב — ווייַן-קעלער.
17) פלחא — פעלד-ווירטשאַפט.
18) בעדואינער — אראבער נאָמאַדען, וועלכע וואנדערן ארום אין פאלעסטינע.

ליטעראַטור פערלאַג פון דער אידישער סאָציאַ־ליסטישער פעדעראַציאָן פון אַמעריקאַ.

ערשינען ביז יעצט און געפינט זיך צום פערקויף:

1. ב. האָלצמאַן : די אַמעריקאַנער רעגירונג (אויספערקויפט) .10
2. אללאַן בענסאָן : דער שטייגענדער יקרות (אויספערקויפט) .05
3. מאָרים הילקוויט : דער סאָציאַליזם — — — — — — .10
4. אסקאר אמערינגער : אָנקעל סעם׳ס לעבען — — — .05
5. יודזשין וו. דעבס : יוניאָניזם און סאָציאַליזם — — .05
6. די מלחמה : זאמעלבוך (אויספערקויפט) — — — .12
7. דאָס אידישע יאָהר בוך 1914 — — — — — — — .25
8. דאָס אידישע יאָהר בוך 1915 — — — — — — — .25
9. דאָס אידישע יאָהר בוך 1916 — — — — — — — .25
10. א. ש. זאקס : די לעהרע פון סאָציאַליזם, בראָשירט — — .25
פראכטפאָל געבונדען .40
11. דר. מ. גאָלדפארב : די ארבייטסלאָזיגקייט — — — .05
12. טהערעזא מאלקיעל : די פרוי און די פרייהייט — — .03
13. יעקב לעווין : דער אמת וועגען פאלעסטינא — — — .25

אָרגאַניזאַציאָנען קריגען 30% דיסקאָונט.

אָרדערס ווערען געשיקט נאָר פאַר געלט.

מיט בעשטעלונגען זיך ווענדען צו:

JEWISH SOCIALIST FEDERATION OF AMERICA

175 East Broadway, New York, N. Y.

LITERATURE DEPARTMENT

די נייע וועלט

אָפיציעלער אָרגאַן פון דער
אידישער-סאָציאַליסטישער פעדעראַציאָן פון אַמעריקא

סאָציאַל־פּאָליטישע און ליטעראַרישעס וואָכענבלאַט
געווידמעט די אינטערעסען פון די ארבייטערמאַסען

די „נייע וועלט“ האַלט אָן, צווישען אנדערע, די פאָלגענדע שטענדיגע אבטיילונגען:

1. לייט־ארטיקלען און עדיטאָריעלע נאָטיצען. 2. ארטיקלען פון מיטארבייטער איבער לויפענדע פראַגען פון סאָציאַל־פּאָליטישען און קולטורעלען לעבען, אידישען און אלגעמיינעם. 3. די פּרעסע — קריטישער איבערבליק פון צייטונגען און זשורנאַלען, אידישע און אלגעמיינע. 4. אין דער ארבייטער בעוועגונג — לוח פון פּאַסירונגען אין דער אייראָפּעאישער, אַמעריקאנער און אידישער ארבייטער בעוועגונג; מעלדונגען און דיסקוסיאָן פון פּראקטישע טוער אין דער ארבייטער וועלט. 5. אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט — 6. קליינער פעליטאָן. 7. ליטעראַטור און לעבען — קריטישע אָפּהאַנדלונגען איבער ליטעראַטור, קונסט און דערגלייכען. 8. אמעריקא אינסטיטוציאָנען, געשיכטע און בעוועגונגען. 9. פּאָעזיע, סקיצען, ערצעהלונגען. 10. די וואָך — א טעגליכער לוח פון די וויכטיגסטע פּאַסירונגען.

סובסקריפּשאָן ־ פּרייז:

אין די פעראייניגטע שטאַטען: 1 יאָהר — 1 דאָלאר; 6מאָנאַט 50 סענט. אין קאנאדא און אייראָפּא: 1 יאָהר — 1.50 דאָלאר;

Die NAYE WELT, 175 East Broadway. New York, N. Y.

פערלאַג פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראציאַן פון אמער.

„די צייט“

דריי־מאָנאַטליכער סאָציאַל־פּאָליטישער און
קולטורעלער זשורנאַל, געווידמעט דעם שטודיום:

1. פון סאָציאַליזם, אַלס וויסענשאַפט און בעוועגונג;
2. פון אמעריקא, איהר געשיכטע, אינסטיטוציאָנען און בעוועגונגען;
3. פון פּראָבלעמען און פראַגען פון אידישען לעבען.
4. פון ראַדיקאַלען געדאַנק.

סובסקרפּשאָן פּרייז:

אין די פעראייניגטע שטאַאַטען: 1 יאָהר—1 דאָלאר; איינצעל.נומ. 25ס.
אין קאנאַדא און אייראָפּא: 1 יאָהר 1.20$; איינצעל.נומ. — 30

DIE ZEIT, 175 East Broadway, New York, N. Y.